STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10841

# PARTIZANER GEYEN!

Szmerke Kaczerginski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. קאטשערגינסקי

# פארטיזאנער גייען!...

צווייטע פארבעסערטע אויפלאגע

ארויסגעגעבן דורך דער
מפקדה הראשית פון דער הסתדרות פרטיזנים, חילים, חלוצים פח״ח
אין דייטשלאנד.

פארלאג: „אויף דער וואך", באמבערג

**PARTIZANER GEEN**

Published by Unzer Weg Licence Nr. AG 383. 7 GEC-AGO

Printed by Otto-Verlag, Bamberg, Lange Straße 22

* *
*

אליין צוגעזען און מיטגעמאכט די גרויסע גבורה־עפּאָפּייע פון יידישע מענטשן אין די שוידערהאפטע־יאָרן פון אומקום און פארניכטונג.
אליין געפילט די פרייד פון יידישער נקמה, מיט וועלכער עס האָבן געאָטעמט די אנטרונענע אין די וועלדער
יידישע פארטיזאנער —
האָט דער דיכטער־פארטיזאן, ש. קאטשערגינסקי
גלייך אויפן אָרט, אין וואלד — פארצייכנט.

פארצייכנט — אונטערן ערשטן, אוממיטלבארן איינדרוק פון א דורכגע־פירטער קאמפס־אויפגאבע,
פון א טראגישן טויט פון א חבר,
פון א נקמה־אקט איבער מערדער און פייניקער.

פארצייכנט — זייענדיק אדורכגעדרונגען פון א טיפן אחריות־געפיל, פון אן אומרו און אנגסט געפיל — די דאָזיקע וואנדערבארע גבורה־אנטפלעקונגען

פון פארצווייפלטן יידישן ווידערשטאנד.

זאָלן נישט פארגעסן ווערן, זאָלן נישט בלייבן אומבאקאנט,

ווי

פארגעסן און אומבאקאנט זיינען געבליבן די העראָאישע אויסברוכן פון

יידישע אויפשטאנדן אין פארשיידענע געטאָס,

ווייל קיינער איז נישט געבליבן,

ווייל קיינער האָט נישט פארצייכנט...

פארצייכנט — פאר דער געשיכטע.

פאר אונדז —

א טרייסט און א דערמוטיקונג.

אין גורלדיקע טעג פארן קיום פון אונדזער פאָלק ברענגען מיר דאָס

בוך פארן יידישן לייענער.

א בוך וועגן יידישער גבורה, וועגן געהייליקטן יידיש געווער און וועגן

גרייטקייט צו מקריב זיין דאָס לעבן אין קאמף פארן לעבן — — —

זאָל עס אונדז שטארקן אין היינטיקע שווערע טעג.

י. ש.

מינכען, אפריל, 1948.

# פאַרטיזאַנער גייען!

אין אנהייב פון דער פארטיזאנישער באוועגונג האט דער רוף ארויס־
גערופן א ציטער ביי דער באפעלקערונג. זיי האבן נישט געוווּסט, וואָס
דאס איז אזוינס. די באפעלקערונג האט געהערט בלויז, ווי די דייטשן זאגן,
אַז דאס זייגען באנדיטן, וועלכע באהאלטן זיך אוים אין די וועלדער, זעען
אוים ווי די ווילדע חיות. באוואָפנטע מיט העק, מיט ביקסן, מיט מע־
סערס . . .

— פארטיזאנער גייען!

בלויז דער רוף איז שוין גענוג געווען, אז די דייטשן, פּאָליציי און
פאררעטער אין די שטעטלעך, גארניזאנען און אין די בונקערס זאלן ליגן
אין שרעק און אין ציטער באהאלטן אוןווארטן אויף דער מינוט, ווען
די געפאר וועט אריבערגיין.

— פאַרטיזאנער גייען!

פארשידן־קאלירדיק איז זייער אנטועכץ: דייטשישע, ליטווישע, אַלט־
פוילישע און ציווילע מונדירן, הויזן, היטלען און אפילו קאפעלושן. יעדעם
געווערשטיק וואלט געקענט דערציילן גאר אינטערעסאנטע געשיכטעס, ווי
אזוי עס קומט אהער. דייטשע ביקסן און אויטאמאטן, פראנצויזישע און
האלענדישע ווינטאוועקעס, אלטע אטרעזאנקעס, מיט וועלכע דער מלך סאָ־
ביעסקי האט שוין מסתמא נישט געשאסן, פיסטאלעטן פון אלע לענדער,
פון אלע קאליבערן, גראנאטן אין אלע גרייסן, אין כלערליי פארמען... יע־

דעם געווער־שטיק האָט געקאָסט בלוט. בלוט פון היטלעריסטן און אפשר אויך פון פּאַרטיזאַנער. מיט די הענט זיינען זיי אפשר באַפאַלן דעם שונא, צוגענומען זיין געווער און דערמיט ווייטער געקעמפט קעגן אים.

— פּאַרטיזאַנער גייען!

און ווען צו דעם רוף איז נאָך צוגעקומען דער צוגאָב:

— יידן! יידישע פּאַרטיזאַנער גייען!

דאַן האָט זיך נאָך מער צעציטערט די פעל פון די רויבער, פון די מערדער.

— וואָלטן זיי כאָטש גערויבט... — פלעגט זאָגן אָפּשר איין מערדער צום אַנדערן וועגן די יידן־פּאַרטיזאַנער. ווייל ווען די יידן־פּאַרטיזאַנער פלעגן זיך אַריינרייסן צו אַ דייטש, צו אַ מערדער, פלעגן זיי נישט זוכן קיין גוטס, די יידן האָבן זיך באַגנוגנט ערשט דאַן, ווען זיי האָבן זיך „גע־באָדן אין בלוט פון די מערדער פון זייערע משפחות.

די יידישע פּאַרטיזאַנער פון ליטע און פון ווייס־רוסלאַנד האָבן אָנ־געוואָרפן אַן אימה אויף די היטלעריסטן און זייערע מיטהעלפער אין יענע קאַנטן. הונדערטער דייטשן, פּאָליציאַנטן און פּויערים, וועלכע האָבן דורכ־געפירט די שחיטות אויף יידן אין די שטעטלעך, זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן דורך די יידישע נקמה־נעמער. די ווילנער טוביה סערעש, דוק־שטעלסקי, קאַצענבויגן, גערטמאַן און אַנדערע האָבן געפּטרט אַזעלכע מערדער פון אַרום שטעטל סוויר און זייערע הייזער פאַרברענט. דער זוי־לייקער איצקע אַלפּעראָוויטש האָט דערלעבט צו דער נאַכט, ווען ער האָט ענדלעך, נאָך אַ צייט טשאַטעווען, געכאַפּט דעם מערדער פון זיין מוטער און פון אים פּאַסן פלייש געשניטן, אַזוי ווי דער פּויער האָט עס געטאָן מיט זיין מוטער.

אבנר פייגלמאַן, איציק בלאַט, יואל וועקסלער, לייבע חדש פון גלו־באָק האָבן דערשאָסן די מערדער אַרום שטעטל, וועלכע האָבן אַנטייל־גענומען אין דער שחיטה אויף די יידן און פאַרברענט זייערע הייזער.

גרויזאַם איז געווען די נקמה פון די ווילנער יידישע אָטריאַדן „נקמה־נעמער" און „אַ טויט דעם פאַשיזם" אין די רודניצקער פּושטשעס, ביי

# פאַרטיזאַנער גייען!...

ווילנע און פון יידישן אָטריאַד „נקמה“ אין די נאַראָטשער וועלדער. ס׳פלעגן אפט זיך צעפלאַקערן אין די נעכט דערפער גאַנצע, די ערד פלעגט באַמיסטיקט ווערן מיטן בלוט פון די מערדער.

איך לייען נאָך אַמאָל איבער די שורות, וועלכע כ׳האָב נאָר וואָס אָנגעשריבן, און ווייס, אַז ס׳וועלן זיך געפינען לייענער, וועלכע וועלן נישט קענען פאַרטראָגן מיין שפּראַך וואָס איז פול מיט בלוט־דורשט. איז אויב דאָס וואָרט „בלוטדורשטיק“ ווערט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַזאַ מענטש וואָס זיין פאַרגעניגן איז טרינקען מענטשלעך בלוט, בין איך וויט פון צו זיין אַזאַ, ווייל דאָס בלוט פון די „מענטשן“־מערדער איז נישט ווערט אפילו, עס זאָל די ערד מיט דעם באַמיסטיקט ווערן.

מיט וואָס פאַר אַ גליאיקן אייפער ס׳האָבן די קעמפער, אַדורכגעגייסענע פון די געטאָס אין קאַמפן קעגן שונא צו די פאַרטיזאַנישע וועלדער, זיך געגרייט צום רעוואַנזש קעגן שונא און... און וואָס פאַר אַ „קבלת־פּנים“ זיי האָבן געקראָגן פון זייערע נישט יידישע קאַמפס־חברים. אביזר גיך האָט זיך דער יידישער פאַרטיזאַן דערוואָרבן דעם אָרט וואָס האָט אים געקומט. מיט דרך־ארץ פלעגט מען רעדן צווישן די פאַרטיזאַנער אין די וועלדער פון ליטע און מערב וויים־רוסלאַנד וועגן די יידישע העלדן — ליאָלע וואַרשאַווטשיק, באָריס יאָכיי, איצקע רודניצקי, בוטיענאָק, ד״ר אַטלאַס, לייבע חדש, טוביה סערעש, וויטקע קעמפּנער, אבנר פייגלמאַן, איציק בלאַט, ברידער בעלסקי, קאָטשער, לייבע וואָלאַק, קאָפּעלאָוויטש, פּאָזניאַקאָוו. לעגענדעס פלעגן וועגן זיי אַרומגיין.

די און אַנדערע הונדערטער יידישע פּאַרטיזאַנער פון ליטע און וויים־רוסלאַנד האָבן הויך געטראָגן די פאָן פון קאַמף קעגן היטלעריזם, די פאָן פון „כבוד דעם יידישן פאָלק“, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ ביי די נישט־יידן, וועלכע האָבן אַקאָרשט אַזוי איגנאָרירט די יידישע קעמפער.

געבענטשט זאָלן זיין יענע הענט, די קוילן און יענער מעסער, וואָס האָט געבראַכט די נאָך נישט דערצאָלטע באַצאָלונג די מערדער און געבענטשט זאָלן זיין יענע הענט וואָס רוען נאָך נישט און זייען

נאָך אַלץ אין טראַנס פון אויסשפּילן די הייליקע צוואה פון אונדזער געשאַכטן פאָלק.

— פּאַרטיזאַנער גייען!

אויסער עטלעכע זיינען די איבעריקע פאַרצייכענונגען, וואָס קומען אַריין אין דעם בוך, אַלע געשריבן געוואָרן אין וואַלד, אויף אויפגאַבעס, ווען אין די הענט איז טאָג און נאַכט געהאַלטן געוואָרן דאָס געווער און ווען אויב די צייט האָט דערלויבט, האָט דער בלייער געטאָן דאָס זייניקע...

ניט קיין אויסגעטראַכטע זיינען די העלדן פון די פאַרצייכענונגען און אוודאי ניט די פּאַסירונגען (וואָס קען נאָך זיין אינטערעסאַנטער, ווי דאָס, וואָס דאָס לעבן אַליין האָט צוגעטראַכט?). אויב אַנדערע בילדער זיינען ניט געהעריק באַאַרבעט געוואָרן, ניט ליטעראַריש געשליפן, זאָל עס דער לייענער ניט נעמען פאַר אומגוט. דאָס זיינען צייט־דאָקומענטן, וועלכע דאַרפן ניט געענדערט ווערן.

כ׳דערמאָן זיך: דעם 1טן יוני 1944, פאַרן אוועקגיין אויף אַ לענגערער צייט פון דער פּאַרטיזאַנער־באַזע אויף וויכטיקע קאַמפּס־אויפגאַבעס, האָט מיר מיין קאָמאַנדיר געזאָגט:

— איך האָף, אַז דו וועסט צוריקקומען, אָבער... — ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן. איך האָב פאַרשטאַנען, אין וואָס עס גייט... אָבער דער קאָמאַנדיר האָט פאַרענדיקט: — איך ראָט דיר דעריבער, אַלע דיינע פּאַפּירן פּאַק איין און שיק אַוועק מיטן עראָפּלאַן, וואָס דאַרף מאָרגן קומען פון מאָסקווע און אָפּפליען צוריק.

כ׳האָב אַזוי געטאָן. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָב איך די מאַטעריאַלן באַקומען פון מאָסקווע צוריק און צווישן זיי די פאַרצייכענונגען, וועלכע כ׳ברענג דאָ אין בוך.

לאָדזש, אַפּריל 1946.

ש. קאַטשערגינסקי

# א יידישער פארטיזאן

אבנר איז געלעגן ווי פארחלשט אין בלאטיקן גראז און אליין נישט געקענט קומען צו זיך. ס׳האט זיך געריסן דער זוניקער בלאָ דורך די אויגן־דעקלעך און מיט געוואלד זיי צעעפנט. א ליכטיקייט האט זיך צעשפרייט צווישן די גראזן איבער אים און זיך צעשפיגלט אין די שוויסטראפנס, וועלכע האבן זיך געקייקלט פון די שלייפן. אין ווייטיק האט ער געבויגן דעם קאפ הין און צוריק, — דאס הויכע גראז האט זיך צעוויגט איבער אים און געפליסטערט וואָס אין די אויערן אריין. ער האט צונויפגעקנייטשט דעם גרויסן שטערן און געבונדן איגאיינעם די צעפלאכטענע געדאנקען, וועלכע זיינען ווי וואָלקנדלעך געשווומען אן א סוף.

ס׳האט זיך באקומען אזוי:

ער האט זיך אפגעשטעלט ביי א טייכל באדן. דער פלוס האט געצערטלט און דערפרישט די גלידער. ווען נישט די אויפגאבע, וועלכע ער האט באדארפט איצט גיין דורכפירן, וואָלט ער זיך א גאנצן טאג דא געפליעסקעט . . .

וואָס איז געווען ווייטער?... אהא... ער האט זיך אנגעטאן, און ווי גאר ער האט א נעם געטאן די ביקס אויפן אקסל, האט דער לויטערער טאג אנגעהויבן אויף אים רעגענען מיט קוילן. פשוט רעגענען, — אזוי ווי דער שונא וואָלט געהאט קעגן זיך נישט אים אליין, נאר צענדליקער. און אפשר האבן זיי געמיינט, די שונאים, אַז דא זיינען פאראן טאקע ווער־ווייסט וויפל פארטיזאנער...

איצט איז שטיל. איבערן בלאָ פּליט דורך פון צייט צו צייט א פויגל, טוט א קוק אויף אים און פליגלט ווייטער. עס דוכט זיך אים, אבנרן, אז דער שונא האָט דאָס ארויסגעשיקט א פייגל-אויסשפּירער, זען ווו ער געפינט זיך... צעשמייכלט ער זיך:

— פּוסטע זאכן...

ער האט אנגעהויבן מאכן גימנאסטישע איבונגען:

— איינס-צוויי, איינס-צוויי, שווער...

דער ווייטיק האָט אָבער אנגעהויבן נאכגעבן און פארשווינדן. לעבע-דיקער האבן זיך צעוויגט הענט און פיס איבער דער ערד:

— איינס-צוויי, איינס-צוויי.

דער קערפּער איז געוואָרן בויגעוודיקער, שלאנקער:

— נו, — רופט ער ענדלעך אויס און זעצט זיך, — צוריק דער זעלבער אבנר.

ער פארוויקלט די פינגער אין פויסטן:

— ווער איך דאס די אויפגאבע, וואָס דער קאמאנדיר האט מיר גע-געבן, נישט אויספירן? וועט דער אָטריאַד בלייבן אויך אויף ווייטער אָן קוילן? אָן געווער? — ער האט זיך אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט, — וואָס ס'זאָל נישט זיין, די אויפגאבע אויספירן מוז איך!

די פּארטיזאנער-באזע איז שוין ווייטלעך הינטער אים. דעם ציל דערגרייכן איז נאָך ווייטער. דאָס שרעקט אים נישט. יעדער טריט פאָראויס פארשטארקט אין אים דעם ווילן צו שטעלן דרייסטער און זיכערער דעם טראָט.

...דערוויסן זיך ווו ס'געפינט זיך געווער און מעלדן דעם קאמאנדיר וועגן דעם — אזא איז געווען אבנרס אויפגאבע.

אויפן געדאנק איז אים דאן געקומען „באראָק" — דער וואלד ארום שטעטל גלובאק, ווו ס'ליגט באגראבן געווער. דארט דארף מען דערגיין.

א קילאמעטער דרייסיק פארן שטעטל איז ער אריין צום פארבינד-לער וואָלאָדיע:

— ברודערל, — האָט זיך דער פויער דערפרייט, — איך קוק דאך שוין די אויגן אוים אויף דיר... ס'ווארטן דא נישט ווייט אין וועלדל א

היפּש ביסל באוואָפנטע, און ווילן נישט אנדערש אריין אין פּארטיזאנקע.

אבנר האט ברייט די אויגן צעעפנט:

— וואָס זאגסטו, וואָלאָדיע? מענטשן? געווער? באוואָפנטע?

— אפשר טויזנט ביקסן, — האקט איבער וואָלאָדיע.

— ברודערל מיינער, — האט אים אבנר א כאפּ געטאן מיט ביידע הענט און אים אין דער לופטן געהויבן. — טויזנט ביקסן... טויזנט קושן גא דיר... — אבנר האט געהאלדזט און געקושט וואָלאָדיען און מיטאמאל זיך א כאַפּ געטאן:

— טויזנט ביקסן זאגסטו? — ליגן זאגסטו! — ווערט ער אין כעס אויפן פויער.

— און אז נישט טויזנט... און אז הונדערט... און אז צען וועסטו נישט צונעמען, — האט וואָלאָדיע אראפּגעלאזט אלע ווייל פון דער צאל, — געווער האבן זיי און וויפל זיי האבן, קען איך דיר פּינקטלעך נישט זאגן... שוין...

אבנר האט זיך צעלאכט:

— טויזנט ביקסן... נאַר, דו ווייסט, וואָס טויזנט ביקסן זיינען? אָט וואָלט דאס צונויף געקומען פאר אונדזער בריגאדע!... — ער טוט זיך א זעץ אין שטערן, — און טאקע אבנר, אויב אפילו צ ע ן ביקסן, האסטו דאך שוין א ו י ך דיין אויפגאבע דערפילט.

— און ווער זיינען די מענטשן, וואָלאָדיע, הא?

— פון די סאמאכאוועצעס*), זאגט מען...

— ססס־מא־כאָו־צעס... — האט אבנר צעצילנדיק די זילבן פארביסן די ליפּן — נישט קיין גאר פיינע לייט, אָבער גאָרנישט... אויב זיי מיינען אין דער אמתן איבערגיין אין פּארטיזאנקע, וועלן זיי צונויף קומען... און זייער געווער, אוודאי און אוודאי. אלנפאלס דארף מען א טאפּ טאָן אין וואָגן... ווייסטו וואָס, וואָלאָדיע, גיי, אבער זאם זיך נישט און ברענג איינעם אויף א שמועסל אהער...

---

*) סאמאָכאָוועצעס — סאמאָ אָכראָנא. באוואָפנטע באנדעס, וואָס פלעגן אויסגענוצט ווערן דורך דער געשטאפּאָ, אויף דער ציווילער באפעלקערונג און אויף די פּארטיזאנער.

ער האט זיך געשטעלט ביים פענצטער, זיך געמאכט באַקוועם ווי אויף א פּאָזיציע קעגן שונא און מיט דער ווינטאוויקע אין האנט גע־צילט די אויגן צום וועלדל, וווּ ס'איז אוועק וואָלאָדיע.

„גרייט זיין אויף יעדן פאל" — הייסט עס. „און זאל זיך מיר דוכטן, אז איך בין אויף אן אויפגאבע אוועק און זיך מער נישט צוריק־געקערט. טרעפט דאס דאך אויך אמאָל"...

ער האָט קוים דערלעבט צו זען א מענטש פון וואלד. ענדלעך איז ארויס פון וואַלד וואָלאָדיע און הינטער אים — א דייטשער אָפיציר. אבנר איז אויפגעשפּרונגען און ארייננעצויגן א קויל אין לופע:

— „קען דאָס זיין, אז וואָלאָדיע זאָל מיך ארויסגעבן? און אפשר האט ער זיך אליין געלאזט ארייננארן? גרייט זיין אויף יעדן פאל"...

ער האט זיך א כאפּ געטאן פארן רימען, א טאפּ געטאן די גראנאטן־קעפּ:

— יא זיי שטעקן.

ער האט דערזען דעם גאָלדענעם גאלון אויף דעם אפיצירס עפּאָלעטן:

— גארנישט קיין דייטשישע, זאלן דאס טאקע זיין די צארישע עפּאָ־לעטן, וואָס די דייטשן האבן אנגעטאן זייער רוסישע ארמיי... קען זיין.

דער אָפיציר האָט געטראָגן מיט זיך אן אויטאָמאט, ביים זייט איז געהאנגען א פּיסטאלעט, אויפן ברוסט האט זיך געוויגט א בינאָקל:

— אָט באוואָפנט, צום טייוול, — האט אבנר אין קנאה אויסגע־מורמלט, — עד הינטישער זון, ווען א י ך האב דאס דיינע צאצקעס!

וואָלאָדיע האט א געשריי געטאן פון ווייטן:

— שיס נאך נישט, בחור! איך פיר צו דיר א צארסקן גענעראל..

דער אפיציר האט זיך געשטעלט פאר אבנרן אויף אכטונג און אין ציטער אויסגעהאקט:

— זדראווסטוווי, טאָווארישטש פארטיזאן!

— זדראווסטוווי, זדראווסטוווי, — האָט זיך אבנר צעשמייכלט לע־בעדיק, — זעץ זיך.

דער אָפיציר האט נאך אלץ געציטערט, געקוקט אין אלע ווינקעלעך און לאנג געטראכט ווי אזוי אנצוהייבן רעדן.

— האָט קיין מורא נישט — האָט אבנר גוטברודעריש אוועקגעלייגט אויף אים די האנט, — ציטער נישט. רעד. קיינער איז נישטאָ, אַלע אייגענע.

— וואָס איז דאָ צו רעדן, — האָט ענדלעך דער אָפיציר ארויסגעפלאצט, — ס'הארץ טוט ווײ.. אָפטמאָל בייגאַכט צעוויין איך זיך אזוי, אז... דאָס קישן ווערט פון טרערן נאס... ווי א קליין קינד... — זיין קול איז אין ציטער געבליבן שטעקן אין האלדז.

— נו, ווי פאסט עס גאָר, פאר דיר אזוי... — האָט גוטמוטיק אבנר אים איינגעשטילט. — איצט, ברודער מיינער, דארף מען גאָר דעם קאָפּ האָבן אויף זיך און רייבן אויף וואָס די וועלט שטייט דעם שונא די פלייצקע.

דער אָפיציר האט זיך צעשמייכלט:

— ווילן מיר דאָס טאקע גיין צו   א יי ד,   צו די פּארטיזאנער... צו אייגענע, — ער האט אָפּגעזיפצט. — אמת, אביסל צו שפּעטלעך אפילו .

— ווייסט דאך ווי מען זאָגט: „בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל"

— האקט אים אבנר איבער, — נו, און וויפל זענט איר? — ברענגט ער אין אומגעדולד, — א פּאָלק אוודאי א גאנצער... און געווער, זאָגט וואָלאָדיע, האָט איר דאָך א סך! טויזנט ביקסן!...

— אָהאָ! ניין, חברים, דאָס האָב איך נישט געזאָגט. געווער האָבן מיר אביסל, אָבער נישט אזויפיל, וויפל וואָלאָדיע זאָגט אייך...

מ ע ר  האָט אבנר נישט באדארפט. — ס'הייסט געווער איז אויך פאראן.

כדי צו זיין זיכער, האָט ער געבעטן ביים אָפיציר זיין געווער אין צוזאמען זייגען זיי אוועק צום וואלד.

ער איז געווען גליקלעך, אבנר: 19 געשפּאנטע וועגענער מיט געווער. 87 ביקסן, א טשעכישער פּולעמיאָט, 2 אויטאָמאטן, 5 פּיסטאָלעטן און 10 טויזנט קוילן. ווי א גענעראל איז ער ארומגעגאנגען פאָראויס און הינטער אים די אָפיצירן.

געווען זיינען ביז נישט לאנג ביי 200 מאן. איינציקע און גרופּנווייז

זיינען זיי זיך צעלאָפן אין זייערע היימען, צו ווייב און קינד, צו שטוב און רינד... ס'האָט זיי נישט געלאָקט דער דייטשער מונדיר און דער שטאָלץ אויפגעהויבענער קאָפּ פון אָפיצירישן היטל מיט די גאָלדענע צארישע עפּאָלעטן. איצט זיינען זיי געבליבן סך=הכל 30 מאַן. אלע ווילן זיי גיין אין פּארטיזאנקע, ווילן העלפן ארויסטרייבן דעם אָקופּאנט פון לאַנד, דעם צינדער פון זייערע שטיבער, דעם מערדער פון זייערע פאַמיליעס.

זיי זיינען איצטער גליקלעך. דערגרייכט דעם ציל!

א טראָפּן ביטערקייט איז דאָך פאראן אין דעם כוס פון פרייד... דער עלטסטער האלט נישט אוים:

— הער, חבר, אָבער דעם אמת זאָג, איר וועט אונדז נישט קוילענען... אבנר האָט זיך צעלאכט:

— אָט ד ע ם קאָפּ, — גיט ער א קלאַפּ זיך אין שטערן — טראָג איך אייך אויפן האנט אונטער, אויב ס'וועט אייך וואָס פעלן, אויב ס'וועט אויך אפילו א שלעכט וואָרט זאָגן ווער.

אבנר ווערט דער אויספירער. פליט ער אויפן אָדלער=פערדל, דער אויטאָמאַט וויגט זיך אויפן ברוסט אונטער א גרויסן בינאָקל. ער כוואַשטשעט דאָס פערדל און רעדט צו אים:

— עך פערדעלע, פלי... פלי צו מיין קאָמאנדיר... פלי צו מיין בריגאדע! געווער האָב איך פאר אייך, ברידערלעך. באָרע! פאר דער שלאכט ביי היידוצישאָק באַקומסטו אַן אויטאָמאַט, וואַסקע — נא דיר א פּולעמיאָט, לייבל, וואַניע, ליאָווקע, — נעמט, קלייבט זיך אוים! דער קאָמאנדיר, אָט וועט ער זיך פרייען.

ער פליט און זוניקע געדאנקען יאָגן אים נאָך:

— ווי גוט! דער וועג איז פריי! זיכער!

פליט ער הין און צוריק. קוועלט אָן קוקנדיק אויפן קאַראַוואַן. ווער קען זיך איצט צו אים גלייכן?

די דאָרפישע באפעלקערונג דערשרעקט זיך. גיכער פון א בליץ דערטראָגט זיך די ידיעה צו אלע איינוווינער אין די שטיבלעך אריין, אז גם פּאַרט א שטראָף=עקספּעדיציע פון די סאמאכאָוועצעס. פויערים באהאלטן



אַפּיוואלע, בוגנאס, איסקין, יאדזיא, פלעקסער, בערמאן, יאכיי.

זייערע זאכן אין קוסטעס, פארטרייבן די בהמות אין פעלד און אליין צעלויפט מען זיך אין די וועלדער...

— וואָס טוט זיך דאָ? — טראכט אבנר, טרעפנדיק די פוסטע דערפער. — ווו זיינען דאָ די פויערים אהינגעקומען?

אַן אלטיטשקער איז פון הינטער א בוים ארויס:

— ווו פליסטו, ווו? — האָט ער זיך צעבייזערט אויף אבנרן — צוריק דו משוגענער... א גאנצער אָבאָז מיט דייטשן פאָרן דאָך אהער... אלע זיינען דאָך צעלאָפן אין די וועלדער...

אבנר האָט זיך א כאפ געטאָן פארן קאָפּ:

— צום טייוול! מען נעמט זיי דאָך אָן פאר דייטשן... זיידעשי, זאָג אלע אָן, אז דאָס פאָרן אייגענע, פארטיזאנער! קוקט נישט, וואָס זיי זיינען אָנגעטאָן אין דייטשע קליידער...

אבנר לויפט ווי א וויכער אויפן פערדל. דורך דערפער, שטעטלעך, פארטיזאנער־באזעס און בארויקט:

— חברים! שרעקט זיך נישט, ס'פאָרן אייגענע... אייגענע...

נאראָטשער וועלדער, שטאב פון דער וואָראָשילאָוו־בריגאדע.
דעצעמבער 1943.

# דער 15טער עשאלאָן

באָרים איז דער עלטסטער זון ביים טאַטן, שוין אָנגעהויבן אָקאָרשט דעם דריטן יאָרצענדליק. איז קוים א יאָר פארביי, ווי ער איז פון שטעטל אוועק און דער קאָמאַנדיר פון דער פארטיזאַנער־בריגאַדע, איז שוין שטאָלץ מיט אים:

— ווי דער יונג האט זיך צעוואקסן, ווי פליגלען וואָלט ער באקומען. אַן אמתער אָדלער!

אויך דער טאַטע, וואָס איז מיט אים אין זעלבן אָטריאַד, דערקענט נישט זיין זון. ער טוט א פיר מיט די אויגן צום הימל צו, ווו עס שטראַלט ארוים דעם זונס זוניקער קאָפּ און ס׳האַרץ קוועלט אין אים:

— ווי דער יונג האָט זיך צעוואקסן, ווי פליגלען וואָלט ער באקומען, אן אמתער אָדלער.

עס ציטערט דער טאַטע איבער זיין באָריסן, אויסער לייבלען, פון וועמען ער האָט שוין אויך לאַנג נישט קיין גרוסן באקומען, איז ער אים אַליין פארבליבן.

באָרים רוט נישט. ווי ער וואָלט געפלויגן און געשטורעמט די לופט. אָט איז זיין שטורעם־גרופּע ווו ער איז קאָמאַנדיר: איוואַן סמירנאָוו, קאָליאַ פעטראָוו, יוסף פלעקסער, וואַניע לאַווריגאָוויטש און איציק רודניצקי.

— מיט אַזעלכע חברה וועל איך אין ערגעץ נישט פארפאלן גיין — איז ער זיכער.

— מיט באָריסן וועלן מיר אפילו אין פייער אריינגיין! — זאָגט יעדער איינער פון זיי.

איצט איז שוין יוני. אויפן בערגלדיקן גרין ליגן זיי צעלייגט און קענען זיך נישט אָנזעטיקן פון דער מחיהדיקער זון. ווי קעצלעך ציען זיך די יונגען און קלאַמערן די גלידער אין דער ערד און פּערלדיקע בייכטקייט צעפינקלט זיך אין בריליאַנטן אויף זייערע אָפּגעברוינטע לייבער.

נאַכט. דעם פאַרגאַנגענעם זומער אין א פינצטערער נאַכט האָט די געשטאַפּאָ אוועקגעפירט די מאַמען און דאָס שוועסטערל. און טאַקע דערפאַר האָט זיך זיין לעבן, באַריסעס, אַנגעהויבן, ווען דער הימל פלעגט זיך פאַרציען מיט א טונקעלן סאַמעט.

גייענדיק אויף זיינע אויפגאַבעס, פלעגט ער שטורעמען די פינצטערניש, ווי ער וואָלט געוואָלט זי דורכברעכן, צערייסן, און דערזען: אפשר, אפשר וועלן זיך דאָך אָפּגעפינען זיינע טייערסטע.

אין פיר טעג ארום ווערט זיין א יאָר. אין פיר טעג ארום האָט זיך באָריס געשטעלט פאַר א ציל, צו פאַרפּצולאָזן מיט זיין גרופּע דעם 15-טן עשאַלאָן.

דער אָטריאַד-קאָמאַנדיר גיט אים, ווי געוויינלעך, צוויי וואָכן צייט דורכצופירן די אויפגאַבע.



בערל יאָכיי, אַראָפּגעלאָזן 17 עשאַלאָנען.





אויבן און אונטן: —
יידישע פּאַרטיזאַנער רייסן
אויף באַן־ליניעס

אין מיטן: — יאָסל פלעקסער
פון אָטריאַד „ווילנע"
אין די נאַראָטשער וועלדער



— חבר קאָמאַנדיר, — געזעגנט זיך באַרים — אין דער נאַכט פון 27טן אויפן 28סטן יוני קענט איר פאַרשרייבן אויף מיין קאָנטע דעם 15טן עשאַלאָן.

— נו — צעלאַכט זיך דער קאָמאַנדיר — היינט איז דאָך שוין דער 24־טער; בלויז עטלעכע טעג געבליבן...

— אָדער... — באַרים פאַרענדיקט נישט, אָבער אלע פאַרשטייען, וואָס דער „אָדער" באַטייט.

אין א ציטערדיקער דערוואַרטונג בלייבט דער גאַנצער אָטריאַד:

— איינגאַנצן פיר טעג געבליבן... וועלן זיי אַראָפּלאָזן אַן עשאַלאָן, צי נישט? — זיי האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק וואָס האָט געעקבערט.— אָדער באַרים וועט שוין מער קיינמאָל נישט קומען צוריק?...

האָט זיך די גרופּע געזאָלן אין וועג.

פּיינט אויף אלע וועגן, היטלעריסטן, סאַמאַכאָוועס, וויסע.

פון באַרימען איז נישט אויסצוהאַלטן. ער ווייס נאָר איין זאַך: קוקן אויפן קאָמפּאַס און שניידן אויף צפון. ס'איי אים נישט וויכטיק קיין וועג, קיין סטעזשקע... א געדיכטער וואַלד שטייט אין וועג? איז וואָס? ווי די ביימער וואָלטן פאַר אים נישט עקזיסטירט — שניידן זיי דורך דעם וואַלדיקן געפלעכט. א טייך לאָזט נישט דעם וועג אריבער? ביים דער־שפּירן בלויז דעם וואַסער־צאַפּל פון וויטן, האַלט שוין באַרים די זאַכן, דעם אויטאָמאַט, דעם דינאַמיט איבערן קאָפּ פאַרבונדן, און זיי שניידן שוין דאָס וואַסער.

דער קאָמפּאַס הייסט גיין אין בלאָטעס — באַרים פאָלגט. און די נאַכט — די נאַכט איז שוידערלעך פינצטער. בלויז דאָס קוואַטשן זין זומפּיקן גרין לאָזט וויסן, אַז די חברים גייען איינע לעבן די אנדערע. איוואַן און יאָסל טאַפּן זיך ביי די שטיוול, צי זיי זיינען אין בלאָטע נישט געבליבן.

— ביי אונדז זיינען בלויז די היטלען טרוקן — חכמענען זיך קאָליע און איציק.

וואַניע איז פּראַקטישער. ער האָט נאָך פון פריער זיינע שטיוול מיטן שפּאַגאַט ארום פוס צוגעבונדן. און... באַרים גייט פאָראויס. שפּאַנט

און זוכט וואָס אין דער נאַכט... זוכט — און זעט דערזעט ער די מאַמען, די שוועסטער. ער דערהערט זייערע געשרייען. מען פייניקט זיי. זיי רופן נאָך הילף, און העלפן קען ער ניט.

באָרים הייבט די פיס נאָך גיכער, ווי ער וואָלט וועלן דעריאָגן די מערדער, ארויסרייסן פון זייערע הענט די מאַ־טען... די...

לויערונגען פון פיינט אויף אַלע וועגן. אין אַלע דערפער. ווי דער שונא וואָלט זיך צוזאַמענגערעדט נישט צו דערלאָזן באָריסן דורכצופירן זיין אויפגאַבע צום טערמין. דער יונג איז אָבער איצט אויף זיין היימי־שער ערד, ארום זיין געבורטס־אָרט. ער קען די געגנט אויסגעבונדן. ער קען דאָ גיין מיט פארמאכטע אויגן. מיידט ער אוים גאַרניזאָנען. דערפער, פּאָליציי־וואכן. איבער פארוואָרלאָזטע פעלדער, איבער זומפּיקע גראָזן־געדיכטעניש, איבער אָפּגעשניטענע ביימער, — ער שטורעמט אויף גלייך.

עס שארעט פארטאָג. די קעמפער אין שוויים פארגאָסענע, רוען אָפּ. פיר קילאָמעטער פאר דער באַן־ליניע, ציט זיך דער טאָג און טראכט גאָר־נישט אוועקצוגיין. צוגן טראָגן זיך פון וויטן, ווי זיי וואָלטן זיך געריי־צט מיט זיי: זעט, אָט זיינען מיר, טוט אונדז וואָס.

באָרים איז נערוועז. סאָפּעט אזוי ווי פון ווייטן דער לאָקאָמאָטיוו:

— מיר'ן זען, ווער ס'וועט לאכן דער לעצטער!

די לעצטע קילאָמעטער, זיינען די שווערסטע. אין מורא פאר פאר־טיזאַנער, גייט יעדער צוג אין פייער־שיסעריי פון ביידע זייטן, טאָמער טראכט ווער א טראָט צו טאָן צו זיי. ראקעטעס באלייכטן די וועלדער, די קוסטעס, זוכן און נישטערן די לויערער אויף זיי. די פארטיזאַנער שפּרינגען ווי האָזן צווישן ביימער־שאָטנס און קריכן אַלץ טיפער אין דער שיסעריי. אין דער באַלויכטונג. אָט הייבט זיך פון שיין אר־ים דעם שונאס בונקער. די פּאַטרולקע מארשירט פאָרזיכטיק און נישטערט צווישן די ליניעס אונטערגעלייגטע מינעס.

ס'איז קלאָר, אז איצט וועט מען דארפן דעם דינאַמיט אונטערלייגן דאָ, ווען דער צוג וועט זיך דערנענטערן, ווען מען וועט אים קענען מיטן אויג דערכאַפּן. פריער אוועקלייגן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל, וועט זיין אַן ארויסגעוואָרפענע ארבעט. די וואך וועט געפינען.

נאכט. אין דער זעלבער צייט האט מען זיי פון תפיסה ארויסגעפירט.
נאכט! אַז באַרים דערמאָנט זיך, אַז אונטער דיין שוץ איז ערגעץ די
מאמע מיט זיין שוועסטערל אוועקגעפירט געוואָרן, האָט ער דיך פיינט.

אָט שטייט ער איצט ביים וואַלד־ראַנד. נאָך הונדערט מעטער און אויפן באַרגיקן רוקן וועט ער זיך באַלד ארויפדראַפּען, ווי א חיה אויף איר רויב און צערייסן דעם באַרג מיט די ליניעס, מיטן עשאַלאָן, מיט די וועלכע טראָגן טויט פאַר מאַמעס און פאַר קליינע שוועסטערלעך... היינט, צום יאָרצייט פון זיינע טייערסטע מוז דאָס געשען. לעבעדיק וועט ער זיי שוין נישט קענען מאַכן, אָבער ראַטעווען פון טויט וועט ער א סך אַנ־דערע מאַמעס און שוועסטערלעך, טאַטעס און זין... עפּעס א זיסקייט צע־גיסט זיך אין זיינע גלידער, ווען ער טראַכט איצט וועגן ד ע ר נקמה, וואָס ער וועט באַלד נעמען פון טויט. באַלד. דער ציל דאַרף נאָר דער־גרייכט ווערן. דאָס שווערסטע שטייט נאָך פאָר.

די ערד איז פול מיט טרוקענע צווייגן, מיט אָפּגעזעגטע ביימער. איצט קען מען נישט טרעטן. אַלץ ברעכט זיך און טרעשטשעט אונטער די פיס. יעדער שאָרך קען דערהערט ווערן.

ס'צעפרייכט זיך אַן עשאַלאָן און דערנענטערט זיך צו זיי.

— א טויט דעם טויט! — צישעט ארויס באָרים און נעמט מיט ז י ך מיט די יונגען.

אונטער דער קלאַפּעריי פון רעדער איילן זיי צו דער ליניע.

איצט הערט קיינער נישט ווי די צווייגן ברעכן זיך אונטער זייערע פיס. גיך פליט דער עשאַלאָן אריבער און די חברה בלייבן שטיין אין מיטן וועג צוגעדעקט פון דער פינצטערניש.

שטיל. דער רעדער־געריש פאַרשווינדט אַלץ ווייטער, ווייטער... ש ט אַ ר ק ע ר קלאַפּט דאָס האַרץ. א טראָט טאָר איצט נישט גע־שטעלט ווערן. קיין הויכער אָטעם נישט. באַרים ברענט. ווי האָט זיך מיט־אַמאָל גענומען ביי אים צווייפל? ס'קומט אים אויס, אַז מער קיין צוגן וועלן היינט נישט גיין, אַז די אויפגאַבע וועט...

און מיטאַמאָל א סיגנאַל. א צישען פון די ליניעס. ס'צערודערן זיך די־רעלסן. שטאַרקער, נענטער. באַרים טוט ווידער א צייכן און דער טרוקענער

צווייג ברעכט זיך אָן רחמנות אונטער די יאָגנדיקע שטיוול פון די פּאַרטיזאַנער. איצט זיינען זיי דערלאָפן צופוסנס צום באַרג און האַלטן קוים דעם אָטעם איין. איבער זיי, ווי אויפן פּלייצע, מאַרשירט די וואַך און פינקלט מיט צעצונדענע פּאַפּיראָסן.

אַלץ איז שוין געגרייט: דער טאָל, די קאַפּסולן, דער קלאַמער. אין הארצן ריזלט עפּעס איצט ביי באָריסן: „זאָל זיין איצט — בעט ער — אַן עשאַלאָן מיט אַ סך היטלעריסטן, טאַנקען, בענזין א סך. אַלץ, אַלץ צוזאַמען איין גרויסע קאַשע זאָל ווערן".

שטייען די פּאַרטיזאַנער ווי חיות, גרייטע צום שפּרונג אויף זייער רויב, מיט ברייט־צעעפנטע נאָזלעכער, ווי זיי וואָלטן וועלן וואָס דערשמעקן. ס׳קומט אויס די פּאַרטיזאַנער, אַז זיי גליען, ברענען, אַז אָט־אָט און ס׳וועט זיי ווער באַמערקן און א סוף צו זיי. דער טויט וועט וו י ד ע ר זייען טויט און חורבן. די פינצטערניש הייבט אָן צו דריבלען מיט א בייסיקן רעגנדל. באָריס איז פון דעם צופרידן. איצט וועט שוין די וואַך נישט אָנגיין. דער גאָס אָבער ווערט שטאַרקער. יאָגט און שמייסט אין די פּנימער מיט שטיקער האָגל און לאָזט נישט הערן דעם אָנקום פון צוג.

— אַלץ געפּטרט — ווערט באָריס באַגאָסן מיט א שווייס. ער ציטערט נישט פון דער עסיקער קעלט, פאַרקערט, עס ווערט אים מאָדנע הייס. די אויגן שטרענגען זיך אָן אין דער חשכות, ווי ער וואָלט דעם שוואַרצאַפּל־גלי איצט גענומען צו הילף צו זיינע אויערן. דער אויגנפינקל בויערט די רעגנדיקע נאַכט און דערבויערט:

א טונקעלער שיין טוט אַ וואַנדער און צעלייגט זיך ווי טויטע, בלייכע פינגער אויף די רעלסן.

— מיר שטעלן! — טוט אַ יאָג באָריס און דראַפּעט זיך ווידער באַרג־אַרויף מיט ציין און נעגל.

עס ציט זיך פאַרביי זיי דער ראָזלעכער שטאָל פון די ליניעס. די אויגן פון לאָקאָמאָטיוו צעקוקן זיך אויף זיי אַלץ ברייטער, אָפענער, ווי זיי וואָלטן די געפאַר געזוכט אויסצומיידן. דער יאָג פון די רעדער דערנענטערט זיך, שרייט און געוואַלדעוועט:

— היט זיך! היט זיך! איך פיר טויט מיט זיך! איך פאָר צום פראָנט!

## פּאַרטיזאַנער גייען!...

דער דינאַמיט איז שוין אָװעקגעשטעלט. פֿלעקסער פֿאַררוקט די צװײ קאַפּסולן, די דעטאָניר־שנורן, באָריס קאָנטראָלירט.

— גוט! איצט די אַנדערע צװײ קאַפּסולן, װאַניע, אַהער.

פֿליקער װי אַ בליץ װערט אַלץ דורכגעפֿירט. דער קלאַמער שוין אין אָרדענונג, די דעטאָניר־שנורן ציען זיך איבער די רעלסן און װאַרטן, דער צוג זאָל איבער זײ אַריבערגײן.

— חבר קאָמאַנדיר — שרײַט אויס סמירנאָװ — דער צוג װעט אײַך באַלד צערײַסן.

און װירקלעך. דער צוג װי ער װאָלט פֿאַרגיכערן זײַן גיכקייט, װי געװאָלט דערכאַפּן זײַנע פֿאַרגיכטער, יאָגט מיט דער גרעסטער שנעלקייט. באָריס גיט אָבער נאָכאַמאָל אַ פֿלי דורך מיט די פֿינגער איבער די קאַפּסולן, איבערן קלאַמער און רופֿט אויס:

— אָפּ חברים!

זײ טוען זיך אַ קײַקל אַראָפּ פֿון באַרג, איבערן װעג, צו די בײמער, װאָס גיכער, װאָס שנעלער.

פֿלוצלינג טוט אַ שנייד איבער אַ העל־פֿלאַקער פֿײַער־בליץ און אַ טויבער געקנאַל גיט זײ אַ װאַליע אויף דער ערד. סעקונדעס.

— אין װאַלד אַרײַן — דינערט באָריס.

די נאַכט האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן אין צונטער־בלאָע קאָלירן און באַדעקט די פֿינצטערניש פֿון װאַלד.

די קנאַלן הערן אַלץ נישט אויף. עס דרוזגען נאָך אַלץ די װאַגאָנעס. עס קלאַפּן די טעלער. אין צעצונדענעם הימל פֿליען און פֿאַלן צוריק אויף דער ערד אַראָפּ שטיקער בראָד, װי זײ װאָלטן אויף די קעמפֿער געפֿלויגן.

באָריס לויפֿט איצט נישט. ער שטייט אין שײַן פֿון דער צעפֿײַערטער נאַכט. איז צופֿרידן און גליקלעך קוקנדיק צו די רעלסן אַרויף, דאָרט װו דער טויט קומט אום. דער טויט װאָס האָט פֿאַראַיאָרן אין דער זעלבער צײַט אַזוי גרויזאַם צוגענומען די מאַמען און דאָס שװעסטערל פֿון דער װעלט.

נאַראָטשער װעלדער, פּאַרטיזאַנער־מחנה „װילנע“, מאַי 1944.

# אַ גליקלעכער מענטש

אויף פּאַרטיזאַנישע וועגן גליטשן זיך אויפן סאַמעטענעם שניי שליטלען צו פאַרשידענע צילן. ס׳רוימלען זיך צונטער פנימער ביי פוסגייער. ס׳קוועלט דער שניי אונטער פערדן־פיס פון געניטע רייטער...

ווי אַ טשאַפּאַיעוו־פילם אין אַ נייער אויפלאַגע.

קוק ווייטער:

ווי וויכערס טראָגן זיך די פאַרטיזאַנער אין שנייענע טיולן פאַרהילט. פון אונטער פּאַפּאַכעס און קובאַנקעס פלאַטערן ווי פאָנעלעך זוניקע פּאַסמעס האָר. זיכער און פעסט ציען זיך די פּאָרטאָפּייען אויף די ברייטבייניקע פלייצעס. ס׳שפּיגלט זיך אין זון דער שטאָל פון ביקס, פון פּילעמיאָט און פון אויטאָמאַט.

אויטאָמאַט... איצט זעט מען דעם מין געווער אַלץ אָפטער און אָפטער אויף פּאַרטיזאַנישע פלייצעס. אין שלאַכטן קעגן שונא איז ד אָ ס געווער — דער דאַנקבאַרסטער מיטהעלפער פון קעמפער. וואָס וואָלט דאָס נישט געטאָן אַ פּאַרטיזאַן, כדי צו באַקומען אַן אויטאָמאַט? אין אַלע העלן וואָלט ער אַוועק, דעם קאָפּ אין סכנה געשטעלט... אַ קלייניקייט אַן אויטאָמאַט!... אָ, ווען דער אויטאָמאַט וואָלט געקענט אויך דערציילן — וויפל אינטערעסאַנטע זאַכן מיר וואָלטן זיך דערוווּסט! די געשיכטע ווי אַזוי קומט דער אָדער יענער אויטאָמאַט צו די פּאַרטיזאַנער איז פול מיט די דראַמאַטישסטע פּאַסירונגען.

ברענג איך דאָ איצט די געשיכטע ווי אַזוי עס האָט זיך באַוויזן צו אונדזערע פּאַרטיזאַנער דער ערשטער אויטאָמאַט:

לאָליע וואַרשאַווטשיק איז געווען איינער פון די ערשטע העלדישסטע

פּאַרטיזאַנער אין ליטע. אַ יונג, נישט קיין גראַמאַטנער, האָט ער, דער־פילנדיק די ביקסן־קאָלבע פו געשטאַפּאַ, באַשלאָסן זיך אַריינוואַרפן אין קאַמף קעגן שונא. זיין רוסיש ווייבל, קיליקייע, האָט זיך אָבער געבעטן ביי אים:

— ליאָלוש טייערער, גיי נישט אין ערגעץ, איך וועל דיך אויסבאַהאַלטן, דו וועסט זען. אַ מכה וועלן זיי דיך געפינען, די דייטשן...

ליאָלע האָט צו איר בייז אַ זאָג געטאָן:

— מען וועט קומען נעמען נישט נאָר מיך, נאָר אויך  ד י ך  וועלן די הינט זיך נישט שעמען צו נעמען... ערגער נאָך, מען וועט דיך  נ אָ ך  מער שלאָגן, ווייל דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַ ייד...

ליאָלע צעאַקערט יעדן ווינקעלע, כדי צו באַקומען געווער. און אָט צעלויכט זיך זיין פּנים: ער נישטערט אויס אַ ביקס וואָס גיט אינגיכן דערפילן די דייטשע פּאָסטנס זיין געווער. ער איז אָבער נישט אינגאַנצן צופרידן, און לאָזט נישט צורו דאָס ווייב:

— וואָס דרייסטו מיר אַ קאָפּ מיט ווייבערשע מעשיות, — דענערווירט ער זיך אויף איר — זאָלסט וויסן זיין, קיליקייע, קריגסטו מיר נישט קיין אויטאָמאַט, קום איך מער נישט צו דיר.

— וואָס זאָל איך קריגן? אַ וואָס? — פאַרשטייט נישט קיליקייע וואָס ער וויל פון איר.

— אַן אויטאָמאַט! אַזאַ ביקס וואָס האָט אַ גרויסן טעלער מיט קוילן און קען אַוועקלייגן אויף איינמאָל 70 סוואָלאָטשעס.

— טאָ ווו זאָל איך דאָס קריגן, גאָט מיין גאָט!

— כ'ווייס נישט ווו... נאָר געדענק, כ'קום צו דיר אין צען טעג אַרום און אַן אויטאָמאַט זאָל מיר זיין! אויב נישט...

— וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיין קאָפּ, קינדערלעך מיינע!

— צעטענהט זיך קיליקייע — נו זאָג.

...אָבער עס איז שוין נישט געווען צו וועמען צו זאָגן.

קיליקייע קען גוט איר ליאָלען. ווען ער זאָגט וואָס, מעג זיך די וועלט איבערקערן, מוז דאָס באַשאַפן ווערן. אָבער ווו גייט מען? צו וועמען רעדט מען? דאַרף מען אפשר פּרווון זיך צוכאַפּן אין דאָרף אַריין.

גייט זי אריין צו איין שכנה, צו א צווייטער, דערציילט ווי פּאר־טיזאַנער ברענען מלוכהשע מאַיאָנטקעס און אַז די דייטשן האָבן מורא די נאָז אַרויסצושטעקן. דערשרעקט זיך א שכנה:

ווער ווייסט, וואָס דער דייטש קען נאָך אָפּטאָן? אָט זייגען נישט לאנג צו טימאָפּייען געקומען דייטשן, האָבן זיי געפונען ביי אים א שטיקל



א גרופּע יידישע אויטאָמאַטשיקעס פון יידישן פּארטיזאנער־אָטריאד „נקמה־נעמער" אין דער רודניצקער פּושטשע (ליטע).

אייזן, האָבן זיי געזאָגט, אַז ס'איז אַ ביקס און טימאָפּייען דערשאָסן.

— ווייסט, קיליקייווּשקע, — שלאָגט איבער אַ צווייטע שכנה, — פּעדקע וואָראָניעץ וועט האָבן דעם זעלבן סוף... ער האָט דאָס אויך...

— וואָס האָט ער? — זיצט נישט איין קיליקייע.

— וואָס... אין מויל דאַרף מען דיר אַריינלייגן... וואָס? אָט צוויי ביקסן מיט אַזעלכע מאָדנע קייקלעך.

— איז וואָס, — שטיקט איין קיליקייע איר נייגעריקייט, — האט ער דאָך געהאַט, און פאר געוועזענע איז ווייסטו דאָך, אַז מען צאָלט נישט.

— נו, — ענטפערט אָפּ די שכנה, — און פון וואַנען ווייסטו, צי ער האָט נאָך דאָס נישט? ווו ט'ער דאָס אַהינגעטאָן, אין טייך אַריינגעוואָרפן?... אין ד ר' ע ר ד ערגעץ באַהאַלטן געוויס, אין דער ערד...

ס'האָט איר אָנגעהויבן רווישי אין קאָפּ. פּעדקע... פּעדקע וואָראָניגן. זאָל ער טאַקע האָבן דאָס, וואָס ליאָלע האָט אָנגערופן? אַן... אָט צום טייוול, ווי האָט ער געזאָגט: יאַטאַמאַט... יעווטאָמאַט... טאָ ווו קומט מען צו צו אים, צו פּעדקען. ס'הייסט נישט אַזוי צו אים, נאָר דערוויסן זיך ווו און צו ער האָט דאָס נאָך טאַקע.

אין קאָפּ זיינען געפלויגן פאַרשידענע פּלענער, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן פון וואָראָניעצן און צי ער האָט טאַקע דאָס, וואָס מארפא איוואנאָווגא האָט נאָר וואָס ארויסגעפּלוידערט, און אויב ער האָט דאָס טאַקע, ווי אַזוי באַקומט מען דאָס פון אים אַרויס. טראַכטן קיין סך איז קיליקייע נישט געוווינט. די בעסטע זאַך איז טאָן. איז זי אַוועק צו פּעדקען, פאַרדרייט אים א קאָפּ, אַז אויב ער וועט איר העלפן אַראָפּשניידן היי פון לאָנקע, שטעלט זי אים י ע נ ע ם שנאַפּס. פּעדקע, וואָס פאַר אַ קאַפּ בראָנפן וואָלט ער זיך דעם קאָפּ געלאָזט אַראָפּשניידן, ביטרעוועט:

— אָבער איידער וואָס, קיליקייווּשקע, וואָלט נישט געשאַדט אַביסעלע איצטער...

— אָט אַ כאָליערע אויף דיר, — שלאָגט זי אים איבער ב ר י ל י ק

— כ'האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דו וועסט בעטן אַפריער, נו קום שוין, קום שוין . . .

היי פון לאנקע איז שוין פּעדקע נישט געגאַנגען שניידן. ער איז געזעסן ביי קיליקייען און געטרונקען א גלאָז נאָך אַ גלאָז און געפּלוידערט פון אַלץ און פון אַלעמען. און קיליקייע, — פאַרזיכטיק, ווי א קאַץ ביים שפּרונג, גרייט זיך צו ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען כאָטש דערוויל פון זיין מויל, צי ער האָט דאָס, אָדער נישט. „גאָרנישט, — טראַכט זי — מי זנאַיעם נאַ טשטאָ מי גולאַיעם...” און פּעדקע האָט אַרויסגעבאָלבעט, אַז ווען מען האָט אויסגעקלעפּט די צעטלען, מען זאָל אָפּטראָגן דאָס געווער, האָט ער אין פּאָליציי אָפּגעטראָגן אַ ביקס מיט אַזאַ קיילעכדיקן... נו אַזאַ קיילעכדיקע... ווי א גרויסע אַפּטעקע זעט עס אויס.

— אַט דו גרויסער נאַר, — זאָגט קיליקייע מיט פאורדראַס — וואָס האָסטו דאָס באַדאַרפט אָפּטראָגן?

— גאָרנישט, — דרייט מיט די אויגן פעדקע — איינס אַזאַ האָב איך געלאָזן אויף פאַר זיך...

אין צען טעג אַרום איז געקומען ליאָלע. אין דאָרף האָט ער, פאַר־שטייט זיך נישט געטאָרט זיך ווייזן, און זיין טרעף־פונקט מיט קיליקיי־ען איז געווען אין וואַניעס שייער, וואָס איז געשטאַנען פאַזע וואַלד.

קיליקייען קלאַפּט דאָס האַרץ: „ווער ווייסט, וואָס ער קאָן נאָך זאָגן דער משוגענער? ער קען נאָך מאַכע אַוועק...״

און ליאָלע ברענט פון אומגעדולד:

— נונו?

הייבט זי אים אָן דערציילן די גאַנצע געשיכטע מיט פעדקען, אָבער אינמיטן רייסט ליאָלע איר איבער:

— שוין ברענג מיר אים אהער... און אויב דו גייסט נישט — גיי איך, — רייסט ער זיך צו דער טיר.

— משוגענער, — כאַפּט אים אָן קיליקייע ביים אַרבל — ווילסט אין פּאָליציי אַריינפאַלן? זיץ אין היי... איך וועל גיין צו אים

קיליקייע האָט נישט דערציילט פעדקען, אַז ליאָלע איז דאָ. זי האָט אים ווי שטענדיק גערופן צו זיך טרינקען.

— ווייסט וואָס, — זאָגט זי צו אים, ווינקנדיק מיט די קעציישע אויגן, — ה יי נ ט, לאָמיר גאָר גיין צו וואַניע אין שייער... דאָרט איז דאָ היי, ס׳איז פינצטערלעך..

פעדקען איז געוואָרן וואַרעם אין די גלידער:

— און סאַמאָגאָנקע אַביסל וועט אויך זיין?

— ווי זשע דען? — פאַרזיכערט קיליקייע, -- אַלץ ליגט שוין דאָרטן צוגעגרייט.

אַז ביידע זיינען שוין געווען אין שייער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, איז אַרויס פון היי ליאָלע. פעדקע איז בלייך געוואָרן און זיך געלאָזן צוריק צו דער טיר.

— שטיי! — האָט אויסגעשריגן ליאָלע — אַז נישט שיס איך דיך!

פּעדקע איז געפאַלן אויף די קני, זיך געצלמט און געדעוועט:

— ליאָלינקע טייערע, וואָס האָב איך דיר געטאָן, אָט זאָל קילי־קייע זאָגן....

— גו שטיי אויף, שטיי אויף, העלד דו גרויסער — האָט זיך ליאָלע צעחוזקט, — זאָג, אָבער דעם אמת, זאָג, ווו האָסטו באַהאַלטן דעם אויטאָמאַט?

וואָראָניעצן איז געוואָרן אביסל לייכטער. פונדעסטוועגן האָט ער זיך ווידער איבערגעצלמט און געמאַכט אַן אומשולדיקע מינע:

— וואָס פאַרא טאָמאַט?

— וואָס האָסטו אויסגעשטעלט אַ פּאָר קעלבערנע אויגן, — האָט זיך ליאָלע צעשריגן, — אויב אין 40 מינוט אַרום וועט דאָ נישט זיין דער אויטאָמאַט, צינד איך אונטער דיך מיט דיין שטוב אינאיינעם.

— ווי גאָט איז דיר ליב, ליאָלינקע טייערע, ווייסט דאָך, אז איך בין דעם גאַנצן לעבן געווען מיט אייך, מיט די יידן...

— צוויי מינוט זיינען שוין אַריבער, — רופט זיך אָפּ שטרענג ליאָלע, קוקנדיק אויפן זייגער, — די צייט גייט!

וואָראָניעץ האָט זיך אויסגעגלייכט:

— איך גיי, איך גיי, אָבער טאָמער וועט דויערן מיט אַ פּאָר מינוט לענגער, זאָלסטו נישט...

—שוין אריבער דריי מינוט.

ס'האָבן זיך געצויגן די מינוטן ווי שעהן. וועט פּעדקע ברענגען דעם אויטאָמאַט צי נישט... און אפשר וועט ער גאָר ברענגען פּאָליציי? אָבער דאָס וועט ער, דער הינטישער זון נישט וואַגן... צו גוט קען ער אים. געטראַכט, געטראַכט, און די זעלבע געדאַנקען זיינען אויך געשוועמען ביי קיליקייען.

פּעדקע האָט פאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע 20 מינוט. אין טונקלקייט פון אָוונט האָט ער זיך אַריינגעשלייכט אין שייער און פון אונטער זיין ברייט־לאַנגן מאַנטל אַרויסגעצויגן דעם אויטאָמאַט. ליאָלע האָט אַרום־געכאַפּט דעם אויטאָמאַט, צוגעדריקט צום האַרץ און אַ קוש געטאָן.

— משוגענער, — צעלאכט זיך קיליקייע און פעדקע קען נישט פארשטיין, וואס איז דא אזוי מיט ליאלען די גדולה.

— משוגע זאגסטו, — קושט ער ווייטער דעם שמאל, — קילי־קייענקע, הארציקע, קום אהער! פעדקעלע, ליבינקער קום נענטער... אט אזוי... נענטער צו מיר... די ביינדעלעך וועל איך צעקושן...

ליאלע האט זיי ארומגעכאפט, געדריקט ביידן צום הארצן, געקושט, געלאכט, געקוועלט און זיי מיט־לעפנדיק, זינגענדיק אין א טאנץ אוועק. פעדקע איז א צעטומלטער נאכגעגאנגען... אנגעהויבן טאנצן און האט מיט די שטיוואלעס. קיליקייע האט ווי שטענדיק איר ליאלען געפאלגט.

— אט וועט דאס זיין א פרייד... אט וועל איך דאס שלאגן!... העי, — שטעלט זיך מיטאמאל ליאלע אויף אכטונג מיטן אויטאמאט, — חבר קאמאנדיר, כ'מעלדע ווי געהעריק, — די אויפגאבע, וועלכע איך האב זיך געשטעלט צו באקומען אן אויטאמאט, האב איך דורכגעפירט!

— ער האט זיך נאך שטארקער צעזונגען, — אט וועט דאס זיין א פרייד ביים קאמאנדיר!

ליאלע האט דעם אויטאמאט נישט ארויסגעלאזן פון האנט. געדריקט אים צום הארצן, געגלעט און געטוליעט, ווי ער וואלט געהאלטן אויף די הענט דאס טייערסטע.

— ווי מיין קינד וועל איך דיך האלטן, — האט ער געצערטלט די לופע, — כ'וועל דיך פוצן, עסינקען געבן...

דער אפשיין פון צונטערן הימל האט זיך געריסן דורך די שייער־שפארונעס אויף ליאלעס פנים און אים באלויכטן.

און א שאד וואס איר האט דאן נישט געזען ליאלען, איר וואלט דאן געזען, וואס דאס איז אזיינס א גליקלעכער מענטש, א יידישער פארטיזאן.

שטאב פון דער וואראשילאוו־בריגאדע, נאראטשער וועלדער.
25סטער דעצעמבער 1943.

# מאמע און זון

ווען די מאמע מיטן זון זיינען געקומען פון גאס, האָבן זיי אין שטוב דעם טאַטן שוין נישט געטראָפן. שכנים האָבן איבערגעגעבן, אַז נישט לאַנג זיינען דאָ געווען געשטאַפּאָ־לייט, וועלכע האָבן מיטגענומען דעם טאַטן מיט זיך.

די דאַטע פון 13טן יולי 1941 איז שוין אויף אייביק פארבליבן אין זייער זכרון.

„מיר וועלן נישט איינרוען, ביז וואַנען מיר וועלן פארן טאַטנס לעבן נקמה נעמען פון שונא." ס'זיינען נישט קיין סתם ווערטער.

אין לאַגער אָרגאַניזירט גרישע צו זיך נאָך חברים (דוקשטולסקי זלמן, לעווין דוד, שטול בערל, חפץ חיים, כאַזענאָוויטש הערשל, קאַץ ליבע) און שטעלט זיי און זיך די אויפגאַבע:

— פון אונטער דער ערד קריגן געווער. — און ווי אַזוי ס'ווערן געשאַפן דריי נאַגאַנעס, אַ פראַנצייזישע ביקס און דריי גראַנאַטן איז אַ באַזונדער קאַפּיטל.

אין מערץ 1943 גייט די גרופּע אַוועק פון לאַגער אין פּאַרטיזאַנקע. ס'איז נישט אַזוי לייכט געווען דאָס אַוועקגיין. חדשים צוגרייטונגען, זוכן פאַרבינדונג מיט פּאַרטיזאַנער, אַוועקגיין אַ ז ו י, אַז קיין אַנדערע זאָלן נישט ליידן.

גרישע האָט גוט אָרגאַניזירט.

די מאַמע איז געבליבן אין לאַגער, אויף מיטצונעמען מיט זיך נאָך אַ גרופּע, ווען זי וועט באַקומען פון איר זון א בריוו.

די גרופּע מאכט דורך אויף הינטישע וועגן (ס'הייסט אויף פּאַרטי־

זאַנגער־לשון, וועגן, אויף וועלכע אַפשר הינט וואָלטן געקענט דורכגיין) איבער 200 ק"מ און טרעפט אין די נאטשער פושטשעס אַ וואָוואַד פון פאַרטיזאַנישן אָטריאַד „לעגינשער קאָמיוג", וועמענס קאָמאנדיר סטאסקעוויטש עם גלידערט זיי איין צו זיך אין אָטריאַד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום שיקט מען 30 קעמפער פון פערטן וואָוואַד (צווישן זיי 14 יידן) אויף אַ לויערונג (זאַסאַדע) אויף דייטשן. אויך גרישע איז דאָ. עס קאָכט און ס'זידט דאָס בלוט אין אים.

— ווי דערלעבט מען שוין צו זען אַ דייטש? — קען ער נישט אויסהאַלטן.



דער יונגעיידער מיליקאָווסקי מיט זיין זון אין פּאַרטיזאַנקע — ליטווישע וועלדער.

גרישע האָט בלויז אַ נאַגאַן. ווי ליב ער איז אים איצטער, ווי טייער. ער קושט אַזש דעם שטאָל און קאָנטראָלירט צום לעצטן מאָל, צי אין צילינדער שטעקן אַלע קוילן.

די דייטשן דערנענטערן זיך. אין גרישעס אויגן צעציגדט זיך אַ פייערל. ער דערזעט אַ פּולעמיאָט אויפן פּלייצע פון אַ דייטש. זיין חלום איז דאָך ווערן אַ פּולעמיאָטשיס. האָבן אַן אייגנעם דעראָבערטן פּולעמיאָט.

און ווען דער קאָמאַנדיר גיט אַ שלאָג אַרויס דעם באַפעל „פייער!" הערט דאַן גרישע בלויז זיין שאָס. דער פּולעמיאָטשיק ליגט שוין אַ פאַרווונדעטער, אָבער לעבט נאָך. גרישע הערט נישט דאָס סווישטשעריי פון קוילן, ער זעט בלויז זיין ציל, דעם פּולעמיאָט און דעם שונא, וואָס האַלט אים נאָך.

— אַך, וואָס פאר אַ פאַרגעניגן איך האָב געהאַט, ווען איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל אָפּגעוואַשן אין היטלעריסטישן בלוט. — גרישע דערמאָנט עס איצטער און דאָס האַרץ פלאַקערט אין אים.

גרישע איז בריטפּלייציק, הויך, פעסט.

— איך דאַרף נישט קיין צווייטן נומער צו זיך! — האָט ער פאַרשפּאַרט דעם אָטריאַד אַ קעמפער.

גרישע טראָגט דעם פּולעמיאָט ווי אַ פעדער אויף זיך, דערצו דריקן אים פעסט דריי דיסקן די פּלייצע און דעם היסטאָרישן נאַגאַן לאָזט ער נישט אָפּ פון זיך אויף אַ סעקונדע.

— גרישע!

די בכבודיקע אויפגאַבע צו קריגן אַ פאַרבינדונג מיטן צענטער — ווערט אים איבערגעגעבן. ער מאַכט דורך מיט זיינע צוויי חברים אַ פּאָר הונדערט ק"מ ביז די נאַליבאָקער פּושטשעס, צום חבר פּלאַטאָן. באַקומט באַפעלן, טאָל, קוילן, און מיט דער משא, האַלטנדיק זיין פּולעמיאָט מיט די דיסקן דערצו, שניידט ער דורך צוויי אייזנבאַן-ליניעס, וווּ דער דריילינג לאָזט אין איינוועגס אַראָפּ אַן עשאַלאָן, דריי שאָסייען און ברענגען דעם אָטריאַד וויכטיקע ידיעות און געווער.

אויף מאָרגן קומט צו אים די מאַמע.

די פּערציק יאָריקע פרוי ברענגט מיט זיך אַ באַוואָפנטע גרופּע פון פינף מאַן.

שרה (די מאמע) האָט מיט זיך אַ רעוואָלווער. דער קאָמאַנדיר נעמט זי אַריין צו זיך אין אָטריאַד, צו דעם וזוואָד, וווּ ס'געפינט זיך דער זון.

אין צוויי טעג נאָך איר קומען, דערשפּירט זי שוין דעם האַרטן לעבן פון אַ פּאַרטיזאַן. 8 טויזנט דייטשן רינגלען אַרום די 150 פּאַרטיזאַנער. די מאַמע גייט גלייך מיט אַלעמען אין קאַמף, פאַר אַרויסרייסן זיך פון דער פיינטלעכער בלאָקאַדע. די פיינטלעכע קייט ווערט אין שונאס בלוט איבערגעריסן. עס פאַלן צוויי צענדליק פּאַשיסטן. שרה באַקומט אַ ביקס פון די טראָפייען.

— געוועדער האָבן מיר, ס'פעלן אוים קוילן.

גרישע מיט דער מאַמען ווערן באַשטימט אין דער גרופּע, אויסצופירן די וויכטיקע אויפגאַבע.

— געוועזן איז דאָס דעם 9־טן סעפּטעמבער 1943 יאָר, — דערציילט גרישע — מיר גייען אין וועג אויסצופירן די אויפגאַבע, ערשט מיטאַמאָל דערהערן מיר געשרייען:

— שטיין! שטיין בלייבן!

מיר צעשיטן זיך אין די קוסטעס, האַלטנדיק גרייט דאָס געווער.

— איך קוק זיך אַרום: עטלעכע צענדליק סאָלדאַטן פון נאַענטן מאַרצינקאַנצער גאַרניזאָן, אַלע באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטן. כ'באַוויז בלויז אַ קוק צו טאָן, ווער ס'איז לעבן מיר, כ'באַמערק די מאַמען, דעם בראַסלאַווער גרשון יאַנקעלעוויטש און דעם ראַדונער ווינצקאָווסקי. פּלוצ־לינג גיט אַ האָגל אויף אונדז אַ געדיכטע שיסעריי.

— פאַר קיין פאַל נישט לאָזן זיך נעמען לעבעדיקע! — קאָמאַנדעווע איך אַ דענערווירטער.

— גרישינקע — פליסטערט צו מיר די מאַמע — האַלט זיך, באַפעל שיסן.

— די מאַמע האָט מיך מיט די ווערטער אַרויסגעפירט אַ ביסל פון פאַרלווירנקייט, איך גיב אַ באַפעל:

— פייער, חברים, אין די פּאַשיסטן!

מײַן פּולעמיאָט אַרבעט אויסגעצײכנט. די מאַמע, שיסנדיק פון איר ביקס, קוועלט אָן און שרײַט:

— אונטערגעבן זיך װילט איר זאָלן מיר„ער, סוואָלאָטשעס, גיט זיך איר אונטער!

— אײנער שױן געפאַלן! — שפּרינגט זי אויף אַ צופרידענע.

איך הײס איר זיך גיכער צוריק אַראָפּלאָזן. מײַן פּולעמיאָט לײגט אַוועק א צווײטן דײטש, די חברה האַלטן אויסגעצײכנט אײן דעם שונא. די מאַמע ענדיקט שוין באַלד אירע 75 קוילן, האָט שוין אפילו אַרויס געוואָרפן אירע 4 גראַנאַטן.

— נאָך אײנער געפאַלן! -- גיט זי זיך אַ הויב פאַר פרייד און אין מיטן דעם פריידיקן געשריי, זיפּט איר דורך אַן אויטאָמאַטן־סעריע און זי פאַלט אַ טויטע לעבן מיר.

װינצקאָװסקי דערצײלט, וואָס ס׳איז ווײטער געווען:

— ווי נאָר גרישעס מאַמע איז געפאַלן, האָט זיך דער זון א לאָז געטאָן מיטן אויפגעהויבענעם פּולעמיאָט אין דער הויך און אין האָגל פייער דערקראָכן צום מערדער פון זײַן מאַמען און אים מיטן פלאַמען־לעשער צעקוואַשעט דעם פּנים אויף פּיצלעך. כדי צו דעקן גרישען, האָב איך מיט יאַנקעלעוויטשן פארשטאַרקט דעם פײער אין שונא, וואָס האָט אָפּטרעטנדיק מיט שרעק זיך געלאָזן צוריק. מיר פרוּוון נאָכיאָגן, עס פאַלט אַ טויטער יאַנקעלעוויטש. גרישען פאַרליר איך פון די אויגן...

וווּ איז גרישע?

— ווי נאָר איך האָב זיך געגעבן אַ קער אום צו מײַנע חברים — גיט איבער װעגן די ווײַטערדיקע געשעענישן גרישע — בין איך געטראָפן געוואָרן פון אַ דום־דום קויל אין דער אויבערשטער טײל פון דעם לינקן פוס און כ׳בין אַנידערגעפאַלן צווישן קוסטעס. אַ מינוט צען בין איך אָפּ־געלעגן און נישט געוווּסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. דערנאָך האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך בין אײנער אַלײן. כ׳האָב צעריסן אויף זיך דאָס העמד, פאַרבונדן דעם בלוטנדיקן פוס, צונויפגעזאַמלט די קוילן, גע־נומען דעם פּולעמיאָט מיט די דיסקן אויף זיך און צוגעקראָכן צו דער מאַמען.

זי איז געלעגן, מיין מאַמעלע, ווי זי וואָלט געשמייכלט צו מיר. פּעסט האָט זי געהאַלטן צוגעדריקט צו זיך די ביקס. כ'האָב אים אַרויסגענומען פון אירע הענט, פאַרדעקט זי מיט בלעטער-צווייגן. נאָכדעם פאַרדעקט מיט צווייגן יאַנקעלעוויטשן, פּאַרמאַסקירט זייער געווער (ס'זאָל אין שונאס הענט נישט אַריינפאַלן) און מיט מייז וואָגיקן געוויכט זיך געלאָזן צו דער באַזע. 6 קילאָמעטער בלאָטיקן וועג האָב איך דורכגעטאָפּטשעט, דאָס בלוט האָט גערונען פון פוס און זיך געצויגן אין אַ לאַנגן רויטן שנור נאָך מיר. אין די זאַבן מיטן געווער אויפן האַלדז פאַרוואָרפן, בין איך דורכגעשווומען אַ צען מעטערדיקן טייך. ווי נאָר כ'בין אַרויס פון וואַסער, בין איך אַ פאַל געטאָן צווישן קוסטעס און זיך מער נישט געקענט אויפהויבן.

אַזוי בין איך אָפּגעלעגן צוויי אַ האַלבן מעת לעת. ס'זיינען שוין געווען פרעסטלעך. די קליידער אויף מיר זיינען פון פראָסט פאַרפרוירן געוואָרן ווי קאָרע. כ'האָב אפילו נישט געהאַט קיין כוח אָנצודריקן דעם צינגל פון נאַגאַן, כדי זיך צו דערשיסן.

דער אָרט איז געווען אַ פאַרוואָרפענער. קיינער איז דאָ זיכער קיינמאָל נישט געגאַנגען, אויב אַפילו יאָ, וואָלט מען דאָך מיך געדאַרפט באַמערקן צווישן די קוסטעס, — און שרייען האָב איך שוין נישט געקענט. באַגיין זעלבסטמאָרד איז געווען פאַר מיר דער איינציקער אויסוועג, כדי צו פאַרשפּאָרן זיך ווייטער צו מאַטערן, ווייל שטאַרבן האָב איך סיי ווי געדאַרפט, נישט „היינט איז מאָרגן. אָבער... „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" — די ווערטער פון אונדזער פּאַרטיזאַנער-ליד האָבן מיך באַלד איבערצייגט אין זייער ריכטיקייט. אַ פּאַסטעכל איז אָנגעלאָפן זוכן אַ פאַרלוירענע בהמה און האָט, דערזעענדיק מיך, זיך צעוויינט. ער איז תיכף אַוועקגעלאָפן צו זיך אין דאָרף, פּאַסיעקא, וווּ ס'זיינען געשטאַנען אונדזערע אויסשפּירער (ראַזוויעדטשיקעס) און אין אָוונט האָב איך דערשפּירט אַ הייסע פליסיקייט אין מויל. כ'האָב זיך אָנגעהויבן טשוכען און דערזען אַרום זיך מיינע חברים פּאַרטיזאַנער, וועלכע גיסן מיר הייסע מילך אין מויל.

מיר האָבן קיין דאָקטאָר נישט געהאַט, קיין מעדיקאַמענטן אויך נישט. דער חבר זארובאַוו, וועלכער איז עטלעכע מאָל אַליין פאַרוווּנדעט געווען און אויסגעהיילט געוואָרן, האָט מיך אָנגעהויבן היילן. מיט אַ פּאַטראָן אנשטאָט אַ פּינצעטקע האָט ער אַריינגערוקט אין וווּנד אַ קנויט. כ׳האָב דעם ערשטן מאָל פון דער געחלשט. אַזוי האָט ער מיר בּיסלעכוויז דעם פוס פאַרהיילט. אָבער נישט אויסגעהיילט. אַרומגיין גוט האָב איך שוין נישט געקענט."

גרישע האָט דאָס געוועהר נישט געלייגט, כאָטש דער פוס האָט נאָך אַלץ געאייטערט. דער ווינטער האָט זיך אָנגערוקט. דער שונא מאַכט אַלץ ענגער דעם קרייז אַרום דעם וואַלד.

דער דאָקטאָר פון אָטריאַד נעמט זיך צו דעם יונג. ער לייגט זיין לעבן אַריין אין אים און גרישע ווערט אויף אַזויפיל געזונט, אַז ער קען ווייטער גיין אויספירן אויפגאַבעס.

— ערשט איצט האָב איך נאָך אויסצופירן אַ וויכטיקע אויפגאַבע, — זאָגט ער — נקמה נעמען פאַר דער מאַמען.

גרישע רעדט קיין סך נישט.

אַ שווייגנדיקער מיט ברענענדיקע פייערן אנשטאָט שוואַרצאַפּלען, לויערט ער מיט אַ גרופּקע ביי די באַן־ליניעס און לאָזט אַראָפּ נאָך צוויי עשאַלאָנען. פון זיין פּולעמיאָט פאַלן נאָך צענדליקער היטלעריסטן. זיין פּולעמיאָט נעמט אין געפאַנגענשאַפט נאָך פּולעמיאָטן, אויטאָמאַטן, ביקסן, קוילן, גראַנאַטנוואַרפער.

גרישע ווערט נאָך צוויי מאָל פאַרוווּנדעט.

כ׳האָב אָבער נאָך קעמפן נישט פאַרענדיקט, — זאָגט ער צו זיינע פריינט און פיינט.

ווען ער גייט אין וועג, ווען ער געפינט זיך אין פּאַרטיזאַנישן ערדשטיבל, דערמאָנט זיך אים שטענדיק די דאַטע פון 13־טן יולי 1941, ווען די פאַשיסטן האָבן פאַרשלעפּט זיין טאַטן און תיכף קומט אויף די געדאנקען די צווייטע דאַטע, דער 9־טער סעפּטעמבער 1943, ווען ס׳איז אַזוי העלדיש אומגעקומען די טייערע מאַמעלע.

ש. קאטשערגינסקי

עס ווייסן ווּ איר קבר איז אַלע פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. זי ליגט באַהאַלטן אין ראַדונער ראַיאָן, אין סטייער וואַלד אויף דער וויספּע. ווייל אַ פּאַרטיזאַנער טרעפן זיינע פאַרלוירענע חברים, רעדט אַ פּאַרטיזאַן אָפּ זיך ערגעץ צו טרעפן, איז דאָ נאָר איין אָרט — ביים קבר פון דער העלדישער מאַמען, שרה גורוויטש. דאָרט קענט איר אייך טרעפן אַ פאַרטראַכטן, און אין צאָרן צעפלאַמטן איר העלדישן זון גרישען.

ווילנע, 10טער אָקטאָבער 1944.



גרישע גורוויטש מיט זיין פּולעמיאָט און דער היסטאָרישער רעוואָלווער ביי דער זייט

# צוויי באַגעגענישן

אין דעם טונקעלן ערדשטיבל האָט אַריינגעלויכטן אין פרימאָרגן אַ הויכלעכע פיגור און לעבעדיק אויסגעקלונגען:

— גוטער מאָרגן!

כ'האָב אַ הויב געטאָן די אויגן און דעריען פונם אונטערן באַלקן אונטערגעשפּאַרט, שיינט אַרויס אַ פריש, געזונט פּראָסטיק פּנים.

— בלאַט! רוף איך אויס.

— און פון וואַנען ווייסט איר, אַז בלאַט? — וואונדערט זיך דער פרעמדער.

— אָט אַזוי שטעל איך זיך אים פאָר! — זאָג איך.

— איר האָט קיין טעות נישט... געטראָפן.

דער פרעמדער איז מיטאמאָל געוואָרן אַן אייגענער. ס'האָט געווירט פון אים מיט פריידיקן לעבן. יונג, הויך, ברייטפּלייציק. דער מונדיר, דער פּאַרטאָפּיי אויף אים, דער אויטאָמאַט מיטן פּיסטאָלעט, די לעדער־נע טומקע ביים זייט — אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אינאיינעם, — געשאַפן פאַר זיך דעם אויסגעטרוימטן העלד פון אַ פּאַרטיזאַן. אַ העלד — אַזאַ ווי מען האָט פאַרגעשטעלט צווישן די מחנות דעם פּאַרטיזאַן — איציק בלאַט, וועגן וועמען די פּאַרטיזאַנער האָבן גערעדט זייער אַ סך. ס'איז געווען וואָס צו דערציילן און וואָס צו הערן.

קוועקזילבער, ער רוט נישט איין.

— דער אויטאָמאַט פאָדערט דאָך דאָס זייניקע, — שמייכלט בלאַט. כ'בעט זיך ביי אים:

— דערציילט אַ ביסל פון אייער לעבן. לאָמיר הערן פון אייך אַליין וועגן זיך.

פֿאַרטראַכט ער זיך:

— וועגן מיין לעבן... ס'איז דאָ וואָס צו דערציילן, אָבער וועגן דעם לאָמיר אָפּלייגן אויף אַן אנדער מאָל. נישטאָ קיין צייט.

— ניין — באַשטיי איך אויף דאָס מיינינקע. — איר ווייסט דאָך, אַז היינטיקע צייטן טאָר מען נישט אָפּלייגן. אָט זייט איר דאָ און אין אַ שעה ארום, ווער ווייסט ווו?

— זייער ריכטיק, אגב, — האַקט ער זיך אַליין איבער — גלויב איך נישט, אַז איך זאָל איבערלעבן די מלחמה... און דערפאר שנייד איך דעם שונא אומעטום, אויף אַלע ויעגן. — ער קוקט אויפן זייגער, — נאָך 8 מינוט קען איך זיין ביי אייך.. כ'וועל אייך נישט איבערגעבן קיין אינטערעסאנטע פאקטן, עפּיזאָדן, וועלכע וואָלטן אייך, ווי אַ שרייבער, געקענט זיין וויכטיק. אויף דעם וואָלט איך אַ סך צייט באַדאַרפט האָבן. אויך נישט אַלץ דערמאָנט זיך איצט. אָנהויבן וועל איך פון צווייטן יולי 1941. ווען די דייטשן זיינען אַריין אין גלובאָק. צוזאַמען מיט מיינע חברים מקיריטש און רוסינאָוו גייען מיר דאַן אַוועק אין דער האָלובישטשער פושטשע, פון וואנען מיר וואנדערן אוועק אין סאָווסקי באָר (באַגאָמעלער ראַיאָן). דאָרטן טרעפן מיר שוין פּאַרטיזאַנער. כ'ווער אַ קעמפער פון קוזינס בריגאַדע. ס'הויבט זיך אָן אַ סעריע שלאַכטן קעגן שונא, סאַבאָטאַזש אין שונאס טיל, בלאָקאדעס. אין די ראַיאָנען פון דאָלגאָפּאָליע, קאנטשאן, בעגאָמעל און מינסק צעשיסן מיר הינדערטער פיינטלעכע סאָלדאַטן און אָפיצירן, מיט וועמענס געווער מיר באַוואָפענען זיך אַליין און צעטיילן נאָך אויך צווישן דער אָרטיקער באפעלקערונג. מיט נאָך עלף פּאַרטיזאַנער באַקום איך פון קאָמבריג אַן עפנטלעכן דאַנק פארן אויסצייכענען זיך אין די שלאכטן. כ'גיי עטלעכע מאָל איבער דער פראָנטליניע און צוריק, אין שונאס טיפן טיל און פאו שפרייט ליטעראטור צווישן דער באַפעלקערונג. דעם 21=טן נאָוועמבער 1942 ווער איך איבערגעשיקט אין ווילייקער געגנט, צו אָרגאניזירן נייע אָטריאדן. כ'קום אָן אין די נאראַטשער וועלדער, ווו ס'שטייט שוין די „וואָראָשילאָוו"=בריגאַדע. אַ נייע

סעריע קאַמפן. אונטער מיין אָנפירונג ווערן פאַרניכטעט די דייטשישע מאַיאָנטקעס ביי גלובאָק (פּיעטראָווסשטשינע, מאָטער, טשראָמקע און קאָטעלאַנאָווסשטשינע). מיר צעשיסן די פּאָליציי־וואַך אומעטום און ברענגען געפאַנגענע, און אויסער דעם, דאָס וויכטיקסטע פאַר די קעמפער — טראָפייען: אויטאָמאַטן, ביקסן, רעוואָלווערן, קוילן. לויט: באַפעל פון ח' פּאָנאָמאַרענקאָ, רייס איך אויף 138 באַן־רעלסן, 1 סעמאַפאָר און 6 באַן־קנופּן. מיט מיינע חברים שטשעוווליטקאָ און פּיעטרוטשינקאָ נעמען מיר אויף א שלאַכט מיט א באַנדע פּאָליציאַנטן אין דאָרף ליעסניקי, לאָזנדיק אויפן שלאַכטפעלד 6 טויטע סוואָלאָטשעס. דעם 30טן אויגוסט 1943, באַקום איך די אויסצייכענונגען „פּאַרטיזאַן פון פאָטערלענדישן קריג". דעם זעלבן חודש שיקט איבער מיין קאָמאַנדיר אין מאָסקווע אַ פאָרשלאַג, מיר אויסצוטיילן דעם אָרדן „רויטע פאָן". כ'גיי נישט איינמאָל אין מיין שטעטל גלובאָק און ראַטעווע אַרויס פונם דאָרטיקן געטאָ צענדליקער יידן און פיר זיי אַוועק אין די קאַזאַנער וועלדער, ווו זיי ווערן אַריינגעצויגן אין די אָטריאַדן.

דער זייגער רוקט זיך, רופט צו דער אַרבעט.

— דאָס צווייטע מאָל, אַז איך וועל ביי אייך זיין, אויף דער צווייטער באַגעגעניש, וועט איר זיך דערוויסן א ריי גאָר אינטערעסאַנטע פּרטים, — ענדיקט איציק און פאַרשווינדט.

כ'האָב געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער צווייטער באַגעגעניש. אַ פרייטיקן האָט מען געזען בלאַטן, אָנגעטאָן אין שניי־ווייסע קליידער, פאָראויס אין גאַנג אויף אַן אויפגאַבע מיט זיין גרופּע.

זיינען אַוועק טעג, און ווי מאָדנע, ס'האָט זיך צעוואַקסן אין מיר אַ בענקעניש צו אים — דעם הויכוויקסיקן יונג. כ'האָב געשפּירט אין איינזאַמע מינוטן, אַז ווען איצט וואָלט דאָ געווען בלאַט, וואָלט ער מיט זיין קלינגענדיקער לעבעדיקייט פאַרטריבן די שווערע געדיכטקייט. יעדער אָנקלאַפּ אין טיר האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן: — אפשר בלאַט? און וויפל איך האָב נישט געשיקט צו אים, ער זאָל קומען צו מיר און וויפל ער האָט נישט צוגעזאָגט צו קומען, האָט די צווייטע באַגעגעניש נאָך אַלץ נישט געקענט צושטאַנד קומען. די אַרבעט ביי אים האָט געברענט: זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, אויפגאַבעס.

מער איז שוין בלאַט צו מיר נישט געקומען.

אונדזער צווייטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אויף דער טשאַפּייעוו־באַזע. די צווייטע באַגעגעניש איז געווען אַ שטומע. צווישן אַ ערגוואָר פון פּאַרטיזאַן איז אין אַ אָרון געלעגן דער טויטער קערפּער פון העלד — בלאַט. פאַרשוואונדן געוואָרן איז די זון פון זיין פּנים, דער שמייכל. פאַרביסנקייט האָט אָנגעפילט דאָס טויטע געזיכט, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געהאַלטן אין מיטן פון דערפילן אַ גרויסע אויפגאַבע.

און דאָס וויכטיקסטע, די אויפגאַבע איז אויסגעפירט געוואָרן.

אַזוי איז דאָס געווען:

אַ טייל פון אָטריאַד איז אַוועק הינטער ליטעפּ אויף צעקלאַפּן אַ גאַרניזאָן. דער בגין, וווּ דער גאַרניזאָן איז געשטאַנען, איז שוין געשטאַנען אין פלאַמען און אַרומגערינגלטער פון די פּאַרטיזאַנער. אין די קעלערן האָבן זיך געפונען 16 פּאָליציאַנטן, וועלכע זיינען געווען אויסגעשטעלט אויפן פייער פון די פּאַרטיזאַנער. בלאַט וויל אָבער אומבאַדינגט זיי פאַנגען לעבעדיקע. דער קאָמאַנדיר רופט:

— קריכט נישט, בלאַט!

דער העלד איז שוין אָבער ביי די פענצטערלעך:

— גיט זיך איבער, אַז נישט קומט איר אום! — שרייט בלאַט צו זיי.

אַנשטאָט אַן ענטפער קומען עטלעכע שאָסן. בלאַט, אַן אונטערגעשאָסענער, דערלויפט קוים און פאַלט אויף די הענט פון קעמפער סערעש.

— איך שטאַרב... די סוואָלאָטשעס האָבן...

:: :: ::

ביים לינקן ברעג פון וועג, נאָענט צו דער טשאַפּאַיעוו־באַזע, אַרום די נאַראָטשער וועלדער, רוען אונטער עטלעכע בערגלעך העלדן פון דעם זעלבן אָטריאַד, געפאַלן ביים אויספירן זייערע פליכטן. דער קבר פון העלד איציק בלאַט איז דער פרישסטער. דער געלער זאַמד דערמאַנט, אַז ערשט נעכטן האָט נאָך דאָ אין דער נאָענט לעבעדיק געקלונגען בלאַטס קול, אַז ערשט נעכטן איז ער דאָ פאַרביי־געגאַנגען אין מאַרש און דאַרף נאָך, מוז נאָך און וועט נאָך צוריקקומען...

אָטריאַד „ווילנע", מאי 1944.

# א מאמע

צו דער הייליקער מאריע אין פארפינצטערטן ווינקל האָט די אַלטע פּעטינע טאָג און נאכט געבעטן:

— אָ, מוטערל הייליקע! באשיץ מיין איינציק זונעלע, מיין וואניען. 15 יאָר איז ער פון מיין שטוב נישט ארויס, כ'האָב איִם געהיט און געבאָוועט, ווי מיין אויג אין קאָפּ... און איצט — ווילן אים די דייטשן צונעמען פון מיר... ער איז דאָך נאָך יונג מיין קינד. דאָס זעכצנטע יאָר גייט אים ערשט, דאָס זעכצנטע יאָר...

זי פלעגט שעהן לאנג אָפּשטיין פארן טיר, אָפּווארטן, וואניע זאָל פון פעלד קומען. זאָיען פלעגט זי פון שטוב טרייבן:

— גיי זע, וואָס איז ער נאָך אזוי שפּעט פון פאשע נישט געקומען.

און אז דער טונקל־פלעקיקער הינטל מורום פלעגט פון וויטן פאטשן מיט די לאפּקעס, פלעגט דאן ביי פּעטינען דאָס הארץ אנהייבן קלאפּן:

— גאָט צו דאנקען... וואניע גייט שוין אויך...

דער טרילער פון פייפל האָט זיך געטראָגן פאָראויס און גלייך נאָכדעם האָט זיך באוויזן ע ר —

— מיין טייערער! — פלעגט זי אים אויסצערטלען און צעקושן די גלידער, — בגסט געקומען, — און ווי נישט גלויבנדיק, אז ס'איז ער, פלעגט זי אים ארומטאפּן און לאשטשען.

די מאמע פלעגט זייער אָפּט ארייגפאלן אין א מרה שחורה און רק מיינען, אז די דייטשן ווילן פטרן איר וואניען.

— איכ'ל זיך אן עצה געבן מיט זיי, מאמעלע, דו מט'זען — פלעגט ער זי בארואיקן. — א י ך וועל אין דייטשלאנד נישט פארן.

— און אז מען וועט קומען דיך נעמען מיט געוואלד, אזוי ווי מען האט גענומען קאסטיען?

— וועל איך אין וואלד אנטלויפן. מ י ך נעמט מען נישט מיט געוואלד! — פייערן זיינע בלויע אויגן.

וואניע האט ערשט נישט לאנג אין דער שול אנגעהויבן פויזען איבער די שווארצע פינטעלעך. גיך האבן אים אבער די היטלעריסטן באפרייט פון דער טירחה. און דעם אמת דארף מען זאגן: ער האט ווייניק וואס זיך געקלעמט פון דעם, וואס ער לערנט זיך נישט ווייטער. ער האט אויף דער שול-באנק נישט געקענט איינזיצן. דאס פעלד און דער וואלד! — א, ד א איז געווען זיין היים. ווי גוט ס'איז אים, ווען ער פליט איבער די טאלן און בערגלעך נאך דער סטאדע מיטן קנאקיקן בייטשל און קאמאנדעוועט צו די בהמות:

— ווו ביסטו פארקראכן?

— צוזאמען געגאנגען!

— זיך צעלייגט ווי א פריץ!

זיין סטאדע האט אים פארשטאנען און האט רואיק געפאלגט איר פירער.

סארא שיינע פייפעלעך ער שניצט, סארא פיינע געצאצקעוועטע שטעקעלעך. און אז דעם קצבס שילד ווערט דורך נאכט איבערגעהאנגען אויפן ארט פון שניידערס, איז זיך אויך נישט שווער אנצושטויסן וועמעס ארבעט דאס איז.

אין די וועלדער ארום טארסאווקע איז דער קעניג — וואניע. ער ווייסט, ווו יעדער קוסט געפינט זיך, יעדער אויסגעהוילטער בוים, יעדער בלאטע און זומפ.

— און אז ט ו י ז נ ט ע ר וועלן מיך דא זוכן, וועלן זיי מיך געפינען? — טענהט ער צו דער מאמען.

איינמאל, גארנישט ווי געווײנלעך, פעטינע איז נאך אין שטוב בײַ איר וועבשטול געזעסן, ערשט מורום פליט אריין. אין הארצן האט זיך וואס

אָפּגעריסן ביי איר. אין ציטער איז זי קוים צום טיר דערגאַנגען און אָנ־געטראָפן וואַניען.

— וואָסי? — איז זי אַרויפגעפאַלן אויף אים, — וואָס עפּעס אַזוי פרי היינט? ווו זיינען די בהמות?

— אין דר'ערד זיי אין אָרט... צו די באַלעבאַטים פאַרטריבן... ווייסט מאַמע, — זאָגט ער שוין מיט גאָר אַן אַנדער טאָן, אַ פאַרטראַכטערן, — איך גיי אַוועק.

פעטינע האָט זיך איבערגעצלמט:

— אָ יעזוס מאַריע, ווו גייסטו? וואָס הייסט דאָס „איך גיי אַוועק".

— הער, מאַמעלע, שוין אַ לענגערע צייט ווי כ'האָב אין די וועלדער געטראָפן פּאַרטיזאַנער...

— וועמען האָסטו געטראָפן? — קען נישט פאַרשטיין די מאַמע.

— גו פאַרטיזאַנער — דערקלערט איר דער זון. — אָט אַזעלכע, ווי די, וועלכע האָבן אַראָפּגעלאָזן אויף דער דווינסקער ליניע צוויי דייטשישע עשאַלאָנען.

פעטינע האָט ווי נישט פאַרשטאַנען. געשוויגט. רעדט דאָס וואַניע, א י ר זון, אָדער עפּעס אַן אַנדערער... ניין, טאַקע וואַניע שטייט פאַר איר.

— ווילסטו דאָס גיין צו זיי און אומקומען... און איכ'ל נישט וויסן, ווו דיין געביין איז אַהינגעקומען, — קודלט זי אירע זילבערנע האָר.

— און אַז די דייטשן וועלן מיך צונעמען, וועט זיין בעסער? און אַז איך וועל ביי ז יי אומקומען און וועסט נישט וויסן, ווו איך בין אַהינגעקומען, וועט זיין בעסער?

ווי מאָדנע בייז ער האָט גערעדט צו איר. אָבער אָט נעמט ער זי אַרום און קושט אירע טרערן אויס:

— כ'וועל דיך, מאַמעלע, נישט פאַרלאָזן. כ'וועל זיין דאָ אין וואַלד און קומען צו דיר. זיי זיינען גוטע מענטשן, מאַמעלע. סט'געדאַרפט הערן ווי אונדזער עלטסטער, דער חבר סעריאָזשע, רעדט... אָט אַזוי ווי...

פעטינע האָט אים אַ קוש געטאָן.

— דו סט'זען, מאמעלע, איכ'ל זיין מיט דיר. נישט ווייט פון דיר. אָבער קיינעם, קיינעם זאָלסטו נישט זאָגן וועגן דעם א וואָרט. אפילו נישט זאָיען. ווערסט זאָגן, אז איך בין אוועק צום פעטער אין לאבענאר.

מורוס האָט זיך געדרייט ארום זיי, געשפּרונגען אויף די קני, געלעקט די קריסטאָלענע פּייטקעס, וועלכע איז גערונען פון דער מוטער אויף איר געליבטן זון.

:: :: ::

איז אוועק א וואָך. א צווייטע. די מאמע זיצט מיט אויגן ווי ראקעס ביים פענצטער און וואַרט אויף איר זון. ווען די קי הייבן אָן צו מומוען און שעפּעלעך צו מעמעקען, ציטערט זי אויף. זי לויפט ארויס פון שטוב, אָט, דאכט זיך איר, וועט א יינגל וואַניע באלד מיט דער בייטש א כוואָשטשע טאָן די ליפּט און מיט די הענט פארלייגט אויפן מויל אויסהילכן:

— א ו ה ו ! — אָבער נישט וואַניע גייט. ס'איז גאָר א צווייטער יינגל. ס'פלעגט אמאָל א פויגל איבערן פענצטער זיך אָפּשטעלן און אנהייבן טרילערן, פּונקט ווי וואַניעס פייפל. ווידער פלעגט די מאמע ארויס, — איז דאָס פייגעלע אוועקגעפלויגן. דער חלום איז צערונען. פלעגט די מאמע די גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן, זיך דרייען אויפן געלעגער קוקן אין פענצטער, ווער שאָרכעט דאָרטן, וואָס בילן אזוי די הינט? — קיינער איז אָבער פארביי איר שטוב נישט געגאַנגען. דער ווינט בלויז האָט זיך געשפּילט מיט אן אָפּגעריסענעם שינדל פון דאַך. קיינער האָט אין טיר נישט געקלאַפּט.

א שנייאיקע נאַכט. א ווייגע. קיינער וועט היינט אויפן גאַס זיך נישט ווייזן. זאָיע שלאָפט שוין לאַנג. פּעטינע האָט זיך ערשט צוגעלייגט. דער קאָפּ דרייט, אין הארצן איז שוואַך. איז די מאַמעלע נאָר אנטדרימלט געוואָרן אין געוויירבל פון בייזע, וויסטע חלומות, ווי ס'האָט זיך דערהערט עפּעס א שאָרכען אין טיר. מיטאמאָל האָט זיך א ריס אריין געטאָן א ווינט אין שטוב.

— וואָס איז...

און איידער זי האָט נאָך באַוויזן ווייטער צו טראַכטן, האָט זי דערז=
פילט אויף זיך די ווייכע, וואַטיִנע טריט פון מורוסן און זיין ווארעמען
אָטעם. פעטינע האָט דערלאַנגט אַ שפּרונג צו דער טיר און אויפן שוועל —
געטראָפן וואַניען, אַ ווייסן, אַ מיט שניי באַדעקטן. נעבן אים זיינען גע=
שטאַנען צוויי אומבאַקאַנטע יונגעלייט, — אַלע דריי מיט געווער אויף
די אַקסלען.

:: :: ::

ביי פאַרהאָנגענע פענצטער שמינקלט אַ רויכערדיק לעמפּל, — אין
שטיבל איז אָבער ליכטיק. ביי פעטינען איז איצט דער גרעסטער יום=
טוב. זי האָט זיי אַלע דריי ליב, ווי זיי וואָלטן  א י ר ע  קינדער געווען.

— סאַשקע! — רופט זי איינעם.

— שימקע! — דעם צווייטן.

— וואַניע! — דעם דריטן.

זי לאָזט זיי צו  ק ײ ן  אַרבעט זיך נישט צורירן. רייניקט זייערע
שטיוול, וואַשט די פוסטיכלעך אויס.

— עסט, עסט, וואָס מעריַר. ווער ווייסט ווי לאַנג איר האָט שוין
רעכט נישט אָנגעקוקט קיין ביסל עסן... — פּעטינע באַמערקט, אַז די
קינדער זיינען דענערווירט, וויל זי זיי איינשטילן מיט טרייסט=רייד, אָבער
ס'גיט זיך נישט איין. שמעון איז אויפגערעגט ס'קריכט נישט קיין ביסן
אין מויל. די ליבע זאָרגעוודיקייט פון וואַניעס מאַמען דערמאָנט אים,
אַז אויך  ע ר  האָט געהאַט אַ מאַמען. אויך  ז י י ן  מאַמע פלעגט אים
אין קליינעם שטיבל אין ווילנע, אויף דער קאַלוואַריער=גאַס, אַזוי וואַשן
און קעמען ווי פּעטינע. „מאַמע, וווּ ביסטו איצט" — פינצטערן זיינע גע=
דאַנקען איינע נאָך די אַנדערע.

בילדער... ער האָט געהערט וואָס אין ווילנע טוט זיך. ער האָט גע=
הערט וועגן פּאָנאַר און ווייסט, אַז די ערשטע, וועלכע זיינען געפאַלן קרבנות,
אין פּאָנאַר, זיינען געווען די יידן פון דער קאַלוואַריער=גאַס. זעט ער איצט

די מאמען, דעם טאטן. זיי לויפן צעשלאָגענע אונטערן קנוט פון דער געש=טאפּאָ און יאָמערן:

— שימינקע טייערע, ווו ביסטו? — יאַטעווע! נעם פאר אונדז נקמה!

אויך סאשען עסט זיך נישט. ער קוקט אויף דער שלאָפנדיקער זאָיע און עס שטיקט אים אין האלדז טרערן א ים. אויך ער האָט אזא שוועסטער. גאָר נישט ווייט פון דאנען. צוויי יאָר ווי ער האָט זי שוין נישט געזען. ווער ווייסט, וואָס מיט איר איז? די דייטשן האָבן זיך צו איר געטשעפעט כסדר:

— ווו איז דיין ברודער?

נאָכדעם האָט מען זי אריינגעזעצט אין געשטאפּאָ. ווו איז זי איצט? ס'האָט געוויייטיקט אין הארצן געשטאָכן ווי מיט נאָדלען.

— נו, וואָס איז מיט אייך?! — רייסט זיך ארייַן וואניע פּלוצלינג אין זייערע געדאנקען אריין — איר האָט דאָך אָקאָרשט געזאָגט, אז אַן אָקס וואָלט איר אויפגעגעסן, אזוי הונגעריק זייט איר...

—ער, וואניע — האָבן זיי ביידע מיטאמאָל אויסגעזיפצט, — מיר זיינען דיך מקנא!...

ס'איז שטיל געוואָרן. קיינער האָט זיך מער נישט צוגערירט צום עסן.

— וואָס קען מען טאָן, קינד־ערלעך, — ווישט זיך פעטינע די טרערן,

— די גאנצע וועלט האָט ער הרוב געמאכט, דער דייטש.

דאָס ווייסן שוין אלע. איצט טראכטן די יונג־ען וועגן זייערע חברים, וועלכע זיינען אָקאָרשט וועגן נעבן זיי און וועלן שוין מער נישט צוריקקומען.

דעם 9טן דעצעמבער זיינען אומגעקומען קלאטשקאָ, קוניצקי און ריי=בער. דעם 11טן דעצעמבער, ס'הייסט מיט צוויי טעג צוריק, זיינען אין כוטער מאזוטע ביי לינטעפּ העלדיש אומגעקומען די צווייטע גרופּע — דאַלים, מארקאָוו און שוסטער.

— ווי די לייבן האָבן די דריי יונגען געקעמפט קעגן די 25 פּאָלי=ציאנטן, — האָבן די פּויערים דערציילט. — ...און נאָכדעם ווי זיי האָבן

אוועקגעלייגט עטלעכע סוואָלאָטשעס און אויסשיסנדיק די לעצטע קוילן, זיינען זיי אומגעקומען.

איצט עקבערט די דריי פארבליבענע:

— ווו איז דער קאָמאנדיר, ה׳ גריקאָ, און ווו איז טרומפּוטוס? צי זאָל מיט זיי אויך נישט וואָס געשען? — בלויז ביים געדאנק וועגן דעם האָבן זיי אויפגעציטערט.

פינצטער איז איצט אין שטיבל. עס וויינט די נאכט אריין דורך שפּארונעס, דורכן קוימען. מורוס ליגט אויפן שוועל און ווארט מיט אנגעשפּיצטע אויערן, מיט בלומרישט שלאָפנדיקע אויגן. די יונגען שלאָפן שווער. ווארפן זיך, קריצן מיט די ציין, ציטערן מיט די גלידער. א ו מ ר ו האָט זיי ארומגעכאפּט אפילו אין זייער ר ו.

די מאמע איז וואך. דעקט זיי צו. שטעלט זיך אָפּ ביי יעדערן, טראכט, באשאָקלט מיטן קאָפּ, באדויערט און האָרכט צו צום דרויסן. ס׳איז פינצטער אין שטיבל, אָבער פעטינע זעט זיי אלעמען, יעדער גליד, יעדער ציטער דערקענט זי שוין און ווייסט פון וועמען עס קומט.

קריכט די נאכט דורכן שנייאיקן געוועב פּאמעלעך, פּאמעלעך, קוקט דורכן פענצטער אין שטיבל אריין. שלאָפן די יונגען, שלאָפן... די מאמע מאכט מיט קיין אויג נישט צו...

פלוצלינג טוט סאשא א שפּרונג פון געלעגער:

— שמעון! וואניע! גרויסער טאָג!

— אָך ווי עס ווילט זיך נישט אויפשטיין, — קעצלט זיך וואניע.

— כאָטש נאָך אביסעלע...

פלוצלינג האָט מורוס זיך א שטעל געטאָן אויף די פיסלעך און א ביל געטאָן.

— וואָסי? — האָבן זיך אלע צו די פענצטער א כאפּ געטאָן.

ס׳האָט זיך קיינער נישט געזען. ווי א סעריע שאָסן פון אן אויטאָמאט האָט מורוס ארויסגעלאָזן זיינע בילן ווייטער און זיך געריסן צו דער טיר.

די מאמע איז פון אויוון ארויסגעקראָכן:

— גייט, קינדער, ארויס. אפשר גייט ווער, — און ווידער דעם קאָפּ

צו די טעפּ געקערט.

די פענצטערלעך פון פראַנט־אריינגאנג האָבן זיך מיטאמאָל באַרעקט מיט א טונקלקייט, און געשרייען האָבן זיך אריינגעריסן אין שטיבל:

— טשערעפּאכעס, גייט ארויס!

ווי געפּאנגענע אין א שטייג, האָבן די קעמפּער אנגעהייבן זוכן א רע־טונג. ס'האָט זיך אָבער נישט געזען, אז עס זאָל שוין וואָס ארויס. די איינציקע רעטונג איז דאָס געווער, — און קוילן אין די לופּעס זיינען שוין אריינגעצויגן געוואָרן.

— ארויס, טשרעפּאכעס!! — האָט די פּאָליציי געשריגן ווייטער.

קיינער האָט נישט געענטפערט. פעטינע האָט, ארויסציענדיק א טאָפּ פון אויוון, תיכף באמערקט וואָס דאָ טוט זיך און א שלעפּ געטאָן די קליינע פון בעט:

— גיך, זאָיע! טו זיך אָן, פּאָליציי איז דאָ!...

ווי ס'וואָלט זי ווער ארויסגעוואָרפן פון בעט, אזוי האָט די קליינע זאָיע א שפּרונג געטאָן גלייך צום פענצטער, עס אן עפן געטאָן און דער־זעענדיק וואניען מיט די אומבאקאנט־באוואָפנטע, אויסגעשריגן :

— דורך ד ע ם פענצטער, וואניע! דאָ איז קיינער נישטאָ.

דאָס רימשעריי האָט זיך פארשטארקט:

— צום לעצטן מאָל, טשערעפּאכעס, ארויס!

די מאמע גייט ראטעווען די קינדער:

— אלע לויפט דורכן פענצטער, — שלעפּט זי זיי, — און איך וועל דערווייל זיי גיין פארדעדן. זאָגן, אז איר זענט נ י ש ט אָ... מ י ך וועלן זיי נישט טשעפּען.

ס'האָט זיך צעפייערט א הוראגאן איבערן שטיבל.

א קוש, א צוויטן, א דריטן. די פּארטיזאנער פליען דורך די פענצטער. די מאמע שטייט שוין פ א ר דער טיר און בעט זיך ביי דער פּאָליציי:

— וואָס ווילט איר? דאָ איז דאָך קיינער נישטאָ...

דער אנפירער האָט זיך צעשריגן:

— דיין זון גיב ארויס, דו הינטישע מאמע, אז נישט צינדן מיר די שטוב מיט דיר אינאיינעם אונטער.

— נישטאָ, זאָג איך אייך, קיינער ביי מיר, — פאַלט זי אויף די קני.

— פייער! — האָט זיך דערהערט אַ באַפעל.

ס'האָט זיך ווידער צעדונערט דאָס שיסעריי און אָנגעצונדן דעם דאַך. פון שטיבל האָט קיינער נישט געענטפערט. נענטער צוגיין האָט די פּאָליציי מורא געהאַט. די מאַמע איז אַלץ געשטאַנען אויף די קני און געערדט צו זיי.

— גיט איר פאַרן הינטישן זון! — האָט זיך צעשריגן דער קאָמאַנ־דאַנט, און אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַט קעגן זיך דעם גרעסטן שונא, נאָך וועמען זיי זיינען געקומען, האָבן זיי אָנגעהויבן אין דעק אַלטער צו פייערן.

זי האָט קיין קרעכץ אפילו נישט געטאָן, די מאַמע. זי איז געלעגן מיטן קאָפּ אויפן קני צו דער ערד, אַזוי ווי זי וואָלט ווייטער געצויגן איר תפילה און געדאַנק, וואָס זי האָט געראַטעוועט אירע דריי זין מיט דער מאַכטער פון די דייטשישע הענט.

נאַראָטשער וועלדער, אָטריאַד „ווילנע'', אַפּריל 1944.

# „יאַסנאַיע מאָריע“

אנטקעגן פענצטער האָט זיך א זוניקער ווינטל געשפּילט מיט די שפּיזיקע צווייגן פון די הויכע, שטאָלצע סאָסנעס און זיך צעוויגט אין שאָטנדיקע אוזאָרן אויפן געזונטן טונקל=ברוינעם קיילעכדיקן פּנים פון קאָמאדיר סיעדיאַקין.

גוטמוטיק צעדרייט ער די געדיכטע ברוינלעכע טשאַפּייעוו=וואָנצעס און די אויגן, אין וועלכע ס'צעשפּיגלט זיך דער הימל=בלוי, צעשטראַלן זיך צו די ביימער=שפּיצן.

די גאָלדיק=גרינע קרוינען=קעפּ וויגן זיך רואיק, שאָקלען און סודען זיך.

סיעדיאַקינען איז נאָענט דער גרינער געמורמל, דער בלויער ציטער, דער גאָלדענער שפּיל און דער שנייאיק=שמאַראַגדענער אַלבאַסטער.

סיביר דערמאַנט זיך אים איצט: דער ווייטער ווייט, ווו עס שפּילן זיך טאַנצנדיקע קאָלירן פון נאַטוריקן ארום, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, אויפגעוואַקסן, דעם אינסטיטוט געענדיקט און אין שול לעקציעס געגעבן. דער נאַטור=לימוד איז געווען פאַר אים דער באַליבסטער. ער האָט די לעקציעס נישט געהאַלטן אין שול=צימער. מיט זיינע תלמידים האָט ער געשפּאַנט קילאָמעטערס אין דער לענג און ברייט, געווען אין אַלע וואַלדגעדיכטענישן, גענישטערט, געזוכט און צעשפּרונגען זיך פאַר פרייד, ווען ס'האָט זיך איינגעגעבן צו געפינען א נייעם מין אינזעקט, א נייע יאַשטשערקע, א שלאַנג.

זיינע פלאַנצן=קאָלעקציעס האָבן דערציילט ווי ליב און זאָרגיק עס

## פ אַ ר ט י ז אַ נ ע ר   ג י י ע ן!...

איז צו זיי זייער זאַמלער.

אַט מישט זיך אין געדאַנק בײַ אים דער קאַלירטער גרין פון די בלע־טער און גראָז־מינים...

אַט ציט זיך אין דער אומענדלעכקייט דער אייביק העלער, אייביק ווייסער ים...

דעם ווייסן ים דערמאַנט סיעדיאַקין יעדע מינוט, ביי אַלע גע־לעגנהייטן.

— יאַסנאַיע מאָריע! —

מען ווייסט גאָרנישט, אַז די פאַמיליע פון טשאַפּאַיעוו־קאָמאַנדיר איז סיעדיאַקין. אַלע רופן אים יאַסנאַיע מאָריע.

— דערלויבט זיך צו ווענדן צו אייך, חבר קאָמאַנדיר! — האָט אַן אויפגערעגטע שטים אים צוריק־געבראַכט פון ווייטן סיביר צוריק צו זיך אין זעמלאַנקע.

סיעדיאַקין האָט זיך האַסטיק אַ שטעל געטאָן:

— נו וואָס, קודריאַוועצעוו, נייעס געבראַכט?

— 18 דערהרגעטע, אַ פּולעמיאָט, צוויי אויטאָמאַטן און 9 ווינטאָווקעס. — האָט אויסגעהאַקט דער שטאַב־נאַטשאַלניק.

דער קאָמאַנדיר האָט אויסגעגלאָצט:

— נו, רעד זשע, אַ וואָרט זאָל מען הערן... וואָס ביסטו געבליבן אינמיטן... וועמענס דערהרגעטע? וועמענס טראָפּייען? אונדזערע? זייע־רע? זאָג!

קודריאַוועצעוו האָט זיך צעשמייכלט:

— ווען די אָנווערן, חבר קאָמאַנדיר, וואָלטן געווען אונדזערע, וו אָ ל ט איך   א ו י ך   נישט געקומען.

דער קאָמאַנדיר האָט הייטערדיק אַ פּאַטש געטאָן אין קני:

— ער, יאַסנאַיע מאָריע... נו דערצייל... צי נישט די עצמות... יאַס־נאַיע מאָריע!

— נו, וואָס איז דאָ צו דערציילן — זאָגט קודריאַוועצעוו — די זאַך איז פּראָסט און פּשוט: ס'האָט זיך זיי פאַרוואָלט, די מיאַדלער דייטשן און פּאָליצייסקע, מאַכן אַן אויספלוג אין פּאָסטאָוו, כדי צו ברענגען פון

דאָרט די מאָביליזאציע־קאָמיסיע. נו, האָבן מיר זיי איבערגענומען אויפן וועג און 18, צווישן זיי אויך די קאָמיסיע, איבערגעשיקט מאכן א מאָביליזאציע אויף יענער וועלט.

— עך, יאסנאָיע מאָריע... טאָ וואָס שווייגסטו? זעץ זיך, וואָס ביסטו מיטאמאָל שטום געוואָרן?

— אז איך וויים נישט וואָס איז דאָ צו רעדן — קען נישט פארשטיין קודריאווצעוו — מיר האָבן געטאָן! מיר האָבן זיי צעשעטקעוועט און א סוף! און יאָ... מיר האָבן באפרייט פארטיזאנער פון דער ראָקאשאָווסקי־בריגאדע, וועלכע זיינען געבונדענע געפירט געוואָרן אין פאָסטאָוו.

— בראוואָ! — רופט אוים סיעדיאקין — בראוואָ!... „צעשעטקעוועט"

— צעלאכן זיך די ווייסע ציין פון קאָמאנדיר, און א פאטש־טוענדיק דעם שטאב־נאטשאלניק איבער דער העלער טשופרינע — עך, קודריאווצעוו... פון דיר וועט שוין קיין פּאָעט נישט ווערן.

— די פראָזע איצטער איז א סך אינטערעסאנטער... חבר קאָמאנדיר.

— נו און די טויטע האָבן זיי צוגענימען? — האָט זיך דערמאנט סיעדיאקין.

— ניין, זיי ליגן דאָרטן מיטן פּנים, אָדער מיטן הינטן צום הימל און וואַרטן, מען זאָל זיי צונעמען.

דער קאָמאנדיר האָט פארקראַטעוועט דאָס פּנים צווישן זיינע פינגער, ווי נישט וועלנדיק ארויסלאָזן דעם שטורעם, וואָס האָט זיך פאנאנדערגעכוואַליעט אין מוח און א פלאַץ־ארוים געטאָן:

— אָטריאַד סטרויסיא, יאסנאָיע מאָריע!

— יעסט! — האָט א שלאָס־ארוים געטאָן די פיס דער שטאב־נאַטשאלניק און איז ארוים פון זעמליאנקע.

:: :: ::

אויסגעצויגן ליגט, פארביי דעם נישט געדירטן טראקט, דאָס דאָרף פאסענקע. פון רעכטן זייט קוקט אויף די באַקעס דער טונקעלער אָפּגרונט פון דעם נאַראָטשער אָזיערע־אויג. מעשהלעך דערציילט וועגן דאָרף דער גרינוואלדיקער געפלעכט אין די בערגיקע קוסטעס פון לינקס. אָן

אַלטער בית־עולם בוקט זיך אין אומעט פון גראָזן־באַהעלטעניש צום הימל צו.

נאָך גאָר נישט לאַנג האָט זיך אויפן ברייטלעכן שאָסיי־וועג גע־טומלט און גערודערט: מאַשינעס, רייטער, פורן האָבן געאַקערט דעם זאַמ־דיקן שטויב, געגראָבן זיך אין דער טיף, ווי געוואָלט אויף אייביק צו־ווישן געבן די פּרעמדע:



אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער (יידן, פּאָליאַקן, רוסן, מאָנגאָלן) פון יידישן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „אַ טויט דעם פאַשיזם" אין די רודניצקער פּושטשעס (ליטע).

— אָט דאָ פאָרט מען צו פּאַסטאַוו, אַהער גייט דער וועג אויף מיאַדלע.

איצט דערקענען אפילו נישט די אַרומיקע דעם וועג. דער שניי האָט אים ווי פאַרמאָלט. איז געוואָרן איין שטיק נאַקעט פעלד — דער וועג מיטן גרויסן נאַראָטש.

דעם נייעם מיאַדלער פּאָליציי־קאָמאַנדאַנט אַגייעוו ברענט עס. ער קען נישט אויסהאַלטן. ער וואָס מיט ליב און לעבן דינט דער דייטשער מאַכט, ער וואָס האָט געהוליעט איבער דערפער און שטעטלעך פון גאַנצן

קאנט. ער — וואָס האָט באַזייטיקט, פאַרניכטעט און דערמאָרדעט ווער ס'איז נאָר אונטער זיין האַנט געקומען און צוויי מערדאָלן געקראָגן דער־פאַר. ער, אגייעוו, דאַרף מיט זיין גאַרניזאָן ליגן פאַרשפאַרט, און קען פון שטעטל נישט אַרויס.

עס לאָזן נישט צורו די פאַרטיזאַנער. באַזעצן די וועגן, פאַרקלייבן זיך נישט זעלטן אפילו צום שטעטל צו...

דעם 24טן מערץ 1944 איז דער טראַקט צערודערט געוואָרן. אויפן קלאָרן צעפרוירענעם שניי זיינען געבליבן ליגן 18 געהרגעטע פּאָליציאַנטן און דייטשן.

אין די גאַרניזאָנען איז אויסגערופן געוואָרן טרויער.

— פאַר יעדן פּריז — האָט געקלונגען דער ראַדיאָ־באַפעל פון פּאָמ־טאָוו — מוזן צוגענומען ווערן די טויטע פון טראַקט.

האָט זיך אגייעוו, דער אָרדנטרעגער, געלאָזן אין וועג.

זעקס מאַשינעס געפּאַקטע מיט פּאָליציי און דייטשן, א טאַנקעטקע, א פּאַנצער־אויטאָ, אַמוניציע, — ווי צו דער גרעסטער שלאַכט.

האָפּערדיקע האָבן זיך די רעדער געדרייט איבערן שאָסיי:

— אַנו, — הייסט עס, — הייבט זיך נאָר אָן מיט אונדז. עס וועט אייך ווייזן וואָס עס קען דער טאַנק אונדזערער, דער פּאַנצער־אויטאָ, די פּולעמיאָטן, אונדזערע אויטאָמאַטן.

אַרום פּאַסענקע ליגט איצט דער טשאַפּאַיעוו־אָטריאַד, פאַרטייעט צווישן קוסטעס, גראָז, אונטער בערגלעך, צווישן ביימער.

דער קאָמאַנדיר רוט נישט. קאָנטראָלירט די זוואָדן, זייערע קאָמאַנ־דירן, די פּאָזיציעס ווו זיי געפינען זיך. עס אַרבעט אויסגעצייכנט די ראַזוויעדקע. סיעדיאַקין אָבער איז ווי צעטומלט: אַוועק דער ערשטער טאָג, דער צווייטער, אָט איז שוין דער דריטער טאָג און זיי ווייזן זיך נישט. האָבן זיי מורא צו קומען? קלייבן זיי גרויסע, שטאַרקע כוחות אפשר, כדי צוצונעמען זייערע מתים? — געדאַנקען אַזעלכע האָבן געעק־בערט און אים נישט געלאָזן צורו. א פּאַסמע האָר האָט זיך פון אונטער די פּאַפּאַכע ביי אים געהוידעט א צאָרנדיקע אין דער לופטן און זיך צעשאָטן א מידע אין א פאָרהענגל איבערן פּנים.

דער פרימאָרגן האָט זיך פרילינגדיק צעזוניקט אויף די שנייאיקע פעלדער און זיך פאַרגנבעט צווישן דעם גערדאנקען־געמיש ביים קאָמאַנדיר און ווידער דערמאַנט אים אָן זיין וויטן היימלאַנד...

:: :: ::

וויפל דאַרף דאָס געדויערן צו פאָרן מיט מאַשינעס דאָס שטיקל וועג איבערן טראַקט, וווּ עס ליגן די דערשאָסענע פּאָליציאַנטן און דייטשן פון מיאַדלער גאַרניזאָן?

ס'האָט טאַקע נישט געדויערט.

פאַרביי די פענצטערלעך פון די דערפער, וואָס ליגן ביים טראַקט, זיינען אומדערוואַרט בליציק פאַרבייגעפלויגן אין טומל די מאַשינעס.

ווי אַ בייזער שטורעם האָבן זיי זיך דורכגעטראָגן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך דעם צאָרנדיקן מאָטאָרן־זשום אין די פויערישע כאַטעס.

דער פליענדיקער טויטן־געזשום האָט זיך געיאָגט פאָראויס און געוואָרנט:

— היט זיך, דער טויט פאָרט!

די פויערים זיינען זיך טאַקע צעשראָקענע צעלאָפן אין די וועלדער. דער טראַקט האָט זיך געבויגן פון שווערן לאַסט וואָס האָט זיך צעוויגט אויף אים.

דער טויט פאָרט!

און אים אַנטקעגן איז אַרויס דער טשאַפּאַיעוו־אָטריאַד. די ערשטע האָבן אים באַגעגנט צען קעמפער פון דריטן זוואָד.

— פייער, חברים! — האָט אַ ברום געטאָן דער קאָמזוואָד ח' לעאָגאָוו, דערשמעקנדיק דעם ריח פון מאַשין־גאַז.

אויף דעם פוסטן אָרט, וווּ ס'האָט אָפּגעשיידט איין ריי הייזער פון דער צווייטער, פאַרביי וועלכע ס'האָט זיך געצויגן דער שאָסיי, זיינען אָנגעשפּרונגען אויף דער צעעפנטער שיסעריי די ערשטע צוויי אויטאָס. ווייטער האָבן זיי שוין נישט געקענט זיך רירן. דער ערשטער האָט זיך געפּרוווט אַ קערווע טאָן צו דער אַזיערע, דער שאָפער האָט זיך אָבער אַרויסגעוואַקלט פון קאַבינע און געבליבן ליגן אויפן שניי. די מאַשין איז

געבליבן שטיין און פארהאלטן דעם וועג דער צווייטער, פון וועלכער ס'איז ארויסגעלאָפן דער שאָפער מיט אן אויסגעשטעלטן אויטאָמאט און איידער נאָך ער האָט באוויזן צו שיסן, זיך פארטשעפּעט אָן געפאלענעם חבר זיינעם, א פאל געטאָן איבער אים און זיך שוין מער נישט אויפגעהויבן.

דאָס פייער פון די פארטיזאנער האָט זיך נישט איינגעשטילט און געזיפּט אין די צוויי אויטאָס, פון וואנען ס'האָט זיך ארויסגעכאפּט דער שונא און אנגעהויבן ענטפערן מיט פייער, נישט אכטנדיק וואָס עטלעכע דייטשן זיינען שוין געלעגן אין רויטער געדיכטקייט אומבאוועגלעך, טויטע.

— פאר קיין פאל נישט דורכלאָזן דעם שונא ווייטער — האָט געשטורעמט לעאָנאָוס באפעל.

די איבעריקע מאשינעס האָבן זיך טאקע פארקערוועט אָדער זיך גענומען ארייננדרייען אין דאָרף, שיקנדיק פאָראויס די טאנקעטקע מיטן פאנצער־אויטאָ.

— טיכאָמיראָוו! — האָט זיך צעקלונגען די שטים פון סיעדיאקינען דורך דער שיסעריי — פייער דערלאנג!

— יעסט! — האָט א זעץ געטאָן דער פעטעער אין: טיכאָמיראָווס פעסטער האנט.

דער טאנקיסט האָט זיך פארדעקט מיט זיין שטאָלענעם פארטעך און זיך צעשאָטן מיט פייערדיקן בליי אויף די קעמפער, אויף דעם דאָרף, וווּ ס'האָבן זיך אנגעצונדן די ערשטע פאָדערשטע כאטעס.

דער קאָמאנדיר האָט ווידער א שטורעם געטאָן:

— פארשטארקן דאָס פייער, חברה!

די לופט האָט זיך צערעגנט מיט א היים־בלייאיקער שיסעריי. די איבעריקע אויטאָס האָבן זיך באהאלטן אונטער: שוץ פון די כאטעס. דער שונא האָט זיך געגרייט מסתמא צו אזא פייערדיקן קבלת־פּנים און האָט זיין גאנצע רוצחישקייט, וואָס האָט געווירט קעגן די פארטיזאנער, ארויסגעלאָזן דורך מינען־ווארפן, הארמאטן, פולעמיאָטן און אויטאָמאטן.

דער שונא האָט זיך שוין ארייננגעריסן אין דאָרף. ברענט שטיבער.

שטורעמט מיט כוואליקער פארגיכטונג. די פארטיזאנער ווערן געצווונגען פארנעמען גינסטיקערע פאזיציעס.

אבראמאוו וויל אבער פון קיין זאך נישט וויסן. כל זמן דער שונא איז אין דארף, וועט ער פון דאנען נישט אפטרעטן. אבראמאוו שטייט אויפן מיטן גאס און זייט מיט זיין אויטאמאט.

— טרעט אפ פון דאנען! — רופט דער קאמאנדיר.

— אבראמאוו, גיי אוועק! — שרייען זיינע חברים, זייענדיק זיכער, אז דער יונג וועט שוין קיין לעבעדיקער פון ארט נישט אוועק.

אבראמאוו אבער שווייגט, זיין אויטאמאט רעדט. קוירא, ביקאוו און קאמזוואד לעגאנאוו אייניקן זיך צו צו אים — דערלאזן נישט דעם שונא אריינדרינגען טיפער אין דארף.

די לאגע אבער ווערט ערנסטער. דער שונא דרינגט דורך פארשייי־דענע זייטן און פלאנירט אריינגעמען די פארטיזאנער אין א רינג. ביי די קעמפער ווערט אויסגעשעפט די לעצטע קוילן־זאפאסן. אט ראפאר־טירט קוירא:

— חבר קאמאנדיר! דער לעצטער דיסק.

דער שוויים גיסט זיך איבער סערעשן:

— חבר קאמאנדיר, דערלויב צו מעלדן, קוילן דארף איך...

— קרופסקי איז געפאלן, חבר קאמאנדיר — אטעמט שווער אוים א פארטיזאן...

— קאסארעווסקים פולעמיאט שטייט שוין אויך צו...

— ס'איז נישט געווען מיט וואס צו ענטפערן, חבר קאמאנדיר, זיי־נען מיר געצווונגען געווען אפצוטרעטן...

— ציבולסקי איז פארווונדעט.

אלץ זאגט פאר דעם, אז מען דארף אפטרעטן. סיעדיאקין טוט א קוק — אויך ז יי ן קוילן־זאפאס לאזט זיך אוים. ער פארבייסט די ליפן. רייסט איבער מיט א האנט־באוועגונג די געשפרעכן:

— אויפנעמען גיך פון די ווינטאוועס די פארבליבענע קוילן און איבערגעבן די פולעמיאטשיקעס! — באפעלט דער קאמאנדיר. ס'ווערט ליידיק. סיעדיאקין בלייבט אליין. ער באטראכט און באנעמט די סיטו־

אציע. ערנסט. — אָבער אויב מיר זאָלן אָפּטרעטן — טראַכט דער קאָ־מאַנדיר — וועלן זיי דאָס דאָרף מיט דער ציווילער באַפעלקערונג פּטרן. פּאַרטיידיקן די ציווילע באַפעלקערונג! — דער געבאָט האָט איצט אַ פּאָ־דער געטאָן פון סיעדיאַקיגען מעשים. און אַ ברום טיעגדיק צו זיינע פּולעמיאָטשיקעס, וועלכע האָבן זיך אויף דאָס גיי געמאָלדן צו אים:

— פאָראויס נאָך מיר, יאַסנאָיע מאָריע! —

האָבן זיך די קעמפער אַ הויב געטאָן פון די ערטער און מיטן געשריי „הוראַ" זיך געלאָזן פאָראויס מיט זייער שטורעמדיקן קאָמאַנדיר.

עס שטייט ח' קאָסאַרעווסקי מיטן פּולעמיאָט אויפן רימען און רעגנט אין פאַנצער־אויטאָ, וועלכער ציט אָפּ אין געאייל פון וועג.

— הענט אין דער הויך! — שרייט אויס בערמאַן צו צוויי פּאָלי־ציאַנטן. צעשראָקענע טוען זיי אַ פאַל פאַר אים אויף די קני און צע־יאָמערן זיך:

— לאָזט אונדז לעבן, מיר זיינען...

— סוואָלאָטשעס — זענט איר! — ענדיקט בערמאַן און הייסט אָפּ־ווארפן דאָס געווער און אָפּגיין מיט געהויבענע הענט צו די פּאַרטיזאַ־נער.

— בראַוואָ, אַבראַמאָוו, בראַוואָ! — כאַפּן אונטער עטלעכע קעמפער.

דער יונגער אויטאָמאַטשיק ראַטעוועט איצט אַן אַלטיטשקע פון פייער אַרויס און אויף דער צווייטער האַנט טראָגט ער אַ קינד.

און איבער אַלעמען אויף אַ בערגל שטייט יאַסנאָיע מאָריע ווי אַ פעל־זיקער גראַניט אין צעשטורעמטן ים. אַלץ זעט ער, אַלץ באַמערקט ער. קע־רעוועט מיט דער שלאַכט, דערשיילט קוילן צו פּולעמיאָטשיקעס, אַנדערשט די פּאָזיציעס, וויזט אָן די ריכטונגען די נייע קעמפער צום ציל. און אויך זיין אויטאָמאַט האָט אַרבעט. ער קאָנטראָלירט דעם שונאס יעדן קער. אָט קריכן אַ פּאָר פריצן מיט די צילנדיקע געווער אַלץ נענטער — זיין האַנט טוט אַ צי, אַ סעריע קויל שניידן אונטער דעם שונא אין גאַנג. „ראַטעוועט די ציווילע באַפעלקערונג, שטערן די מאָביליזאַציע, פאַרניכטן דעם שונא..." ער פלאַקערט אין ועדאַנקען־געמייש וואָס ווירבלט אין אים.

ס'באַהאַלט זיך וועד אין די קוסטעס. סיעדיאַקין גיט אַ חוזק אַרויס:

— נו, העלדן מײַנע, אַרויס גוין באַהעלטעניש.

מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט קריכט אַרויס אַגייעוו אַ באַהאָנגע־נער מיט גאָלדענע מעדאַלן. און איידער גאָך ער טוט זיך אַ כאַפּ פאַר זײַן פאַראַבעל, גיט דער קאָמאַנדיר אַ סעריע און אַגייעווס קאַריערע איז אַ פאַרענדיקטע.

עס נעמט אים נישט קיין קויל. ער גייט, סיעדיאַקי, פון איין אָרט צום צווייטן אויף די דאָסגיי באַרגומענע פאָזיציעס און קאָמאַנדע־וועט!

— אַבראַמאָוו, ביקאָוו, קווירא — אָט דאָ אויפן בערגל. טאָלסטאָ־פּיאַטאָוו, דוקשטולסקי פאָליקאַרפּעוו — צווישן די קוסטעס צעלייגן זיך שטרעם, קראַוויעץ — רעכטער האַלטן זיך. טערעש, טימאָשענקאָוו — לעבן מיר. לעאָנאָוו און סאָקאָלאָוו מיט אייערע זוואָדן — ביי יענע כאַ־טעס... די ציווילע באַפעלקערונג שיקן הינטער אונדזערע פאָזיציעס אין וועלדל.

סעקונדיק ווערט אַלץ דורכגעפירט אין פייערזיפ פון שונאס קוילן. פליען אויגן־בליצן פון קאָמאַנדיר צו די באַוועגונגען פון זײַנע קעמפער און אַ דריי טוענדיק אַ וואָנס אין דער הויך, גיט ער ווידער אַ באַפעל:

— פייער, יאַסנאָיע מאָריע!

עס האָט זיך ווידער צעפייערט טיכאָמיראָווס פעטער, די פולעמיאָטן פון קווירא און טערש, די אויטאָמאַטן פון די שטורמאָוויקעס אַבראַמאָוו, בערמאַן, טאָלסטאָפּיאַטאָוו, אַבראַמאָוויטש, לעאָנאָוו און סאָקאָלאָוו. גע־טראָפן געוואָרן איז דער באַנד ביים טאַנק און אים ווייטער נישט געלאָזן פון אָרט זיך רירן. ווי זאַנגען אונטער קאָסע־שניטער האָבן זיך צעלייגט אויפן וועג, ביי די שטיבער האָפּעדיקע דײַטשישע פריצן און צעיוכעטע פּאָליציאַנטן. אויך דאָ פאַרנעמט אַגייעוו דעם זויבנאָן.

די פאַרטיזאַנער רייסן זיך צוריק אין דאָרף אַרײַן. די טאַנקעטקע, די פאַנצער־מאַשין גיסן נאָך אַלץ מיט פייער, ווילן זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעבן, ווילן אַלץ נישט אַנטלויפן.

די שלאַכט האָט ערשט איצט זיך פאַנאַנדערגעבערעגט די קעמפער־קריכן אין קוילן־האָגל מיט זייער אויסגעלייזדיקטן געווער אויף די פליי־

צעם נאָך טראָפּייען. און אָט ארבעטן שוין דעם שונאס קײלן אין די פּארטיזאנישע פולעמיאָטן, דעם שונאס אויטאָמאטן און ווינטאָווקעס אין פּארטיזאנישע הענט.

— פּאָראויס! — שטורעמט אלץ דער קאָמאנדיר.

— פארן נצחון! — כאפּן אונטער די קעמפער.

— פאר דער פרייהייט צעזינגט זיך דער ארום אין פילט אָן מיט זיגערישן נצחון די פּארטיזאנער, די ציווילע באַפעלקערונג דאָס דאָרף.

— פּאָראויס! נאָך מיר! -- צעקלינגט דער עכאָ דעב שטאָלענעם רוף פון קאָמאנדיר.

:: :: ::

די וואלדיקע וועגן, וועלכע פירן צו דער טשאפּאיעוו־באזע, האָבן דעם ערשטן מאָל פון זייער דורותדיקן זיין דערשפּירט אויף זיך די לאסט פון אן אויטאָ. די שנייאיקע שליאכן זיינען דעם ערשטן מאָל צעדריקט געוואָרן אין אוזאָרן פון רעדער־אָפּאָנעם.

וואָס קלינגט אזוי היינט אין דער לופטן, ווער זינגט עס? וואָס פלימטערן אזוי די שווערע נאָדל־צווייגן?

עס גליטשן זיך איבערן געפרעסטן אלבאכטער־וועג די פּארטיזאנישע טשאפּאיעוו־העלדן אין דער טראָפּיינער מאשין.

עס לויכט דאָס פּראָסטיקע געזיכט פון קאָמאנדיר דורך די קאבינע־שויבן:

26 דערהרגעטע אויפן שלאכט־פעלד (אויסער די 15 טויטע און 25 פארווונדעטע, וועלכע דער פיינט האָט נאָך באוויזן צו נעמען מיט זיך), 5 סוואָלאָטשעס לעבעדיקע אין געפאנגענשאפט, 35 ווינטאָווקעס, 1 האנט־פולעמיאָט, צוויי אויטאָמאטן, א מאשין, אומשעדלעך געמאכט די טאנקעטקע, צעקלאפּט צוויי מאשינעס און געראטעוועט די ציווילע באפעלקערונג.

:: :: ::

אויפן מיטינג פאר די קעמפער אין אָטריאד־קלוב האָט דער קאָמאנ־

דיר, איבערגעבנדיק א דאנק איז זיין נאָמען די העלדישע קעמפער, זיך דערמאָנט:

— מיט אן ערך א יאָר צוריק, האָט מען מיך געשיקט אין שונאס טיל אנבינדן א קאָנטאקט מיט דעם קאָמבריג פון דער וואָראָשילאָוו־בריגאדע ח׳ מארקאָוו. ווען איך האָב געפרעגט דאן דעם פּאָלקאָווניק, צי ער האָט וואָס צו בעטן אין מאָסקווע, האָט ער נאָך א לאנגן ישוב־הדעת מיט זיך ענדלעך אויסגערופן: ווען זיי שיקן מיר צו איין פולעמיאָט מיט דריי אויטאָמאטן, וואָלטן מיר געווען גערא‍טעוועטע.

דער עולם האָט זיך פאנאנדערגעלאכט.

— יאָ, יאָ, חברים — ציט ווייטער דער קאָמאנדיר — אָט אזוי האָט דאן אויסגעזען די באוואָפענונג פון אונדזער בריגאדע. צום היינטיקן מאָמענט ציילט אונדזער אָטריאד שוין אליין צענדליקער אויטאָמאטן, פולעמיאָטן און ביקסן.

דער בריגאדע־שטאב האָט איבערגעשיקט א דאנק דעם אטריאד פאר דער לעצטער שלאכט. אויך די אנפירונג פון דער 1טער באלטישער ארמיי האָט צוגעשיקט אונדזער אָטריאד דורכן ח׳ מאָנאכאָוו א דאנק.

— יאָ, חברים... אונדזער אויפגאבע איז צו פארווירקלעכן דעם לאָזונג:

— א טויט די דייטשע אָקופאנטן! — אין מעשים

צענדליקער עשאלאָנען האָבן שוין אונדזערע אויפרייס־גרופּעס פארניכטעט, אין דעם טויזנטער סאָלדאטן און אמוניציע. איצט, חברים, שטייען פאר אונדז נאָך וויכטיקע אויפגאבעס, וואָס מיר דארפן דורכפירן.

די טשאַפּאַיעווצעס האָבן איינגעהאלטן דעם אָטעם און שטיל נאָכגעפאָלגט די ווייטערדיקע רייד פון זייער באליבטן קאָמאנדיר.

— עס דערנענטערט זיך, חברים, דער ערשטער מאי!

— ריכטיק, נאָך דריי וואָכן! — האָבן שטימען זיך אָפּגערופן.

— די צייט איז קורץ. יעדער פון אייך נעמט אויף זיך די התחיבות אויפן גרויסן יום־טוב אונדזערן ברענגען דעם אָטריאד א מתנה.

— וואָס פארא מתנות? — דער עולם האָט נישט פארשטאנען.

— א גרויסע מתנה וועט זיין — אן אראָפּגעלאָזטער עשאלאָן. א

מתנה וועט זיין צעשיסן אָדער ברענגען לעבעדיקע דייטשן און זייערע מיטהעלפער. א מתנה וועט זיין אן אונטערגעצונדענע בריק, א צעשטער־טער שאָסיי־וועג, איבערגעריסענע פארבינדונג א. א. וו. דאן וועלן מיר זיין ווערט צו פייערן דעם גרויסן יום־טוב פון ערשטן מאַי, דאן...

— חבר קאָמאנדיר — האָט זיך אויפגעשטעלט א פארטיזאן פון דריטן זוואָד — באפעלט אונדז און מיר וועלן אויספירן אלץ.

די טשאפּאיעווצעס האָבן זיך צעהייטערט.

— וואָס, זשאלעווען וועלן מיר אזעלכע מתנות ברענגען?

— איז נאָך א פּאָר עשאלאָנען.

—איז נאָך א פּאָר צענדליק דייטשן.

דער קאָמאנדיר איז געשטאַנען ביים טיש א צעפריידיקטער פון דער מונטערקייט ביי זיינע קעמפער. ער האָט נאָך צו רעדן אוז צו רעדן, אָבער א זעץ מוענדיק מיטן פויסט אין טיש, האָט ער לעבעדיק פארענדיקט:

— גו טאקע צו וואָס די רייד, אונדזער טשאפּאיעוו־אָטריאַד האָט באוויזן, אז ער טוט און וו ע ט באווייזן.

די קעמפער האָבן זיך א שפּאר געטאָן צו דער סצענע, ארומגערינגלט זייער צעמונטערטן קאָמאנדיר, אים א הויב געטאָן אין דער לופטן און זיך יובלדיק צעשריגן:

— הורא, פארן חבר קאָמאנדיר!

— הורא! הורא!

דער געזונטער קערפּער פון סיעדיאקינען איז געפלויגן ווי אן אָדלער אין דער לופטן. אין פלי האָט ער זיך דערזען ארומגערינגלט פון זיין צע־פריידיקטער פאמיליע, פון די צעזוניקטע שולקינדער און פון דעם ווייסן זילבעריק־העלן ים, וואָס צערטלט און לאשטשעט אים ווי א מאמעלע, וואָס קלייבט נחת, פארגעניגן פון איר איינציקן זון. וואָס האָט זיך אומ־געקערט צוריק אהיים.

אָטריאַד „טשאפּאיעוו", נאראָטשער וועלדער, 17טער אפּריל 1944.

# מיין שעף איז געווען אַלפרעד ראָזענבערג

אין א וואָך ארום, נאָך דעם ווי די היטלעריסטן האָבן אָקופּירט ווילנע (סוף יוני 1941), איז דאָרט געקומען א שליח פון אַלפרעד ראָזענבערג, און האָט אויפן טיר פון זיין האָטעל=צימער אויפגעהאָנגען א צעטל, וואָס האָט געלאָזט וויסן, אז דאָ געפינט זיך דער ד״ר פּאָל.

אין א גרויסן ארטיקל אין שטרייכערס „שטירמער" א. נ. „ייִדן פאַרשונג אָן ייִדן", וואָס איז געווען פארזען מיט ד״ר פּאָלס בילד, איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די גרויסע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון ארישן געלערנטן, וועלכער האָט עטלעכע יאָר שטודירט אין ירושלימער אוניווערזיטעט און האָט דערגרייכט צו דער מדרגה אליין אַן עצה צו געבן זיך אין דער ייִדן=פאָרשונג.

פּאָל האָט פּאראדירט איבער די ווילנער גאסן אין זיין געלב=גרינעם אוניפאָרעם מיטן האקנקרייץ אויפן אָרעם. זיין טאקסי איז געפלויגן פון איין מוזיי צום אנדערן, פון די שיינע קלויסטער=געבויען צו די אלטע סינאגאָגעס און ביבליאָטעקן. מען האָט נישט געוווּסט וואָס וויל אָט דער מאָדנער גאסט; וואָס אינטערעסירט אים אזוי דער צושטאנד פון דער אלט=בארימטער סטראשון ביבליאָטעק, די אוצרות פון ייוואָ; וואָס אינטערעסירט אים אזוי ד״ר וויינריך, נח פּרילוצקי, חייקל לונסקי; פון וואנען קען ער זייערע נעמען? ס'זיינען קיין עטלעכע טעג נישט אוועק און דאָס רעטעניש איז אויפגעקלערט געוואָרן.

פּאָל איז געוואָרן דער באלעבאָס איבער אלע קולטור=אוצרות פון ווילנע.

פאַל איז אויך געוואָרן דער באַלעבאָס איבער ד י, וועלכע האָבן געהיט די אוצרות ביז דעם היטלעריסטישן אריינמארש.

דער נייער האר האָט געהאַט צוגעגרייט רשימות פון די וויכטיקסטע קולטור־אנטיקן. ער האָט תיכף ארויסגעגעבן א באַפעל צו ארעסטירן דעם דעמאָלסטיקן אנפירער פון ייוואָ נח פרילוצקי און חייקל לונסקין פון דער סטראשון ביבליאָטעק (דער פארוואלטער יצחק סטראשון איז באַגאנגען גלייך זעלבסטמאָרד), און האָט ביי זיי צוגענומען א טייל פון די וויכטיקסטע אוצרות: האנטשריפטן, קונסט־ווערק א. א. וו.

אָבער צו פיל קולטור־אוצרות זיינען געווען אין דער יידישער ווילנע און אין ליטע, כדי זיי זאָלן אין א קורצער צייט קענען אויסגערויבט ווערן. פאַל האָט דעריבער, לויט דער אנווייזונג פון זיין שעף ראָזענבערג, געגרינדעט אין ווילנע אן אָפּטיילונג פאר גאנץ ליטע פון „איינזאצשטאב פאר די באזעצטע געביטן פון רייכס־מיניסטער ראָזענבערג", וואָס די צענטראלע אירע איז געווען אין פראנקפורט ביים מיין.

אין ווילנע האָט זיך דער ראָזענבערג־שטאב געפונען אין בנין פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) אויף דער וויוואלסקי־גאס 18. און כאָטש דער ציל פון דעם היטלעריסטישן שטאב איז געווען „יידן־פאָרשונג אָן יידן", האָט דער נאצי געמוזט באשעפטיקן ביי דער דאָזיקער ארבעט דורכאויס יידן, פארשטענדלעך, אונטער דער אנפירונג פון דריי דייטשן, וועלכע האָבן זיך אין די ענינים פארשטאנען ווי א האָן אין בני אדם.

גיך איז פאַל מיט זיין ערשטן רויב אוועקגעפאָרן. ס'האָבן אויף אים געווארט נייע שטעט און נייע לענדער, וואָס האָבן געדארפט דורך אים „באארבעט" ווערן.

די דריי ראָזענבערג־דייטשן האָבן אנגעהויבן זייער „פאָרשונג־ארבעט", וואָס איז באשטאנען אין פארניכטן אלץ, וואָס די יידישע ווילנע האָט אין משך פון יאָרהונדערטער געשאפן.

ביז פערציק יידן זיינען טאָג־איין טאָג־אויס געגאנגען פון געטאָ אין ייוואָ ארײַן צו דער דאָזיקער ארבעט. צווישן די ארבעטער זיינען געווען



אזוי זעט אויס דער בנין פון יידיש־וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) אין ווילנע, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אים חרוב געמאכט.

דער שרייבער, וויסנשאפטלעכער און פּרעזידיום־מיטגליד פון ייוואָ ז. קאַל־מאנאָוויטש, דער ליטעראַט און בונדישער טוער הערמאַן קרוק, די פּאַר־וואלטערין פון טעאטער־מוזיי ביים ייוואָ אויפן נאָמען פון אסתר רחל קאמינסקי — אומע אָלקעניצקי, דער פּאָעט א. סוצקעווער, די לערערס: ליובאָצקי, מגר. רחל פּופּקאָ־קרינסקי, זאווענסאָן. מארקעלס, ד״ר פיינשטיין, ד״ר יעקב גאָרדאָן, ד״ר דינה יאָפע, עקיבא גערשאטער, די שפּעטערדיקע פּארטיזאנער מיכאל קאָוונער, רוזקע קאָרטשאַק, גוימע מארקעלס, באָרג־שטיין, דער שרייבער פון די שורות א. א.

די דייטשן האָבן געפּאָדערט פון אונדז צו ערשט אײַסצוסאָרטירן די ביכער לויט שפּראַכן און לויט די יאָרהונדערטער פון זייער דערשיינונג. ווען א טייל ביכער פלעגן אין אזא סדר אויסגעסאָרטירט ווערן, פלעגט קומען דער שעף ווילי שעפער (פון קאסעל) און דורכפירן, לויט זיין איינזען, די אנטגילטיקע סאָרטירונג. אזוי ווי פארשטאנען וואָס פאר א ביכער דאָס זיינען, האָט ער נישט, פלעגט ער דער עיקר קוקן אויפן איינבונד. א שיין געבונדענעם באנד פלעגט ער אָפּלייגן אַז א זייט. די גרעסטע טייל ביכער — זיינען אָבער געווען אלט און שלעכט געבונדן: פלעגט ער זיי שמייסן אויף דער ערד און פון דאנען פלעגן די טראנספּאָרט-ארבעטער אריינטראָגן זיי אין סקלאד, פון וואנען פלעגט מען עס אין לאסט-אויטאָס אוועקפירן אין די פאבריקן איבערצואַרבעטן אויף ריין פאפיר.

צענדליקער טויזנטער ביכער, צווישן זיי פיל, פיל אוניקומס, ווי אלטע אויסגאבעס פון ווענעציע, סאלאָניקי, אמסטערדאם, פראג, קראָקע, ווילנע זיינען אוועק אין די פאפיר-קרעמאַטאָריעס.

אין די ווילנער דרוקערייען האָבן זיך געפונען אומגעהויערע אוצרות פון בלייענע מאטריצן. ס'איז געגנגען צו דערמאנען די מאטריצן פון אלטן, בארימטן פארלאג „אלמנה והאחים ראם", אין וועלכע ס'איז געווען אויסגעגאָסן די הערוואָניע פון די בארימטסטע יידישע געלערנטע, רבנים, ארבעטער (למשל, די מאטריצן צו „תלמוד ירושלמי", משניות, א. א., אָדער די מאטריצן פון די פארלאגן „ראָזענקראַנץ אוי שריפטזעצער", קלעצקין, „טאָמאָר") — די ראָזענבערג-לייט האָבן מיט חשק אלץ צונויפגעפּסטעט מעננגעקליבן און דערנאָך עס פארקויפט אויפן טאָן, אויף שמעלץ אין די פאבריקן.

עס זיינען טאָג-איין טאָג-אויס אנגעקומען צו אונדז פרישע טראנספּאָרטן ביכער פון קאָוונע, שאַוול, מאריאמפּאָל און פון אנדערע שטעט. ביכער אין אלע שפּראַכן: יידיש, העברעאיש, פויליש, ליטוויש, רוסיש, דייטש. אָפט פלעגן די דייטשן נישט הייסן אפילו סאָרטירן זיי, נאָר גלייך שיקן אויף מאקולאטור. מיט אלע כוחות האָבן מיר אָבער געפּרווט די ארבעט פארלאנגזאמערן, מיר האָבן אויך, נישט געקוקט אויף דער לעבנסגעפאר, אנגעהויבן גנבענען פון די דייטשן אלץ וואָס איז מעגלעך געווען

און עס באהאלטן. יידן האָבן געקוקט אויף אונדז ווי אויף משוגעים. די יידן פלעגן שמוגלען אין געטאָ אונטער די קליידער, אין די שטיוול, פראָדוקטן פון שטאָט און מיר פלעגן שמוגלען ביכער, פאַפּירלעך, אָדער גאָר א מאָל א ספר תורה, מזוזות, פאַרשיידענע עטרות א. ר. גל. מיר האָבן זיך געדאַרפט היטן פאַר אייגענע, מיר האָבן זיך געדאַרפט היטן פאַר דייטשן אין ייוואָ, פאַר דייטשן ביים געטאָ-טויער, און ביינאַכט, מיט ליכטעלעך, פלעגן מיר זיך אַראָפּלאָזן אין דער ספּעציעל געמאכטער מעלינע אין דר'ערד און אלץ דאָרט פאַרגראָבן. די יידישע אוצרות זיינען אָבער געווען אזוי פיל, אז מיר האָבן געמוזט זוכן נייע ערטער ווו זיי צו באַהאלטן. מיר האָבן אויסגעפונען אן אָרט אויף דעם בוידעם פון ייוואָ, ווו מיר האָבן צווישן די ברעטער אנגעהויבן באהאלטן די וויכטיקסטע ביכער, כתב-ידן, סקולפּטורן, בילדער א. ד. גל. עס זיינען דאָרט אויך באַהאלטן געוואָרן עטלעכע האנטשריפטן פון סמאָלענסקער מוזיי, וועלכע מיר האָבן אויסגעלאָדן פון באן און אריבערגעפירט אין שטאָטישן מוזיי-ארכיוו, ביז א ווייטערדיקן טראנספּאָרט.

גלייכצייטיק האָבן מיר געדאַרפט ארבעטן פאַר אונדזער שעף — פאַר אלפרעד ראָזענבערגן. אויף זיין אדרעס אין בערלין און אין פראנקפורט ביים מיין האָבן מיר ארויסגעשיקט צענדליקער קאסטנס ביכער (דאָס רוב פון דער סטראשון-ביבליאָטעק), א גרויסן טייל פון פרעסע-ארכיוו ביים ייוואָ, עקספּאָנאטן פון טעאטער-מוזיי ביים ייוואָ, פון היסטאָריש-עטנאָגראַפישן מוזיי א. נ. פון ש. אנ-סקי א. א.

אין אויסשטעלונג-זאל פון ייוואָ האָבן אונדזערע באלעבאטים אָרגאַניזירט אן אויסשטעלונג פון די יידישע קולטור-אוצרות. צוזאמען מיטן בילד פון ווילנער גאון האָבן זיי אויפגעהאָנגען די קאָמוניסטישע פּאָליט-ביוראָ, צוזאמען מיט אן אלטער ספר-תורה — בילדער ווי אזוי יידן-באַלשעוויקעס פייניקן... ליטווישע פויערים. (אין דער אמתן זיינען עס געווען פאָטאָגראפיעס פון יידן וואָס גראָבן פאַר זיך אליין גריבער און אויך בילדער פון פאַרפייניקטע און דערמאָרדעטע יידן. די בילדער האָבן זיך איינגעהיט און איצט קען מען גענוי פעסטשטעלן דעם שווינדל). די געשמאַקלאָזע אויסשטעלונג, וועלכע איז באזוכט געוואָרן דורך היטלעריסטישע

גדולים פון דייטשלאנד, האָט נאָך א מאָל געדארפט באווייזן די געמיינזאמקייט פון דער יידישער קולטור מיט דער באָלשעוויסטישער. די עטלעכע דייטשן האָבן אויך באדארפט ווייזן זייערע שעפן די וויכטיקע ארבעט, וואָס זיי טוען און דערמיט אויסמיידן געשיקט צו ווערן אויפן פראָנט.

אָבער נישט נאָר מיט דער ביכער-סאָרטירונג האָבן זיך די יידישע ארבעטער באדארפט פארנעמען. אזוי, למשל, האָט קאלמאנאָוויטש געדארפט איבערזעצן אין דייטש פאלקאָוויטשעס „יידיש" (פארלאג פון מאָסקווער „עמעס"), לייבל פעלדמאנס „יידן אין אפריקע", און דערצו נאָך געדארפט לערנען מיט שעפערן יידיש און העברעאיש. הערמאן קרוק און ד"ר לעאָן בערנשטיין האָבן געדארפט צושטעלן א מאָנאָגראפיע וועגן די 107 ווילנער בתי-מדרשים, אימע אָלקעניצקי — ברענגען אין אָרדענונג דעם יוגנט-ארכיוו, צונזער — ברענגען אין אָרדענונג די יידישע נאָטן.

יעדע וואָך האָבן מיר געדארפט צושטעלן שעפערן באריכטן פון דער אָפּגעטאָענער ארבעט. יעדן חודש פלעגט שעפער די באריכטן, פארשענערטע און בארייכערטע, אָפּשיקן צו זיין באלעבאָס — צו ראָזענבערגן, פון וועמען ס'פלעגן אָפּט אנקומען דאנקען און לויבגעזאנגען.

זיי האָבן אונדז פארווערט מיטצונעמען דאָס קלענסטע שטיקל פאפיר אין געטאָ. אויב עס טויג נישט פאר ראָזענבערגן, טויג עס פאר די פאפיר-פאבריקן. זיי האָבן זיך אבסאָלוט נישט אָריענטירט איז קיין שום זאך. ס'דערמאנט זיך א קאָמישער פאל, וואָס האָט זיך געקענט ענדיקן זייער טראגיש פאר אונדז אלעמען. אויף דער אויבן-דערמאנטער אויסשטעלונג איז אויך געהאָנגען א חסידישע אטלאסענע קאפּאָטע. איין מאָל האָבן מיר זיך געכאפּט, אז די קאפּאָטע פעלט. וואָס טוט מען? קיינער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. מען איז זיך משער, אז זי איז מסתמא צוגענומען געוואָרן דורך די קוימען-קערער, וועלכע האָבן די טעג גערייניקט די קוימענס. אָבער ווו כאפּט מען זיי? ווער זיינען זיי? און אָט הייסט אונדז שעפער זיך אויסשטעלן אין א ריי און דערקלערט אונדז קורץ:

— אויב ביז מאָרגן וועט נישט זיין דער „שווארצער קיטל", מעלדעט ער וועגן דעם אין געשטאפּאָ.

ביטער.

מיר זיינען אוועק אין געטאָ, געפרוווט זוכן ביי וועמען עס איז אַ קאַפּאָטע צו קויפן, — אין ערגעץ נישט געקראָגן. די שעהן רוקן זיך דער־ווייל, ס'ווערט פינצטערלעך, שלאָפן וועט זיך שוין סיי ווי סיי נישט. מען מוז דאָך זוכן אַן עצה. איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק: אַראָפּ־נעמען דעם שוואַרצן אונטערשלאַק פון מיין מאַנטל, זאָל דאָס זעלבע אַ צווייטער אויך טאָן — מיר וועלן דאָס אוועקגעבן אַ שניידער, וואָס זאָל דורך נאַכט אויפשטעכן עפּעס אַ כאַלאַטל און...

אויף מאָרגן אין דער פרי גייען מיר אין ציטערניש צו דער אַרבעט, מיט די אויפגענייטע אונטערשלאַקן.. אַ זייגער 10 לאָזט זיך אַריין די טאַקסי, שעפער שפּרינגט אַרויס, רופט צו אונדזער בריגאַדיר זאַוועלסאָן:

— נו, האָסטו געבראַכט דעם שוואַרצן קיטל?

— יאַוואָל, הער שעף, אָט איז עס!

דער שעף האָט אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— הענג דאָס ווידער אויף אויף דעם זעלבן אָרט, נאָר גיב איצט אַכטונג, קיינער זאָל עס מער נישט נעמען.

מיר האָבן הנאה געהאַט פון דעם איינפאַל, וואָס האָט זיך אונדז איינגעגעבן דורכצופירן און עס איז אונדז געוואָרן אויך לייכטער פון דעם, וואָס דער שעף האָט נישט געפאָדערט אַרויסצוגעבן דעם גנב פון קיטל... שפּעטער איז די קאַפּאָטע אוועקגעשיקט געוואָרן ווי אַ וואַזשנע מציאה אין פראַנקפורט און מוז נאָך מסתמא ערגעץ ליגן...

אין פרילינג 1943 האָב איך באַקומען אַ באַפעל פון אונדזער קאָ־מענדאַנט פון פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אין געטאָ ח' איצ'ק וויטנבערג און פון זיין שטעלפּערטרעטער ח' אַבאַ קאָוונער צו באַקומען געווער פאַר יעדן פּרייז. ס'איז ביי אונ"ז, פּאַרטיזאַנער פון געטאָ, נישט געווען דער פאַל פון נישט דורכפירן אַ באַפעל פון אונדזערע אָנפירער און דערי־בער האָב איך זיך גענומען מיט דער גאַנצער ענערגיע די אויפגאַבע דורכ־צופירן און געהאָלפן האָט מיר מאַקע אין דעם דער ראָזענבערג־שטאַב.

צוליב דעם וואָס אונדזערע באַלעבאַטים פלעגן קומען שפּעט צו דער אַרבעט און פרי אוועקגיין, פלעגן קענען קומען צו אונדז: פון שטאָט באַ־קאַנטע פּאָליאַקן און ליטווינער.

צו מיר פלעגט קומען מיינער א פריינד יוליאן יאנקאָווסקי, א דרוקער־ארבעטער, פון וועלכן איך האָב אנגעהויבן צו באקומען געווער. יאנקאָווסקי איז געווען אויסערגעוויינלעך דרייסט און איבערגעגעבן. ער האָט נישט פארשטאנען וואָס דאָס הייסט אזוינס געפאר. ביז 15 רעוואָלווערן און קוילן האָט ער מיר אין א קורצער צייט געבראכט און דערנאָך מיט א מאָל פארשוואונדן געוואָרן. איך בין ארומגעגאנגען ווי א צעטומלטער. אפשר האָט מען אים ארעסטירט? אויב יאָ, צי וועט ער זיך האלטן גוט? פלעג איך אָפּזיצן ביים פענצטער פון צימער, ווו ס'האָט געארבעט רחל פופקאָ און אויסקוקן אויף דעם אנטקעגנדיקן ארייננגאנג, אפשר קומט ער אָן. און אָט מיט א מאָל עפנט זיך דאָס טירל פון הויף און יאנקאָווסקי לאָזט זיך אריין מיט א גרויסן פוטליאר פון א וויאָלאָנטשעל. איך שפּרינג אראָפּ פון די טרעפּ און בין גלייך לעבן אים:

— וואָס, דו גייסט גאָר אין מיטן דרינגען אין קאָנסערוואטאָריע? — פרעג איך אים. צעלאכט ער זיך. פירט מיך אריין צווישן די ביימלעך און גיט אָן עפן דעם פוטליאר. עס װערט מיר ליבטיק אין די אויגן... עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן... א פאנאנדערגענומענער פּולעמיאָט...

— וואָס טוט מען? ווו טוט מען זיך מיט דעם אהין? און באלד דארפן דאָך די דייטשן קומען... און אויך צווישן די יידישע ארבעטער דארף מען דאָך זיין פאָרזיכטיק.

אונדזער פארטיזאנער־גרופּע (קאָוונער, רוזקע קאָרטשאק, סוצקעווער, באָרנשטיין, מארקעלס) פארלירן זיך נישט. עס ווערט באלד אָרגאניזירט א כלומרשטער אליארעם:

— עפּל!

(א סימן, אז די דייטשן זיינען דאָ).

אויף דער וואָרענונג צעלויפן זיך אלע ארבעטער אין זייערע צימערן, מיר נוצן אויס דעם מאָמענט און שמוגלען אריין די באזונדערע טיילן פון פּולעמיאָט און באהאלטן עס צווישן די צייטונגען און ביכער, אין יעדן צימער באזונדער. אין א פּאָר מינוט ארום דערהערט זיך דער מאקסים־סיגנאל און פון דער מאשין זיינען ארויס, אייסער שעפערן, נאָך דריי

הויכגעשטעלטע באַגילדעטע, אוניפאָרמירטע דייטשן זיכער האָט שעפער געבראַכט די דייטשן באַקוקן די פּרוכט פון „זיין" אַרבעט.

לאַנגזאַם גייען זיך די דייטשן פון איין צימער צום צווייטן, אין יעדן צימער הערן זיי זיך צו אויספירלעך צו די עם־האַרצישע דערקלערונגען פון שעפערן, וואָס זיי נעמען אָן פאַר אמתער תורה. שעפער ווייסט אַפּנים, אַז זיינע געסט קענען נאָך ווייניקער ווי ער. נעמט ער אַרויס אַ פיין געבונדענעם תלמוד־באַנד און זאָגט. אַז ס'איז אַן „עין יעקב" (אויך פיין פון אים) און ציטירט פון „דאָרט" אייניקע ציטאַטן, וועלכע ער צעדרייט אַזוי אַז.. אָבער די געסט זיינען צופרידן, פאַרשמאַקעווען זיך פון דער יידן־פאַרשונג אָן יידן. אין אַ צווייטן צימער דערקלערט שעפער, וואָס פאַר אַ וויכטיקע מאַטעריאַלן וועגן דער יידישער יוגנט „ער" פאַרמאָגט. ווייזט פאָטאָגראַפיעס, בילדער, דיאַגראַמען, אייטאָביאָגראַפיעס...

עס ווערט אונדז אומהיימלעך שעפערס אייספירלעכע דערקלערונגען, צוליב זיין וועלן אויספיינען זיך פאַר די געסט. זיין וועלן באַווייזן פאַרשיידענע עקספּאָנאַטן, קען אונדז אין אַן אומגליק אַריינברענגען. שעפער קען דאָך נאָך פון צווישן די פאַרשיידענע צייטונגען און עקספּאָנאַטן אַרויסציען די פּולעמיאָטן־לופע, אַ דיסק מיט קוילן און דאַן...

און אָט זיינען שוין די דייטשן אין שכנותדיקן צימער, ווו עס זיצן סוצקעווער און פּופּקאָ, און ווו ס'געפינט זיך די לופע. אויף צו להכעיס פאַרהאַלטן זיי זיך דאָ לענגער. יעדע סעקונדע קען דערנענטערן צום אומגליק, צום סוף... מיט אַ מאָל אָבער גיט רחל אַ כאַפּ אַ בוך פון טיש, טוט אָן עפן די טיר און צו דער פאַרוווּנדערונג פון די דייטשן גיט זי עס שעפערן, זאָגנדיק:

— דאָס איז אַ באַזונדער וויכטיק בוך, הער שעף: איך האָב עס איצט געפונען, פון 17טן יאָרהונדערט...

די דייטשן זיינען, פאַראינטערעסירטע פון רחלס מציאה, אַרויס פון צימער. מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

אונטער די קליידער און אין דער פאַרמאַסקירטער דעק פון קעסטל סטאָליער־געצייג האָט באָרנשטיין דעם פּולעמיאָט אַרויסגעטראָגן פאַרנאַכט

פון ייוואָ. און אפילו דאן, ווען די געטאָ איז שוין געווען געשלאָסן, האָבן מיר נישט קוקנדיק אויף קיין געפאר, זיך פון געטאָ ארויסגעגנבעט, אוועקגעגאנגען אין די פרימאָרגן־שעהן אין ייוואָ און נאָך איידער די דייטשן זיינען געקומען, האָבן מיר צווישן די ביימלעך באקומען פון יאנקאָווסקין א צווייטן פּולעמיאָט.

ווייניק זיינען לעבן געבליבן פון די יידישע מיטארבעטערס פון ראָזענבערג־שטאב אין ווילנע. נח פּרילוצקי איז אין די ערשטע וואָכן פון דער אָקופּאציע פארפייניקט געוואָרן. ז. קאלמאנאָוויטש, הערמאן קרוק, יעקב גאָרדאָן זיינען אין די עסטאָנישע לאגערן ארויסגעפירט געוואָרן און דאָרטן דערמאָרדעט געוואָרן. אומע אָלקעניצקי, דינה יאָפּע זיינען אין מיידאנעק דורך גאז דערשטיקט געוואָרן. אזוי ליובאָצקי, ד״ר פיינשטיין, ניסן יאָפּע, רחלע פּרענער און נאָך אין נאָך...

אויך דעם ייוואָ־בנין מיט די באהאלטענע אוצרות האָבן די באנדיטן אונטערגעצונדן, אָבער די רעוואָלווערן און די פּולעמיאָטן, וואָס די יידישע פּארטיזאנער האָבן דאָרטן געקראָגן, זיינען פון די הענט נישט ארויסגעלאָזט געוואָרן. די פּארטיזאנער פון ווילנער ראָזענבערג־שטאב: לעאָ בערנשטיין, צמח זאוועלסאָן, נוימע מארקעלס, רוזקע קאָרטשאַק, אברהם סוצקעווער, אברהמל זשעליעזניקאָוו, מענדל באָרנשטיין, מיכל קאָוונער א. א. האָבן פאר זייערע אומגעקומענע חברים, פאר דעם פארניכטעטן האָב און גוטס פון דער יידישער קולטור נקמה גענומען.

# אַ מענטש

די ראמען פון די קליינע שייבלעך האָבן זיך צעשאָטנט אויפן גראָען טישטעך און אנגעזאָגט — פרימאָרגן. פון זעמליאנקע האָט נאָך אָבער די נאכט נישט געוואָלט אוועקגיין. די פינצטערניש האָט זיך ווי באהאלטן אין די ווינקלען און געקוקט פון דאָרט מיט אָפּענע, שפּיזיקע אויגן אויף דעם שונא, וואָס קומט דורכן שויבנגלאָז — אויף דעם איינגייענדיקן טאָג.

ס׳האָט זיך גענומען אויסמיילן אויפן טיש — א שווערע געפּאקטע לעדערנע טעקע, א ברוינלעכע פּאַפּאַכע מיט פייערפּאסן, אויפן מיטן א ניקלנער רינגעלע פון א גראנאט אין א געדיכטער טונקעלער קאָפּ האָר.

אומבאוועגלעך איז געלעגן דער קאָפּ, אזוי ווי עס וואָלט אים ווער געבראכט אהער א באזונדערן און אוועקגעלייגט דאָ אויפן טיש.

סוף כל סוף האָט נאכט געמוזט נאָכגעבן, אירע בייזע אויגן זיינען געוואָרן העלער און אומבאמערקט, ווי דער אייז אין פרילינג, איז די פינצטערניש אויך דאָ צעגאנגען געוואָרן, צערונען.

דער פרימאָרגן האָט זיך אויך צעקוקט אויף דער נארע און צעריסן דעם שלאָף פון מאניען. צוערשט א ריר, א טשוכע, א הויש די פארשלאָפענע אויגן, א בליק, ווי יעדן אינדערפרי, איבער זיך („דער אויטאָמאט הייסט עס הענגט"), א קערעווע דאָס פּנים צום פענצטער און באמערקנדיק דעם קאָפּ האָר אויפן טיש, בליציק א שפּרונג געטאָן אויף דער ערד. דער אנדער טראָט איז שוין געשטאַנען ביים טיש און אריינשטעקנדיק די פינגער אין צעקודלטן זייד, האָט זי ווייך אויסגעצערטלט:

— מאקס...

דער קאָפּ האָט זיך פּלוצלינג א הויב געטאָן, א ווענד געטאָן דאָס פּנים צו איר און נאָך מיט צוגעמאכטע אויגן, לאנגזאם אויסגעאָטעמט:

— מא — ניע!

— מאקס טייערער — האָט אים געוואַרעמט איר צערטל, — זע ווי פארמאטערט דו ביסט. געווען ווייט אפּנים, הא? דענערווירט. נו, טייערינקער טו זיך אוים. ווייז, כ'וועל דיר די שטיוול אראָפּציען. נו, גיי, גיי לייג זיך צו... רו זיך אוים...

ער האָט ווי פאָרזיכטיק פאַמעלעך די אויגן געעפנט:

— אוך, שוין גרויסער טאָג — האָט ער א צי געטאָן דעם קערפּער, כדי א מונטער צו טאָן די מידע גלידער, און באמערקנדיק אויפן רויטן פאס דעם גלאנציקן רינגל פון „ראנאט, א ציטער געטאָן און ווי פריער ביים אויפהויבן, אזוי אויך איצט האסטיק אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ צוריק אויפן טיש.

מאניע האָט ווידער נישט פארשטאנען: וואָס איז מיט אים געוואָרן לעצטנס, וואָס איז ער געוואָרן אזוי אומגעביטן?

— אויף מיין ערן־וואָרט, איך דערקען דיך נישט — זאָגט זי פארזאָרגט — כ'וועל גיין צום קאָמבריג, כ'וועל פאָרן אין צענטער, בעטן, מען זאָל דיך באשטימען אויף אן אנדער ארבעט, אָדער דיך לאָזן אביסל אויסרוען זיך.

זיין האנט האָט זיך טויט אוועקגעלייגט אויף איר!

— עך, דו נארעלע קליינע, — האָט ער אויסגעזיפצט — גיי און זאָג דעם קאָמבריג, זאָג אין צענטער, אז גורוויטש וועט שוין מער קיין אדוואָקאט נישט זיין! — מער נישט — האָט ער זיך הארט אוועקגעשטעלט.

— איך פארשטיי דיך נישט, מאקס, אזעלכע מאָדנע רייד.

— מאָדנע רייד, זאָגסטו? — צעשמייכלט זיך ביטער דער קאָפּ — מאָדנע רייד, און א הויב טוענדיק ווידער דעם קאָפּ, מיט צעעפנטע ברייטע אויגן אויף איר אויסגעהאמערט:

— גיי, זאָג, גורוויטש וועט שוין קיינמאָל מער קיין אדוואָקאט נישט זיין. גורוויטש ווערט — פּראָקוראָר.

## פּאַרטיזאַנער גוייען!...

דער גראַנאַטן רינגל האָט זיך צעפּינקלט אין א זונענשטראַל, זיך אָפּגעשפּיגלט אין זייערע שוואַרצאַפּלען; נישט צוזאַמענגערעדט האָבן ביידע זיך צעקוקט אויף אים:

— און... וואָס איז דאָס? — האָט זי א פרעג געטאָן.

— וואָס — איז — דאָס? — האָט ער שווער איבערגעחזרט, און איידער זי האָט נאָך באַוויזן א קוק צו טאָן אויף אים, איז שוין דער קאָפּ ווידער געלעגן אויפן טיש, אַן אומבאַוועגלעכער, ווי אַן אָפּגעזונדערטער פֿון זיין קערפּער, א טויטער.

:: :: ::

מאַקס פּאַוולאָוויטש גורוויטש איז געווען דער יינגסטער אַדוואָקאַט צווישן זיינע חברים. — אַט אָקאָרשט פאַרלאָזן די ווענט פון יורידישן אינסטיטוט.

דער יינגסטער — אָבער פּראַקטיק האָט ער שוין געהאַט ווי פון אן עלטסטן.

זיינע פאַך־קאָלעגן פלעגן נישט איינמאָל א זאָג טאָן:

— ווייסט, מאַקס, ווען נישט דו, וואָלט די יורידישע קאָנסולטאַציע געדאַרפט פאַרטאָפּלען איר פּערסאָנאַל און אַרבעטן כאָטש א 16 שעה אין מעת לעת.

...ווייל גורוויטש האָט זיך אין זיין פאַך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן.

א מענטש. א קליינקייט א מענטש. ר אַ ט ע ווע ן א מענטשן. די פלאַנצונג איז געווען ביי אים אַזוי טיף פאַרזעצט — אַז קיינער האָט זיך נישט געקענט דערגראָבן צו איר וואָרצל.

ס'פלעגן קומען צו אים שווער באַשולדיקטע, מען פלעגט קומען צו אים נאָך עצות. זיין ברייטער, הייכער שטערן פלעגט זיך דאַן ווי צעפּענען — ער הערט.

קיינער האָט נישט געוואוסט פאַר אים וואָס צו פאַרלייקענען. אָפּענע הערצער פלעגן זיך צערעדן, צעוויינדיקן. שטיל, און דאַכט זיך, אַז נישט

ער הויבט אָן צו רעדן. עס רעדט די שטילקייט אליין ווייך און הארציק. דאָס צעוווּנדיקטע הארץ פון באשולדיקטן לייגט זיך ווידער אריין אין איר שייד, אין זעקעלע — א האָפענונגספולע: הייסט עס, אז ס'איז נאָך נישט פארלאָרן, אז ס'איז נאָך גאָרנישט אזוי שלעכט ווי עס זעט אויס.

אדוואָקאט גורוויטש פארן געריכט.

זיין מיטעלע ברייטלעכע פיגור ווערט העכער. א פאסמע האָר קלאַ־מערט זיך ארום ענערגישן געזיכט, פון די אויגנלעכער פינקלען אנשטאט שווארצאפלען גילדענע פייערלעך.

גורוויטש שרייט נישט. ווייך ווי זייד איז זיין שטימע, עס גלעטן זיינע ווערטער, די ריכטער זיצן ווי צוגעשמידטע, פארגעסן גאָר, אז ס'רעדט צו זיי אן אדוואָקאט. זיי הערן איצט א שפאנענדיקע מעשהלע, אָט אָקאָרשט פון לעבן ארויסגעכאפט, וואָס דער העלד אירער איז נישט פון בוך, וואָס דער העלד אירער זיצט פאר די חברים ריכטער, פאר עולם בייזיצנדיקע — אָט דאָ אויפן באשולדיקונגס־באנק.

ער האָט שטענדיק געזוכט אין באשולדיקטן דעם מענטשן. געניש־טערט און געגרונטעוועט אין זיין נשמה. אויסגעפונען יענע סיבות, וועלכע זאָלן דעם ריכטער באווייזן, אז דער מענטש, וואָס זיצט דאָ איצט א באַ־שולדיקטער — זיצט דאָ צופעליק, אז דער מענטש וועט נאָך פאר דער געזעלשאפט זייער א סך נוצן ברענגען.

באשולדיקטע דערמאנען אָפט מיט ליבשאפט זייער פארטיידיקער, גורוויטשן וועלן זיינע קליענטן נישט פארגעסן

:: :: ::

ס'איז לעבעדיק אויפן פארטיזאניישן זאמלפונקט אין מוראָם. ראַ־דיאָ־הילכער ברענגען כסדר נייעס פון דער וועלט, פרישע ידיעות פון פראָנט.

עס צערודלען די גאסן קרעפטיקע יונגען, וועלכע גייען באלד אין שונאס הינטערלאַנד אויפנעמען קעגן שונא אויפן אָקופירטן לאנד א קאמף.

פ אַ ר ט י ז אַ נ ע ר   ג ײ ע ן!...

קוועקזילבערדיק איז אין פּאַרטיזאַנישן שטאַב. רופן, באַשטימונגען, באַפעלן, געזעגענונג.

וואָס טוט דאָ אַדוואָקאַט גורוויטש?

זיין היימשטאָט איז נאָך אָקופּירט פונעם שונא, וויל ער גיין אהין צוזאַמען מיט אַלע פּאַרטיזאַנער —

— דו — אין — פּאַרטיזאַנקע?... — דער דאָצענט פון יורידישן אינסטיטוט, ח׳ קאַפּילסקי קען גוט זיין שילער. ער האָט הנאה קוקנדיק אויף אים.

— אָהאָ גורוויטש... זיך צעוואַקסן אַביסל...

— איך טרינק הייוון, חבר פּראָפעסאָר — צעלאַכן זיך צוויי שנירלעך ווייסע ציין.

— ס׳טנאָך אַלץ נישט פאַרגעסן דיינע לצנות, צעשמייכלט זיך דער פּראָפעסאָר און ווערט ערנסט — די אַרבעט, וואָס מען האָט דיר פאַרגעבן, איז נישט פון די לייכטע...

— שווערער, חבר פּראָפעסאָר, ווי אויסצולערנען אַ קאַפּיטל רעכט פון אַלטן רוים...

— נו, ווי פאַר וועמען... פאַר דיר... דעם אמת געזאָגט... אַז מען האָט מיך געפרעגט מיין מיינונג וועגן דיר, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: ווער ווייסט, גורוויטש — אַן אַדוואָקאַט איז ער אַ גוטער, אָבער צי ער וועט ווערן אַ גוטער פּאַרטיזאַנער... איך האָב אַ סך געטראַכט וועגן דעם... איך האָב זיך קוים געקענט פאָרשטעלן ווי עס פּאַסט פאַר דיר אַן אויטאָמאַט אויפן פּלייצע, כאָטש אין אינסטיטוט ביסטו אויף מיליטערישע צוגרייטונגען געווען פון די ערשטע... איך ווייס דאָך דיין מיינונג...

— וואָס איז אויך געווען אייגנטלעך  אַ ײ ע ר  מיינונג, חבר פּראָפעסאָר — האַקט איבער גורוויטש.

— ריכטיק. צו געפינען אין יעדערן דאָס שטיקל מענטש, וואָס שטעקט אין אים...

— חבר פּראָפעסאָר!

— אָך, ווי אומגעדולדיק דו ביסט...

— אָבער דערלויבט... דער 22סטער יוני האָט מיר באַוויזן, אַז עס

זיינען דאָ אַזוינע לעבעדיקע וועזנס אויף דער וועלט, ביי וועלכע דער סימן מענטש איז בכלל נישטאָ...

— כאָטש לויטן אויסזען זיינען זיי אַזוי ווי מיר אַלע — גיט צו קאַפּילסקי.

:: :: ::

דעם קאָמיסאַר וויאַטשעסלאַוו קענען אַלע פּויערים פון דאָקשיצער ראַיאָן און אפילו פון די ווייטערע קאַנטן.

צום קאָמיסאַר וויאַטשעסלאַוו פאָרט מען פון די אַרומיקע דערפער זוכן גערעכטיקייט.

באַקלאָגט זיך אַ פּויער אויף זיין שכן, אַ פרוי אויף איר מאַן, אײַ־בערלייענען אַ בריוול, דערקלערן וואָס פאַר אַ רוף־צעטל איז דאָס, וואָס די גמינע האָט געשיקט, צי מען דאַרף אַהין גיין אָדער נישט? וועגן אַלץ קומט מען צום קאָמיסאַר. הערט ער אויס אַלעמען, דער חבר קאָמיסאַר, רעדט זיך מיט זיי פאַנאַנדער, מיט די פּויערים, קלערט זיי אויף די לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך. צעעפענען זיך ביי די פּויערים ברייט די אויגן. ס'ווערט זיי עפּעס אַזוי גוט.

— אָט אַזוי ווי אַ ברודער וואָלט מיט דיר גערעדט — רעדן זיי צווישן זיך.

פאָרט מען צו אים פון אַלע קאַנטן און ער, דער חבר קאָמיסאַר, הערט אויס, גיט עצות און פּסקנט.

„דער חבר קאָמיסאַר האָט געזאָגט" — דאָס איז שוין דאָס אַנט־גילטיקע ביי די פּויערים. מען דערציילט זיך צענדליקער מעשיות וועגן אים.

— אָט זיינען מיר געזעסן איינמאָל — דערציילט אַ פּויער — ביי יאַנוקעוויטשן און דער קאָמיסאַר דערציילט אונדז וועגן די דייטשן און מיטאַמאָל דערהערן מיר, אַז עס פאָרט אַ מאַשין, זיכער מיט דייטשן, צי מיט פּאָליציי — ווער דען אַנדערש קען פאָרן? עס הויבט אָן ציטערן אויף אונדז די הויט... ווילן מיר זיך צעלויפן, אַ קלייניקייט, אַז די דייטשן זאָלן אונדז כאַפּן! דער קאָמיסאַר אָבער שטעלט זיך ביים טיר, אין די

הענט דער אויטאָמאַט און באַרויִקט אונדז. אָבער גיי זיי רויִק, אז עס הויבט פון אָרט. ס'טוט זיך א הודזשע פארביי די פענצטער די מאשין א געפּאַקטע מיט דייטשן.

— שטעלט זיך פאַר, חברים — זאָגט דאן דער קאָמיסאר — וואָס ס'וואָלט געווען, ווען איר וואָלט זיך צעלאָפן. די דייטשן וואָלטן אייך זיכער דערשאָסן, זעענדיק ווי איר לויפט פון זיי. איצטער, ביטע, ווער עס וויל, קען גיין אהיים... רויִק, דער עיקר נאָר רויִק.

איבערגעגעבענע צו אים איז די יוגנט פון דעם ראיאָן. וואניושא טאַלעראַנעק שטורעמט:

— איר ווערט זען, חבר קאָמיסאר, איך וועל די פּראָקלאמאציע אי־בערגעבן דעם פּאָליציי־קאָמענדאנט אין די הענט.

און אז וואניושקא זאָגט צו, האלט ער זיין וואָרט הייליק. ער איז דאָך א פּארטיזאן. גייט ער אוועק אין דאָקשיץ, גייט אריין אין פּאָליציי־וואך:

— אָט דאָס, הער קאָמענדאנט, האָב איך געפונען אויפן טראקט!

דער קאָמענדאנט נעמט דעם פארדרוקטן פּאפּיר אין די הענט אריין פארשטייענדיק, אז קיין גוטס פאר אים איז דאָרטן נישטאָ, קוועטשט ער דאָס צונויף מיט רציחה...

— אָבער לייענט עס אָקאָרשט איבער, הער קאָמענדאנט! — קען זיך וואניע נישט איינהאלטן, וועלנדיק אויספירן די אויפגאבע נאָך מער ווי אויף הונדערט פּראָצענט.

דער קאָמיסאר איז צופרידן פון זיינע האַדעוואנקעס. עס טוט אים הנאה, ווען ער דערמאנט זיך טאקע די מעשה מיט וואניושאן.

אָפט פלעגן פויערים קומען צו דעם חבר קאָמיסאר און אים דער־טראָגן וועגן די גרוילן, וואָס עס טוען אָפּ די דייטשן מיט דער באַפעלקע־רונג. ער פלעגט דאן שווער ארומשפּאנען הין און צוריק מיט כמעט פאר־מאכטע אויגן, צעדרייען אויף די פינגער די לאָקענעס האָר, פארבייסן א ליפּ צווישן די ציין און וואָרט נישט ארויסגערעדט...

אזוי האָט זיך אנגעהויבן פאנאנדערטליען דער פונק, וואָס זיין לע־רער קאַפּילסקי האָט אין אים פארוואָרפן.

„כאַטש לויטן אויסזען זײַנען זיי אַזוי ווי מיר אַלע" — האָט ער איבערגעחזרט דעם פּראָפעסאָרס ווערטער — לויטן אויסזען...

אין קאָפּ אָבער איז עפּעס אַ געררודער, איין גערדאַנק קען נישט שלום מאַכן מיטן אַנדערן. „קען דאָס טאַקע זיין, אַז די דייטשן זאָלן זיין אַזוי נידערטרעכטיק?"

„יאָ, נידערטרעכטיקער נאָך ווי דו שטעלסט זיך פאָר?"

„איך פאַרשטיי נישט, זיי זײַנען דאָך אָבער פאָרט מענטשן"...

„נאָר לויטן אויסזען... לויט די ווילדע מעשים זייערע, קען זיך אָבער קיין שום לעבעדיקער ווען אויף דער וועלט מיט זיי נישט פאַרגלייכן".

„הייסט עס, אַז מען דאַרף אַלעמען פאַרניכטן?"

דער קאָמיסאַר פאַרשטעקט אַזש מיט די פינגער־קנעכלעך די אויערן, ווי דער געדאַנק זאָל נישט דערהערט ווערן.

„יאָ, יאָ, פ א ר ט י ל י ק ן א ל ע מ ע ן... ביז איינעם" טוּיכט זיך אַרויס אַ געדאַנק און בלייבט אויבן אויף.

„אָבער"...

„אָן אָן אָבער..."

ער האָט זיך דערמאָנט גאָרקים דעוויז:

„אויב דער פײַנט גיט זיך נישט אונטער — פאַרניכט אים".

און דער חבר קאָמיסאַר וויאַטשעסלאַוו — אונדזער אַלט־באַקאַנטער אַרוואָקאַט מאַקס פּאַוולאָוויטש גורוויטש, באַשליסט:

— דערשיסן!

דעם אורטייל איבערן געפאַנגענעם מערדער הייסט ער אָבער אויס־פירן אַ צווייטן.

— דער טייוול זאָל עס נעמען — איז ער אויף זיך אין כעס — עפּעס ציטערט די האַנט...

:: :: ::

„אויב דער פײַנט גיט זיך נישט אונטער — פאַרניכט אים" — דער „נאַטשאַלניק פאַר ספּעציעלע ענינים" פון דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע —

מ. פּ. גורוויטש — טראָגט דעם דעוויז אַן אויסגעקריצטן אין הארצן.

די קריצער זיינען:

סערגיי גאַמאַנאָוויטש און ניקאָליי אַפּאַנאַסאַניאַק פון דאָרף סטיענקי.

אויספילנדיק אַן אויפגאַבע, האָט אַ מערזאַוויעץ זייביידן איבערגעגעבן דער דייטשישער פּאָליציי.

— ווו געפינט זיך אייער קאָמיסאַר?

די יונגען האָבן געשוויגן.

האָט מען זיי געריסן די נעגל פון די פינגער, די האָר פון קאָפּ, געשטאָכן נאָדלען אין לייב.

די יונגען האָבן געשוויגן.

ניקאָליי איז אויסגעגאַנגען אונטער זייערע הענט. סערגייען האָבן זיי צעלעכערט פון קוילן.

— ער לעבט נאָך, — האָט אַ באַנדיט אויסגעטשירעט.

— זאָל ער זיך מאַטערן, — האָט דער אָבערפעלדפעבל געגעבן אַ קאָמאַנדע צום גיין.

סערגיי האָט געשוויגן.

ווען גורוויטש איז אַריין אין בריגאַדע-שפּיטאָל, האָט זיך סערגיי אַ הויב געטאָן, געוואָלט אָפּנים אָפּגעבן אַ ראַפּאָרט, ער איז אָבער צוריקגעפאַלן און אין געמורמל דערציילט דעם פאַרלויף.

— אָבער די אויפגאַבע, חבר קאָמיסאַר, האָבן מיר דורכגעפירט — האָט סערגיי שטאָלץ אויסגעפּליסטערט.

ער האָט אָנגעהויבן שווער אָטעמען:

— אויב נאָר איך וועל דורכלעבן, חבר קאָמיסאַר... אוך וועל איך נקמה נעמען...

און איז שטיל געוואָרן אויף אייביק.

:: :: ::

...אויך די זון האָט אים געגלעט, געוואַרעמט און געצערטלט. געצווייגן פון אים ווי פייכטקייט פון זומפּ די מידקייט פון זיינע גלידער, די

קעלט פון דער פינצטערער נאכט. ס'האָט אים גערופן דער מאַרש פון פּאַרטיזאַנער. פאַרביי פענצטער, דער שניידיקער מושטיר, זייער צעזונגענער מונטער.

מאַקס האָט לאַנגזאַם געעפנט די אויגן־פאַרהענגלעך, באַנומען אַלץ וואָס איז געשען און ווייך זיך צעקוקט אויף מאַניען.

זי האָט אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך מיט אים און אַ רעטעניש איז פאַר איר דער גראַנאַט־רינגעלע, נישט צו באַשיידן. ער האָט פאַרשטאַנען איר מיין.

— דערמאַנסט זיך, מאַניע, ביי דאָקשיץ דעם דאָרף שאַלאַשי?... דערמאָנסט זיך, דערמאָנסט זיך אײַנעם אַ הויכלעכן בלאָנדן יונג... אַ האַרציקער אַזאַ... אַן איידעלער... פון די ערשטע, וועלכע ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן נאָכן אַריבערגיין די פראָנטליניע...

— צי נישט איזאַק כילקאָ? — האָט זי געפּרוווט טרעפן.

— אָט, אָט ריכטיק, איזאַק כילקאָ, דערזעלבער... ער איז אויך שוין נישטאָ...

מאַניע האָט אַ ציטער געטאָן:

— וואָס זאָגסטו?

— דאָס, וואָס דו הערסט... מאַקס האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער נאַרע, אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין האַרטן קני און געכוואַליעט מיט שטורעם: — זיי האָבן אים אויסגעטאָן אַ נאַקעטן, די היטלעראָווצעס, צעשניטן דאָס לייב, געקאַטעוועט מיט די קאָלבעס, צעשטאָכן מיט די שפּיזן, נאָכדעם צוגעבונדן צו אַ האַלאָבליע און פאַנאַנדערגעטריבן דעם געשפּאַנטן פערד...

ביידע האָבן שווער געאָטעמט. אַ בלייכע איז זי געשטאַנען אין זייניקן געוועב. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ כאַפּ געטאָן זיך ביים האַרצן, זיך צעקוקט אין טונקעלן ווינקל, ווי ער וואָלט דאָרט געזען איצט איציקן אין די הענט פון זיינע פּייניקער:

— אַזוי אַ נאַקעטער, איז ער געיאָגט געוואָרן איבערן פראָסטיקן אייזיקן שניי אַ דרייסיק קילאָמעטער... פאַר גלובאָק האָט זיך דער פערד אויסגעשפּאַנט און זיך געמוזט אָפּשטעלן. אַ גליק... דער פאַרפּייניקטער

בילקאַ רוט אָפּ... און דער יונג, וואָס האָט זיך שטענדיק אָריענטירט, זיך נישט פאַרלאָרן אין די שווערסטע סיטואַציעס — האָט אויך אין אָט די שווידער סעקונדעס פאַר אים, באַנומען וואָס דאָ טוט זיך... פאַרשטאַנען די לאַגע... נאָך גיכער ווי אַ בליץ אויפן פינצטערן הימל האָט זיין צעבלוטיקטער פינגער אַ שטעק געטאָן זיך אין רינגל פון גראַנאַט, וואָס האָט זיך געהוידעט אויפן שמאָלציקן בויך ביי איינעם פון די היטלעריסטן, וועלכע האָבן אים געהיט... דער פינגער האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם רינגל, דער היטלעריסט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף דער ערד, איבערלאָזנדיק דעם רינגל אין פינגער פון זיין קרבן... אַן אויגנבליק און... צוזאַמען מיט די באַנדיטן איז אויך איציק אַוועק פון אונדזער וועלט...

— אָט אַ העלד! — האָט מאַניע אויסגעוואונדערט.

— אַ העלד זאָגסטו... ריכטיק... אַ מענטש... — האָט דער נאַטשאַלניק אויסגערופן און שטיל פאַרגעזעצט:

היינטיקע נאַכט האָט מיר אַ פּויער געבראַכט אָט דעם רינגל אַן אַרומגעקלאַמערטן פון איציקלס פינגער... — ס'האָט אָנגעהויבן עפּעס שטיקן אין האַלדז, גורוויטש האָט אויפגעהערט רעדן, געווישט זיך די קרישטאָלענע פייכטקייט פון צערונצלטן שטערן:

— פון קינדווייז אָן האָט מיך אונדזער שול געלערנט צו שאַצן דעם מענטשן אין מענטשן... יאָ, טייערע — חזרט גורוויטש שטיל נאָכאַמאָל איבער אונטערשטרייכנדיק: — דעם מענטשן אין מענטשן... כ'האָב דורכאויס געוואָלט זיין אַן אַדוואָקאַט, באַטש מיינע פּראָפעסאָרן האָבן מיר פאָרגעלייגט דעם אַמט פון אַ פּראָקוראָר. פאַרשטייסט, מאַניע, מיין ציל איז געווען קומען צו הילף די יעניקע, וועלכע זיינען אין זייער לעבן צוליב פאַרשיידענע, אָפט קליינלעכע סיבות, געשטרויכלט געוואָרן. ס'פלעגט מיר ווערן פריקרע, ווען מיינע קליענטן פלעגן מיר נאָכן געריכטס־אורטייל באַפּן קושן די הענט, די פיס, די קליידער אפילו. „וואָס טוט איר?" פלעג איך זיך ווערן... און טאַקע, צי קען דען זיין אַ נאָרמאַלערע זאַך ווי באַשיצן, פאַרטיידיקן אַ מענטשן?... כ'האָב אָפט געטראַכט: אַ מ ע נ ט ש, ווער עס זאָל נישט זיין, איז ער פאָרט אַ מענטש, עפּעס פאַרמאָגט ער

אין זיך אזוינס, וואָס קיין שום אנדערער לעבעדיקער וועזן אויף דער וועלט פארמאָגט *נישט*... ס'הייסט, ער שטייט *פאָרט* העכער פון א חיה אין וואלד לאָמיר זאָגן...

ארויסגעוויזן האָט זיך גאָר אנדערש. כ'האָב א טעות געהאט... טאָג און נאכט יאָגן מיך נאָך די שאָטנס פון מיינע פארפייניקטע און דערמאָרדעטע חברים... זיי מאָנען ביי מיר *גערעכטיקייט*.. פארשטייסט: גע־רעכ־טי־קייט! אין מיין יעדן קער, אין מיין יעדן ריר זע איך פאר זיך א מין צווייטע קאָמונארן־וואנט, ווי דאָרט אין פאריז אויפן פערלאַסע... *מיליאָנען* אָבער שרייען פון דער וואנט ארויס: גערעכטיקייט! זיי, די *אומגעקומענע*, פאָדערן, איך זאָל זיי פארטיידיקן... דו דערקענסט מיך נישט?... אויך איך אליין דערקען זיך נישט. און גוט אזוי... אָט דאָס גראנאטן־רינגעלע האָט הייַנטיקע נאכט געמאכט אין מיר די לעצטע איבערקערעניש...

דער גלאנץ פון רינגעלע דערמאנט מיר איצט אָן מענטשן העלדישע, — וואָס האָבן זייער בלוט נישט געזשאלעוועט אין געראנגל קעגן די פארניכטער... דער שטאָל פון רינגעלע דערמאנט פון דער נידערטרעכטיקייט, וואָס קיין ווערטער אויף צו באצייכענען אָט די שענדלעכע מעשים, האָט נאָך קיין שפראך אין דער וועלט נישט אויסגעפונען. אָט *די* וועלט מוז מען פארניכטן... מיטן וואָרצל אויסרייסן.

— מאקס טייערער... דו מיט אזעלכע רייד? דו — א וועלט פארניכטן? — צעגלאנצן זיך די אויגן ביי מאניען אין פארוואונדערונג.

— יאָ איך... איך מיט מיינע אייגענע הענט וואָלט פארניכטעט. קיין סימן זאָל פון זיי נישט בלייבן. איך וועל זיך דורכרייסן דורך נישט דורכגענגלעכע וועלדער, כדי זיי צו געפינען. איך וועל זיי נאָכיאָגן אין אלע לעבער — זיי זאָלן ניט אנטרונען ווערן. און אויב עס וועט נויטיק זיין, וועל איך זיך פליגלען שאפן און נאָכפליען נאָך זיי איבער אלע הימלען.. פארניכטן זיי. ביזן וואָרצל אויסרייסן. ווייסט גוט, אז אין מיין יונגן לעבן האָב איך אלץ געטאָן, כדי צו פארטיידיקן דעם מענטשן, העלפן. אויך איצט וועל איך עס טאָן. דער מעטאָד וועט שוין אָבער זיין גאָר אן

אנדערער, נעמלעך: דורכן באַשולדיקן — פאַרטיידיקן! — קלאָרער גע־זאָגט, בילדלעכער, ווען דאָס ווילדגראָז ווערט אויסגעיעט, באַזייטיקט — ערשט דאַן קען אויפגעהיט ווערן, ערשט דאַן קענען פריי, נישט געשטערט זיך צעוואַקסן די גוטע פלאַנצונגען. איצט וועל איך זיין איינער פון די, וואָס העלפנדיק פאַרניכטן די שענדער פון אונדזער לעבן, די מערדער פון וועלטן גאַנצע — וועל איך במילא העלפן אויפהיטן יענע, וועלכע האָבן באַוויזן אין אָט דעם גרויסן היסטאָרישן געראַנגל — העלדישקייט, מענטשלעכקייט. נישט נאָר פאַר זיך אליין האָבן זיי דאָך זייער בלוט פאַר־גאָסן, און נישט נאָר פאַר זייער היימלאַנד האָבן זיי דאָך געקעמפט — גע־ראַטעוועט האָבן זיי די ג אַ נ צ ע  וו ע ל ט פון פאַרניכטונג, אַ ל ע פעלקער אויף דער ערד — פון אונטערגאַנג.

אָט פאַר די לעבנגעבליבענע העלדן, פאַר די מיליאָנען אומגעקומענע אויף די שלאַכטפעלדער און צעפייניקטע אין די געטאָס, תפיסה־קעלערן, וועל איך איצט מיין לעבן ווידמען, מיין בלוט נישט זשאַלעווען!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען דער פּראָפעסאָר, קאַפּילסקי, וואָלט איצט אריין אין זעמ־ליאַנקע און דערזען זיין שילער, דעם אדוואָקאַט מאַקס פּאַוולאָוויטש גור־וויטש אין אַזאַ צושטאַנד, וואָלט ער זיכער אויסגערופן:

— גורוויטש, גורוויטש, דו האַלטסט נאָך אַלץ אין פאַרטיידיקן...

— ניין, חבר פּראָפעסאָר, איך האָב שוין אַן אַנדער מעטאָד: דורכן באַשולדיקן — פאַרטיידיק איך!

נאַראָטשער וועלדער, אָטריאַד „סוואָראָוו“, 5טער אַפּריל 1944.

# רדיי חברים

אין דרויסן איז נישט אַרויסצוגיין.

פּלאַכטעס שניי וואַרפן זיך פון אויבן און דער ווינט שמייסט עס אין פּנים אַריין.

נאָר ווער גייט עס איצט אין גאַס? וועמען טרייבט עס איצט אויף וועגן? קיינער נישט, דוכט זיך, — די וויוגע קעניגט, שליידערט און וויל אפילו דורך די ווענט זיך דורכשפּאַרן.

ביי גאַלינאַסן, דעם וואַלד־פאַרוואַלטער אין שטוב איז אַ מחיה. ליב־טיק און ריין, וואַרעם און היימיש. אין ראַדיאָ פּליסט דער בלויער דונאַי, פון קיך זשומעט און בלעזלט. געווירצטע געקעכצן. און אין שפּיגלדיקן קרישטאָל ראָזיקט זיך אין קלאָרן די באַלעבאָסטע מיט די זוניקע גלעזער טיי אויפן זילבערנעם טאַץ.

— דער טאָרט איז היינט אויפגעגאַנגען, אַזוי ווי קיינמאָל, — איז זי צופרידן — דער פירער אַליין וואָלט עס געקענט עסן.

דעם לעצטן מאָל האָט גאַלינאַס איבערגעגעבן דער פּאָליציי אַ יידיש־סאָוויעטישן לייטענאַנט און דערפאַר באַקומען פון סוויענציאַנער זשאַנ־דאַרמעריע־שעף דאָס בילד פון פירער.

הענגט איצט דאָס בילד אויף דער וואַנט און דער הייליקער יעזוס מיט דער הייליקער מאַריא זיינען איבערגעטראָגן געוואָרן אין קיך.

— ווי לאַנג איז דער שיעור צו שלאָפן, קינדער, — וועקט די מאַ־מע — דער סאַמאָוואַר גייט אויס... נו, — ציט זי די קאָלדרע — היידאַ פון בעט.

די קינדער משוכען זיך:

— אַך מאַמעשע — גענעצט די 20 יאָריקע זשמורענדיק צום זייגער — נאָך קיין צען נישטאָ.

— וואָס איז דאָ צו פאַרזאַמען — דערווידערט די 18 יעריקע און דעקט זיך מיט דער קאָלדרע דעם קאָפּ אַריבער.

— גיב גאָר אין בעט אַריין! — טוט זיך אַ זעץ דער 15 יעריקער פּעטראָס.

— טאַקע, טאַקע אין בעט. — צעזעצן זיך די פינף קינדער אויף די געלעגערס.

די זעקסטע, די יינגסטע, האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין. די מאַמע האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין העמדל אויף די הענט און קושנדיק געצערטלט:

— נארעלע מיינס, וואָס וויינסטו?

— כ'האָב געזען איצט די באַנדיטן, וואָס דער טאַטע האָט וועגן זיי געכטן דערציילט.

— וויין נישט, אוצרל, — וואַרעמט זי די מאמע — ס'איז דאָך מער נישט ווי אַ חלום, נאַרעלע מיינס.

— ניין, — וויינט אַלץ די קליינע, — נישט קיין חלום, זיי זיינען געשטאַנען ביי מיין בעט און געוואָלט מיך מיט אַ פּיקע שטעכן.

די מאַמע האָט זי קוים איינגעשטילט.

— אַז דער טאַטע וועט קומען, וועל א י ך אים שוין געבן, פאַר־וואָס ער שרעקט דיך ביינאַכט מיט באַנדיטן.

— און ווו איז דער טאַטע?

— ער איז דאָך אַוועקגעפאָרן אין מעליגאַן זאָגן דער פּאָליציי, אַז ס'געפינען זיך אין וואַלד שלעכטע מענטשן און מען זאָל זיי צונעמען פון דאַנען... און דערפאַר וועט דער טאַטע דיר ברענגען אַ ניי קליי־דעלע, אַ בערעלע.

מיטאַמאָל האָט די עלטסטע אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש און צעגאָסן אויף זיך דאָס גלאָז טיי. אַלע האָבן זיך אַ קער געטאָן צום טיר און בלייבע געוואָרן.

דורך דער צעעפנטער טיר האָט זיך צוערשט אַריינגערוקט אין שטוב אַ ביקס, נאָכדעם אַ פאַרשנייטער יונגערמאַן, נאָך אים אַ צווייטע ביקס מיט אַ צווייטן יונגנמאַן און אַ דריטער.

— אַנטשולדיקט, — האָט זיך אָפּגערופן דער ערשטער — מיר האָבן געקלאַפּט אין טיר און איר האָט מסתמא נישט געהערט...

— גוט מאָרגן! — האָט זיך אָפּגערופן דער צווייטער, ביים טיר שטייענדיק.

— קען מען זיך אַביסל אָנוואַרעמען? — האָט געפרעגט דער דריטער.

קיינער פון די שטוביקע האָט גאָרנישט געענטפערט. זיי זיינען געלעגן אָדער געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע. די יינגסטע האָט איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַ געוויין און אַנגעהויבן דראַפּען דער מאַמעס פנים:

— האָסט מיך אָפּגענאַרט, אַט זיינען זיי דאָך, די באַנדיטן...

— שטילער, שטילער, — האָט איר די מאַמע געקניפּן אין די לידקעס — זיי וועלן נאָך דערהערן.

דריי חברים —

קוניצקי, קלאַטשקאָ, רייבער. —

יינגלעך נאָך, ניינצן, צוואַנציק יעריקע.

קלאַטשקאָ האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל אויף דער ערד און איז צו צו דער קליינער:

— וויין נישט, קינדעלע, מיר זיינען נישט קיין דייטשן... מיר וועלן דיר גאָרנישט טאָן.

דאָס קינד האָט אַ קוק געטאָן אויפן יונג, דערזען אַ שמייכלענדיק פנים און גלאַנציקע אויגן און זיך איינגעשטילט.

— און וווּ איז דיין פּיקע? — האָט זי אַרויפגעלייגט אויף זיין פייכטן פנים אַ הענטל.

די יונגען האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— אויף וואָס דאַרפן מיר פּיקעס?

— טאָ אויף וואָס דאַרפסטו דעם ביקס? — האָט זי ווייטער געפרעגט.

— אויף וואָס? — זיין בליק האָט באַמערקט מיט אַמאָל אויף דער

וואַנט דעם מערדער־קוק פון היטלער־פּאַרטרעט. קלאַפּשקאַ איז שטיל געבליבן. ער איז אַ פּאַרציטערטער צוגעגאַנגען צו זיינע חברים. אין שטוב איז נאָך שטילער געוואָרן, בלויז דער זייגער האָט געפּליסטערט: „די צייט גייט... די צייט גייט"...

קיינער האָט אין שטוב די יונגען נישט געבעטן זיך זעצן, אָנוואַרע־מען, די קליידער טריקענען, אַ ביסל וואַרעם וואַסער דעם גומען צו באַנעצן.

— אַז מען בעט נישט זיצן, — רופט אויס קוניצקי — לאָמיר זיך אַליין זעצן.

אויפן קיך־באַנק זיינען די חברים געזעסן ביים צעפלאַקערטן איי־וועלע און געשעפּט פון אים וואַרעמקייט און נייע כוחות. ס'האָט גע־פּאַרעט די נעץ פון די קליידער און געבריט דאָס לייב. וואַרעמקייט האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער די גלידער און געיאָגט פון זיך די נאַסע, עסיקע קעלט.

די פאַרגאַנגענע נאַכט איז געווען פאַר זיי די רעצידירנדיקסטע. זיי־גער צוויי האָבן זיי דורכגעריסן די דייטשע בלאָקאַדע אויף די פּאַרטיזאַ־נער אין די היידוציישקער וועלדער. דריי מעת־לעת זיינען זיי געיאָגט גע־וואָרן דורך בלאָטעס איבערן האַלדז, אין מויל קיין ביסן ברויט נישט געהאַט, זיך אָבער דורכגעריסן.

וואָס איז איצט מיט די איבעריקע חברים? וואָס איז איצט מיט זייער קאָמאַנדיר סעריאָזשע? — ס'האָט זיי געעקבערט, נישט געלאָזן צורו.

איצט וואָלט איינגטלעך געווען פאַר זיי דאָס וויכטיקסטע — אָפּעסן, זיך אויסרוען און איבערוואַרטן דאָ ביז די בלאָקאַדע וועט דורכגיין. זיי האָבן אָבער דערפילט, אַז נישט דאָ איז דאָס אָרט אויף דעם. עס האָט זיי געבריט פון פאָרגט דער פלאַקער פון אויוון און אין פּלייצע האָט זיי געשטאָכן דער שפּיזיקער פּאָרטרעט.

די שטוביקע זיינען נאָך אַלץ ווי שטום געווען. אונטער די קאָלדרעס האָבן זיי זיך אָנגעטאָן און ווי מייז איבערן שטוב אַרומגעפּלוינן, נישט וויסנדיק וואָס פריער צו טאָן, צי די געלעגערם פאַרבעטן, צי די שטוב

אויסקערן, צי מיטאָג צוגרייטן אָדער דעם פרישטיק ענדיקן.

די באַלעבאָסטע האָט זיך אין אַ פּאַטשיילע איינגעוויקלט און זיך געלאָזט צום טיר.

— וווּהין? — האָט זיך אָוועקגעשטעלט קעגן איר אַ ביקס.

אָן אַ וואָרט האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן אויף צוריק און געבליבן שטיין אין פּאַטשיילע אַ ציטערנדיקע אין שטוב, ווי דער גרעסטער פּראָסט וואָלט דאָ געווען.

— וואָס ציטערט איר? — האָט אַ ברום געטאָן רייבער צו די שטוּ־ביקע — די מאַנטלען אַראָפּ! אויפן פּראָסט שטייט איר?

— די מאַנטלען זיך אָנגעטאָן מיטאָמאָל, — רעדט מיט כעס קוּ־ניצקי — ווי איילט איר זיך דאָס אַזוי אין אַזאַ שטורעם?

קיינער האָט נישט געענטפערט.

— שטום געוואָרן וואָס? און ווי האָט איר אַזעלכע מעבל געקומען?

— גע...גע....גע....קקקויפט — האָט אויסגעהאַמערט דורך די ציינער די באַלעבאָסטע.

— „געקויפט" — האָט בייז איבערגעזאָגט קלאַטשקאָ — און געלט ווי האָט איר מיטאַמאָל אַזויפיל געקראָגן... פון אַמעריקע.

— און ווי איז דאָס געלד אייערס פריער געווען, אין באַנק? האַ? רייבער האָט זיך צעשמייכלט:

— זאָגט, אַז איר האָט געפונען ערגעץ אַן אוצר. אַז די וו אַ נ ט האָט אייך געגעבן.

— דער בעסטער ליגן איז דער אמת — האַקט איבער קוניצקי — זאָגט: „דאָס קאָסט אונדז בלוט". פרעמדע בלוט. יידישע...

פאַרן פענצטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פערד און שליטן. ס'איז געוואָרן אין שטוב אַ שושקעריי:

— דער טאַטע איז געקומען... דער טאַטע...

אין פאָרהויז האָט זיך שוין דערפילט באַלעבאָס. ס'האָט זיך גע־הערט אַ קלאַפּן פון שניי פון די שטיוול, אַ מייסטערן.

דער באַלעבאָס האָט ברייט די טיר אַ פּראַל געטאָן און איז געבליבן אַ פאַרוווּנדעטער אין איר מיטן. קיינער איז אים נישט, ווי שטענדיק,

געלאָפן אַנטקעגן אים האַלדזן, קושן, העלפן דאָס געבראַכטע אַריינטראָגן.

— וואָס טוט זיך דאָ מיט אייך, קינדער? — טוט ער אַ שפּאַן פּאָרױ-אויס און שטויסט זיך אָן אויפן קיך-באַנק מיט די אומבאַקאַנטע געסט.

— און ווער זיינען זיי? — פרעגט ער די שטוביקע.

עס גיבן אים אַ גלאַנץ אין די אויגן דריי לופּעס, וואָס ענטפערן:

— מיר זיינען דאָס!

עס האָט זיך מיטאַמאָל אַ קרום געטאָן ביי אים דאָס פּנים. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער מאָרדע און פאַרזשמורעט חזריש די אױ-געלעך, זיך געלאָזן צום טיר.

— וווהין? — האָט זיך אוועקגעשטעלט קלאַטשקאָ.

— אין ערגעץ נישט.

— טאָ זיץ אויף אַן אָרט.

— דאָס פערד מער נישט אויסשפּאַנען, מיין האַרעלע — ווערט ווייך דער באַלעבאָס — און תּיכף בין איך צוריק דאָ.

— דעם פערד אויסשפּאַנען, — האָט זיך פאַרטראַכט רייבער, — זאָל ער גיין, אָבער...

— תּיכף צוריק, אַ פינף מינוטעלעך — מעלה גרהט גאַלינאַס שוין הינטערן טיר.

ווידער איז געוואָרן שטיל. דאָס פייער האָט לעבעדיק געפלאַטערט און געלאַסטשעט די צעמאַטערטע, הונגעריקע פּאַרטיזאַנער. אויפן שױ-בנגלאָז האָט אַלץ דער געדיכטער שניי געפּאַטשט און געפּאַטשט, געוואַלט פאַרלייגן די שטיקער הימל אויפן גלאָז. די וואַרעמקייט האָט אָבער נישט דערלאָזן, צעלאָזן דעם שניי, איידער נאָך ער האָט זיך געזעצט און זיך צערונען אויפן גלאָז און גראַטעס.

דער באַלעבאָס זאַמט זיך.

ס'האָט אָנגעהויבן בריען אין האַרצן ביי די יונגען. ס'האָט זיך צע-וואַקסן אַן אומרו. קלאַטשקאָ באַרויקט:

— דער הינטישער זון וועט נישט גיין מסרן... מיר וואָלטן דאָך אים מיט זיין הויזגעזינד, מיט דער גאַנצער שטוב מיטן וואָרצל פאַרניכטעט.

אינמיטן די רייד איז אָנגעקומען דער באַלעבאָס.

— נו — האָט ער לעבעדיק אויסגערופן צו די שטוביקע — איר שטייט נאָך אַלץ? און עסן האָט איר די מענטשן געגעבן?

ערשט איצט האָט זיך אין שטוב פאַנאַנדערגעזשומעט. ערשט איצט האָבן זיי זיך דערמאנט, אז די פרעמדע זיינען געווים הונגעריק.

גאַלינאַס האָט אָנגעהויבן פעסט אַרומשפּאַנען הין און צוריק. צו־געטראָגן די געסט זיין רייכן פּאַרטאַבאַק מיט ציגאַרעטן:

— איידער וואָס, חברה, פאַררויכערט און הויבט זיך אויף פון אויוון. לאָמיר גיין צום טיש, איר ווילט דאָך זיכער עסן. איר ווייסט דאָך, באַ־בעס, האָבן זיך דערשראָקן. נו, אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט.

אויפן טיש האָט זיך צעקלאַרט אַ ווייסער טישטעך. ס'האָבן זיך צעצאַפּלט קלינגענדיק גאָפּל־מעסער. דער באַלעבאָס האָט געפּאַדעט אַרום די געסט, געזידלט דעם מיאוסן וועטער, זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן פון גוטן בראָנפן, וואָס ער האָט איצט געבראַכט פון שטאָט.

— קוקט נישט וואָס אויפן וואַנט הענגט דער מערזאַוויעץ, — טי־קעט ער מיט אַן אייגל אויפן היטלער־בילד — איר פאַרשטייט... איך בין אַ פשוטער אַרבעטער... ס'קומען אַריין צו מיר דייטשן... פּאָליציי... איצט אין אַזאַ וויוגע, וועלן זיי נישט קומען און אויב יאָ, פאַרלאָזט זיך אויף מיר, מ'וועט שוין מיט זיי דורכקומען... יאָ, ווו האַלט איך... יאָ, היטלער... פאַרשטייט איר... אין האַרצן איז גאָר אַנדערש... כ'בין מיט אייך, בין איך... נו, אַ סוף, קומט צום טיש.

די גלעזער זיינען שוין געשטאַנען איבערפולט מיט בראָנפן.

— נו מיר זאָלן זיין...

— ניין, מיר טרינקען נישט — האָבן די חברה מיטאַמאָל אויסגערופן. דער באַלעבאָס איז געוואָרן פאַרוואונדערט.

— מיר טרינקען נישט, — האָט קלאַטשקאָ פעסט אויסגעזילבעוועט.

— דאָס פרייט מיך זייער — האָט גאַלינאַס זיך צעשמייכלט, — אָבער אַ קאַפּעטשקע, זיך צו דערוואַרעמען... צום אַפּעטיט...

— און וואָס שייך אַפּעטיט, באַלעבאָס, איז נישט צו פאַרזינדיקן.

— נו, נו, נישט איז נישט. איך ווייס, אַז יידן טרינקען נישט און, אַז פּאַרטיזאַנער זאָגן וואָס, מעג זיך די וועלט איבערקערן... עקשנים אזעלכע כע־כע־כע... נו דער בראָנפן וועט אויף אייך קיין פּאראיבל נישט האָבן...

און אמת דאַרף מען זאָגן, דאָס עסן איז פאַר די יונגען געווען ווי געראַטעוועט. זיי וואָלטן זיכער פון די פיס געפאַלן, ווען זיי דאַרפן זיך שלעפּן ווייטער.

דער באַלעבאָס הייסט אַלץ געבן נאָך און נאָך נייע מאכלים; ווי עס וואָלט אים אין לעבן געגאַנגען, זיי זאָלן וואָס מער זיצן ביים טיש, זיי זאָלן וואָס מער עסן.

ס'וואָלט געווען זייער גוט איצט פאַר די פּאַרטיזאַנער זיך אויסרוען. זיי האָבן דאָך דריי נעכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. אָבער וועגן דעם טאָר מען אַפילו ניט טראַכטן. דאָ איז גאַנץ אומזיכער צו זיין אַפילו אן איבעריקע מינוט. נישט נאָך שעהן.

דער שניי האָט אויפגעהערט. אויף די וועגן איז אָבער געווען צו זען אַ טונקעלער בלאָטיקער קוואַטש.

— נו אַ וועג. — מורמלט אַרוים קוניצקי, קוקנדיק דורכן פענצטער.

— ווו ט'איר גיין, קינדערלעך, — איז ווי אויסער זיך דער באַלעבאָס — בלייבט דאָ איבער. וואָס מורא האָבן איז נישטאָ, קיין הונט וועט איצט אויפן גאַס נישט וועלן אַרויסגיין.

— אָבער פּאָליציי יאָ. — האקט איבער רייבער.

— ווו פּאָליציי... זיי זיינען ווייט פון דאַנען. — שפּאַרט זיך דער באַלעבאָס.

— ניין, „חבר" באַלעבאָס, — דאַנק גוטמוטיק קלאַטשקאָ — מיר גייען. — און שטעלט זיך אויף.

מיט אַמאָל האָט זיך רייבער אַ שטעל געטאָן און געכאַפּט די ווינטאָווקע:

— דייטשן! — האָט ער ווי ניט מיט זיין קול אויסגערופן.

די איבעריקע צוויי האָבן זיך אַ קער געטאָן צו די פענצטער און אויך אויסגעשריען:

— דייטשן! — און אַריינגעקלאַמערט די ביקסן אין די הענט.

— נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן, — רעדט אַלץ מיטן ווייכן טאָן נאַלינאַס — ס׳זיינען אייגענע. לאָזט מ י ר, א י ך וועל שוין מיט זיי דורכקומען.

רייבער איז צוגעשפּרונגען צו אים, אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין מאָרדע:

— דו הינטישער זון... אַרויסלאָזן דיך צו זיי ווילסטו? ד ו האָסט דאָך זיי גערופן, וועלן זיי צו דיר קומען.

קלאַטשקאָ האָט אויך אַרויסגעצויגן זיין פּיסטאָלעט:

— אַלע! — ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט שטרענג צו די שטוביקע — אַלע, די סעקונדע לייגט איר זיך אויס אויף דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ, אַז נישט, ווי די הינט דערשיס איך אייך.

פאַרביי פענצטער האָט דורכגעהילכט אַ שאָס צוזאַמען מיט אַן אויסגעשריי:

— גיט זיך אונטער, אַז נישט ווערט איר דערשאָסן!

— אונטערגעבן זיך? — האָט רייבער אויסגעשטשירעט — חברה, ביי די פענצטער, זיי האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז!

ס׳האָט אַ זעץ געטאָן אַ סאַלווע קוילן און זיך צעלעכערט דורך די צעקלונגענע שויבן אין די ווענט.

די קעמפער האָבן דורך די פענצטער אַרויסגעלאָזן איינציקע שאָסן. דער קוילן הוראַגאַן פון שונא האָט געזעצט אין אַלע זייטן, דורך אַלע פענצטער.

— פייער! — האָט קלאַטשקאָ אויסגעשריען.

די יונגען האָבן ווידער דורך די פענצטער אַרויסגעלאָזן איינציקע שאָסן.

— אָבער, סוואָלאָטש, גוט געטראָפן! — האָבן זיך צעגלאַנצט די

אויגן ביי קוניצקין, זעענדיק ווי אַ דיימש האָט זיך אַוועקגעלייגט פֿון זיין קויל.

— און איך אויך! — האָט אַ שפּרונג געטאָן צום פענצטער רייבער — ער ליגט דער...

רייבער האָט זיך מיטאַמאָל אומגעדרייט, אַ כאַפּ געטאָן ביים האַ־ץ און אויסגעקרעכצט:

— כ'שטאַרב, חברים...

די אויפרייס־קוילן פון שונא האָבן אָנגעצונדן דעם דאַך. דער ווינט האָט די פלאַמען געיאָגט אין פענצטער און אָנגעצונדן די ראַמען. דער באַלעבאָס האָט זיך צעשריען:

— האָט רחמנות! לאָזט אַרויס!

— מיר ווערן פאַרברענט! — האָט געקווייטשעט א פרויען־שטים.

— ביז איינעם וועלן מיר אייך אויסשיסן, פאַררעטער! — האָט קלאַטש־קאָ געשטורעמט, אַרויסוואַרפנדיק דעם לעצטן גראַנאַט דורכן פענצטער.

— מיר שפּרינגען דורך די פענצטער!— האָט קוניצקי אויסגערופן און גלייכצייטיק זיינען ביידע דורכגעשפּרונגען דורך די פלאַמיקע צונגען.

קלאַטשקאָ איז גלייך פאַרוואונדעט געוואָרן אין קני און האָט אַ פאַל־דיקער, צילנדיק אין אַ סאָלדאַט, אים דערשאָסן. ער האָט זיך געפּרוווט אַ הויב טאָן און איז געטראָפן געוואָרן נאָכאַמאָל אין שלייף. טויט.

קוניצקי האָט אויסגעשאָסן די לעצטע קוילן. אַריינפאַלן אַ לעבעדי־קער וועט ער זיך פאַר קיין פאַל נישט לאָזן, ער האָט אַ נעם געטאָן פאַר די לופע פון ביקס און מיט דעם פריקלאַד אין דער הויך זיך געלאָזן צום שונא, וויסנדיק, אַז ער גייט צום לעצטן וועג:

— א טויט די מערדער! — האָט ער געפלאַטערט מיט דער ביקס פאָראויס.

ס'איז אים אויסגעקומען איצט, אַז ער גייט אויף אַן ערשטן־מאַי־דעמאָנסטראַציע קעגן אַ קאָרדאָן פון פיינטלעכע סאָלדאַטן. אויך דאַן איז

ש. קאטשערגינסקי

ער דעם טויט אַנטקעגן געגאַנגען און האָט אים, דעם טויט, מנצח געווען.
און אפשר, שווימט אים דורך אין די געדאַנקען, וועל איך אים אויך
אַ י צ ט באַזיגן?!

ער האָט זיך דערזען אַז אַרומגערינגלט פון ביקסן און אויטאָמאַטן־
לופעס:

— פאַר מיין יידיש פאָלק! פאַר מיין יידיש לאַנד! — האָט ער גע־
פלאַטערט מיט דער ביקס פאָראויס.

— גיב זיך אונטער, וועסטו לעבן בלייבן! — האָבן די לופעס זיך
צעשריען.

ער האָט אַ פאַך געטאָן מיטן פריקלאַד, ווי געוואָלט דעם אָנבאָט
פאַרטרייבן. ער האָט אַ שפאַן געטאָן פאָראויס. איין טראָט
— און דעם לעצטן.

אָטריאַד „ווילנע", סוויענציאַנער געגנט, 16טער אפריל 1944.

# דאָס מיידל אין די זעלנערישע שטיוול

דער נאָטיץ־ביכל האָט דערמאָנט דעם מאַיאָר בראָדקין, אַז פּינקט־לעך 2 אַזייגער דאַרף ער זיין אין שטאַב.

צו דער מינוט האָט טאַקע די וואַך געמאָלדן, אַז:

— איינע מיטן נאָמען סאָניאַ קאָטלאָווסקאַ...

— אַהאַ — האַקט איבער דער מאַיאָר און צעעפנט ברייט די טיר — ביטע חברטע סאָניע.

זיינען זיי געזעסן אויפן ראַנד פון צעלויכטענעם פענצטער און נישט אַראָפּנעמענדיק דעם בליק פון די מאַרשירנדיקע מיליטער־קאָלאָנעס, האָט בראָדקין ווייטער גערעדט:

— און דעם אמת דאַרף מען נישט פארלייקענען, די פאשיסטן האָבן דערווײַלע דערפאָלגן. אמת... אונדז האָט נאָך אָבער קיינער קיינמאָל נישט באַזיגט. — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף סאָניען און צוזאַמען האָט זיך בייביידן ארויסגעריסן:

— און מען וועט אונדז נישט באַזיגן!

— איך שטעל זיך פאָר, — ציט ער ווייטער — אַז דיווערסיע־אַר־בעט אין שונאס טיל איז נישט פון די לייכטע זאַכן. איך ווייס אויך, אַז אַריבערגיין די פראָנטליניע איז אַ שווערע אויפגאַבע... יאָ... איך גלויב אָבער, סאָניטשקע, אַז אויב דו וועסט זיך לאָזן קערעווען פון געזונטן שכל, וועסטו דאָס דייניקע דערגרייכן. זע צו דערגיין צוריק צו דיין שטעטל, צו די דערפער אַרום, וווּ דו ביסט אויסגעוואַקסן, וווּ דו קענסט יעדן פויער,

ווו ס'איז דיר באַקאַנט יעדער שטעגעלע, יעדער וועג, יעדע שטיבל. ווו דער ריח פון יעטוועדן קוסט איז דיר אייגן און נאָענט. דאָרט וועסטו, אויב דו וועסט וועלן (סאָניע האָט דאָ בייז אַ זשמורע געטאָן די אויגן אויף אים), קענען אונדז אַ סך נוצן ברענגען...

דער מאַיאָר האָט באַמערקט, אַז דאָס מיידל איז בייז געוואָרן און נעמענדיק איר פּנים אין זיינע הענט, ליבלעך גערעדט:

— נו זיי גישט בייז אַזוי, איך בין איבערצייגט, אַז דו וועסט וועלן טאָן, אָבער ווייסט דאָך... אַ מענטש. ער האָט געזוכט ווערטער און עפּעס נעגדיק אירע צוגעמאַכטע אויגן־דעקלעך:

— נו סאָניעטשקא, זאָגסטו צו?

:: :: ::

דעם 10־טן יולי 1941 האָבן עטלעכע דורכגייער אויף דער הויפּט־גאַס אין געטאָ פון שטעטעלע קימעלישקי זיך אָפּגעשטעלט פּלוצלינג, אַ קוק געטאָן הינטער זיך אויף אַן איילנדיק מיידל און זיך פאַרוואונדערט:

— אַבי מען האָט געזאָגט, אַז קאָטלאָווסקאַ איז אַוועק מיט די רוסן.

— און אַז זי איז געבליבן דאָ, — האָט אויסגעבייזערט אַן ענטפער — מיינסטו, אַז זי איז שוין אַוועק פון זיי?

.2

ע ר איז געזעסן אין ברייטן לעדערנעם פאָטעל אונטער אַ זיידן קישעלע און זשמורענדיק געקוקט דורכן דיקן ציגאַרן־רויך אויף א י ר.

ז י איז געשטאַנען אין ווינקל צימער לעבן טיר, אַ דינינקע ווי אַ שוועבעלע און מיט פאַרביסענע ליפּן געקוקט אויף א י ם.

ע ר — דער שעף פון דער ווילייקער געשטאַפּאָ הענריך ראַאַבקע, זי — איינע פון די טויזנטער פּויערטעס פון אַרום (ווי ס'זאָגט דער

געפעלשטער פּאַס פון סאָניען) — אַנאַ לאָווסקאָווסקאַ.

— זאָגסטו, אַז מען האָט דיך געשלאָגן, — שמייכלט ער — אַז דו קענסט זיך נישט זעצן... הם... ד י ך געשלאָגן... דייטשן שלאָגן נישט, קינדעלע מיינס — האָט ער ברייט צעשטעלט די פּיס, און די רעכטע האַנט אַלאַ נאַפּאָלעאָן, קעגן איר — ס'איז דאָך צום לאַכן... קיינער וועט דאָס גאָר נישט גלויבן, אויב דו וועסט דאָס דערציילן... דייטשן שלאָגן נישט... און דערצו נאָך יונגע פרויען און אַזאַ ווי דו, — ער האָט אַ רוק געטאָן די האַנט צו איר פּנים, א י ר ע האָט אים אָבער פאַרלאָפן דעם וועג אין אָפּגעשליידערט שטום.

— הם... וואַרפסט זיך גאָר... א י ך האָב דיך דאָך נ י ש ט געשלאָגן, וואָס דו וואַרפסט זיך... — ער האָט געריבן אַ שוועבעלע גאָך אַ שוועבעלע און א שמיץ טוענדיק דעם ציגאַר אָן וואַנט אין חוזק זיך הוסטנדיק צעבאָרכלט:

— ווען איך וואָלט דיך געשלאָגן, מיידעלע, וואָלסטו שוין געווען אָט ווו — האָט ער אָנגעוויזן, וווּ דער ציגאַר איז געפאַלן.

— איר האָט גוטע שילער, הער שעף — האָט אויסגערופן אַנושקאַ.

— און דו, לאָווסקאָווסקאַ, האַלטסט זיך נאָך אַלץ פרעך. — האָט ראַאַבקע געריטשעט — איך וועל דיר באַווייזן ווי צו האָבן צו טאָן מיט קאָמוניסן; מיט געפאַנגענע, מיט יידן און מיט דעם אוקראַינישן באַטאַליאָן. — ער האָט זיך אַנגעגאָסן מיט רויטס, — און אפילו צו די דייטשן שטעקסטו דיין נאָז... — ער איז האַסטיק אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, געביסן די ליפּן: „וואָס טוט מען מיט איר?” פלעגער האָבן זיך געטאַשט ביי אים ווי קאָרטן און ער איז געבליבן ביי דעם בעסטן פאַר אים:

— איך וועל זי דערווייל אַרויסלאָזן, פאַרשטאַרקן די געהיימע וואַך אַרום איר, זען מיט וועמען און ווו זי טרעפט זיך און דאַן מיט אַלעמען צוזאַמען אַריין... — ער האָט נישט געקענט אויסקלייבן, וואָס ער זאָל טאָן מיט זיי, ווען ער וועט זיי פאַקן... צווערשט זיי אויסהונגערן... איבערגעבן אין די הענט פון זיינע אַדיוטאַנטן... אַזוי גוט זיי באַאַרבעטן...

און זי, לאָווסקאָווסקאַ, וועט ער קיינעם נישט אָפּגעבן, זי וועט ער לאָזן פאַר זיך. און דאַן וועלן מיר הערן וואָס זי וועט זאָגן... מיטן וואָרצל וועל איך זיי אויסרייסן...

ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט לעבן איר און דאָס האַרץ אונטערן שמאַלץ האָט אָנגעהויבן עפּעס יאָגן. די אויגן האָבן זיך ברייטער צעעפנט.

— עך, דו אַנאַ — ער האָט אַרויפגעלייגט אויף איר פאָרזיכטיק אַ האַנט אויפן פּלייצע און לאַנגזאַם געשפּאַנט מיט די פינגער צום אַלבאַסטער=האַלדז אירן, צום סאַמעטענעם געאיידלטן פּנים. — עך, דו אַנאַ.

— אויף אַזוינס האָב איך זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט פון אייך, הער שעף, — האָט אַנאַ אַראָפּגענומען זיין האַנט פון זיך — אַזוי איידל זייט איר, — זי האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן — צו אייערע געפאַנגענע... ס'פּאַסט גאָרנישט פאַר אייך.

ראַאַבקע האָט זיך פונאַנדערגעקאָכט, אַראָפּגעלאָזן איר א פּאַטש אין פּנים:

— אַרויס, דו חצופה, פון דאַנען!

— אָט, הער ראַאַבקע, האָט זי שטאָלץ און בייז אַ זאָג געטאָן — אויף ד ע ם האָב איך זיך פאָרגעשטעלט.

:: :: ::

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען אין די ווילייקער געשטאַפּאָ=קעלערן געזעסן 28 סאָלדאַטן פון אוקראַינישן באַטאַליאָן, וועלכע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין דערמאָרדן דעם שעף פון פּאָסטאָווער געשטאַפּאָ — הענריך ראַאַבקע.

ניקאָליי רודענקאָ האָט גענומען אַלץ אויף זיך. און וויפל מען האָט אים נישט געפּייניקט, ווער ס'האָט אים צוגערעדט צום מאָרד, ער זאָל אָנווייזן כאָטש די סליאַדן, האָט נישט געהאָלפן. ווען רודענקאָ איז אַ צעפּייניקטער געשטאַנען ביים גרוב, האָט ער איין זאַך געזען פון גאַנצן מישמאַש, וואָס איז געשוועמען פאַרביי אים: די בלויע פאַרחלומטע אויגן

פון אַנושקאַן, וועלכע האָט אים געראַטעוועט פון שענדלעכן לעבן. און כאָטש ער איז געשטאַנען ביים גרוב און געזען פאַר די אויגן די אויסגעשטעלטע גלאַנציקע אויגן־לופּעס פון טויט, איז אים גרינג געווען, לייכט געווען. ער האָט אויסגעפּילט אַנושקאַס אויפגאַבע. אַ סוף געמאַכט צום געשטאַפּאָ־באַנדיט הענריך ראַאַבקע.

## 3.

די באַפעלקערונג איז צעשראָקן. די איינוווינער גייען אַרום פאַרחושכט; ווייסן נישט וואָס צו טאָן. מען זאָגט, אַז מען וועט נעמען אויף דייטשלאַנד. מען זאָגט, אַז מען איז געקומען אויף די פּאַרטיזאַנער. מען זאָגט, אַז מען וועט יידן נעמען...

אַ סך זיינען זיי געקומען, אויסגעפּוצטע אין גייאינקע שינעלן און שטיוול. מען זאָגט, אַז זיי זיינען גאָרנישט קיין דייטשן, אַז זיי זיינען גאָר רוסן.

אַנושקאַן קרענקט די לעצטע ידיעה. איר העלער פּנים ווערט פאַרשאָטנט, נערוועז בייסט זי די נעגל פון די פינגער, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט אויפעסן...

די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע גיט איר אַן אויפגאַבע, זיך צו דערווויסן דעם ציל פון די ניי־געקומענע און וואָס ס'וועט זיך לאָזן — עפּעס אויפטאָן.

גייט אַנושקאַ אין שטעטלשן פּאַרק. דאָרט גייען שפּאַצירן ווי געוועזענע לעך די סאָלדאַטן, וועלכע זוכן באַקאַנטשאַפטן מיט מיידלעך.

— וווּ גייסטו אַליין, קראַסאַוויצאַ? — האָט איר אַריינגעלאַכט הירזשענדיק אַ מיליטערישער אין רוסיש.

— איך גיי... אָט שפּאַצירן... און פון וואַנען קענסטו אַזוי רוסיש, אַז דו ביסט אַ דייטש — מאַכט זיך אַנושקאַ תמעוואַטע.

— די קליידער זיינען בלויז דייטשע, אָבער איך בין אַ רוס.

— דו אַ רוס? סט'געפונען פון וועמען צו לאַכן?

ער האָט צוגערופן זיינע עטלעכע חברים, וואָס זיינען געגאַנגען פאַר־אוים, פאַר אים.

— זי וויל דאָך בשום אופן נישט גלויבן, אַז מיר זיינען רוסן. נו, חברה, זאָגט איר עפּעס...

און אַנושקאַ לאַכט ווייטער. די קאַוואַלערן קוועטשן מיט די פּלייצעס:
— וואָס איז דער געלעכטער?

— וואָס איז דער געלעכטער? — גלאָצט אוים אַנושקאַ — קען מען דען נישט פּלאַצן פאַר געלעכטער, ווען איר זאָגט, אַז איר זייט רוסן...

— יעי באָהו רוסן, — רופן זיך אַלע אָפּ — עכטע רוסן... אַז מיר קענען גאָר קיין דייטש נישט.

— ס'קען נישט זיין, איר זאָלט זיין פון רוסן... קיין איינער וועט אייך נישט וועלן גלויבן.

— פאַרוואָס? — בלייבן זיי פאַרוווּנדערט.

— פאַרוואָס? — און נאָך אַ ווײַלע טראַכטנדיק דערקלערט זי אונ־טערשטרייכנדיק יעדן וואָרט — דערפאַר ווייל איר, וועלכע זאָגט, אַז איר זייט רוסן, גייט קעמפן קעגן אייערע ברידער.

די מיליטער־לייט זיינען געבליבן געפּלעפּטע.

— איז וואָס זיינען מיר? — האָט ווער נישט־ווילנדיק זיך ארויס־געכאַפּט.

— מערדער זייט איר, פאַררעטער!

אַנושקאַ האָט אַרויסגעזאָגט אַ שרעקלעך וואָרט, ווי אַ דונער האָט עם זיי געטראָפן.

די וועלט האָט זיך אַ קער געטאָן איבער זיי.

:: :: ::

אַ סענסאַציע. אין שטעטל רעדט מען און מען סודעט זיך, מען וויל זיך נישט גלויבן. מאָדנע קלאַנגען. קען דאָס זיין? מען זעט מער נישט דאָס נייע געקומענע מיליטער. מיטאַמאָל געקומען, מיטאַמאָל פאַרשוואונדן.

וואָס זאָל דאָס זיין? די קלאַנגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיקע: אויפן וועג נאָענט צו טשערעמשיצע האָבן געוואַרט עטלעכע פּאַרטי־זאַנער פון דער וואָראָשילאָוו־בריגאַדע. זיי זיינען געלעגן פאַרטייעט אין קוסטעס און געוואַרט.

— דער טייוול וייס, זאָלן זיי אַמאָל נישט אונטערפירן. — רופט אויס קאָליע.

— שווער צו גלויבן. — רופט זיך אָפּ אַ צווייטער.

— ששש... מען גייט.

איבער זאַמדיקן וועג האָבן זיך געצויגן צענדליקער מיליטעריש באַוואָפנטע מענער אין דייטשישע קליידונג. און ווען נישט די אַנושקאַ, וועלכע קאָליע האָט שוין פון וייטן דערקענט, ווער וייס וואָס ס'וואָלט געקענט געשען. פון די צוויי ראָטעס, וועלכע זיינען געקומען אין שטעטל, איז דערוייל איינע בלויז געקומען אַהער אין וואַלד, צו די פּאַרטיזאַנער. מיט טרערן אין די אויגן האָבן די נייגעקומענע געהויבן אין דער לופטן די פּאַרטיזאַנער־דעלעגאַציע. העכער פון אַלע האָט געפלאַטערט זייער רעטע־רין — אנא לאָווסקאָווסקא.

## .4

דער קאָשיק איז געווען אַ באַלאָדענער מיט ליטעראַטור. ס'איז דאָרט געווען דער לעצטער נומער פון דער פּאַרטיזאַנער־צייטונג און אַן אויפ־רוף צו די סאָלדאַטן.

אַ שווערער קאָש, אָבער אַ וויכטיקער.

פון אויבן באַדעקט מיט היי, אַזוי ווי דאָ וואָלט געלעגן אייער, גייט אַנושקאַ איבער די כוטאָרן און דערפער און מאַכט באַקאַנט די פויערים וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, וואָס פאַראַ סכנות עס דראָט זיי.

אַנושקאַ שרעקט זיך פאַר קיין זאַך נישט. גייט אַריין אין אַ שטעטל, אַרויף אויפן מאַרק, שטעקט אַריין אין די וועגענער ליטעראַטור און רופט זיך אָפּ צו די פויערים: — לייענט איבער און גיט עס דערנאָך איבער אַנדערע. — גייט אריין אין דער גמינע, א סך פויערים זיינען דאָ פאראן.

הענגט זי אויף אויפן מעלדונגס־ברעט אַן אויפרוף, אַ צוווייטן. די פּויערים באַפאַלן:

— וואָס זיינען דאָס פאַר נייע צעטלען? — אַנושקאַ איז שוין נישטאָ.

ביים דאָרף שאולאסקע געשעט עפּעס. דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דאָס דאָרף. ס'האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַן אָפיציר און אָנשפּיזנדיק די אויגן אויפן קאָשיק, אַ געשריי געטאָן:

— שפּעק, אייער?

אַנושקאַ האָט זיך נישט פאַרלאָרן. קאַלטבלוטיק האָט זי דערפאַנגען די לאַגע, און וועלכער זי געפינט זיך און אַ שמייכל געטאָן:

— ווילן זיי שפּעק? קומען זיי הער אָפיציר. — זי האָט אים אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם. דעם אָפיציר איז וואַרעם געוואָרן אין די גלידער פון דעם דרייסטן מיידל. זי האַלט אים פעסט און זיכער אין אירע פינ־גער. און ער גייט, דער אָפיציר, קוקט אויף איר און לאַכט נאַריש.

— ביסט אַן אמתע מלחמה־מיידל, דרייסט און ענערגיש. דערצו אַ שיינע. קום צו אונדז. — ער כאַפּט דעם קאָשיק פון איר.

— אָט אַ דזשענטלמאַן, — לאַכט זי.

— דייטשן, — באַנאַרישט ער זיך — זיינען אַלע דזשענטלמענער.

— נו געוויס, — זאָגט זי זיכער — אַלע זאָגן עס...

ער שפּאַצירט מיט איר און קוועלט. פילט זיך אפילו אָפּסאַלומירן די דייטשע סאָלדאַטן וואָס נעמען אַרום דעם דאָרף.

זיי האָבן אָפּגערעדט: דינסטיק פינקטלעך 8 אַזייגער אין אָוונט, ביים פאַרקאַן, נעבן קלויסטער.

:: :: ::

דער פּריץ האָט זיך אַרומגעדרייט און דענערווירט. זיך אָנגעשפּאַרט אַן פאַרקאַן און געקוקט אויפן זייגער:

— שוין 15 נאָך 8 און זי איז נאָך אַלץ נישטאָ.

פון דער הויפּט־גאַס איז אָנגעלאָפן אַ מיידעלע, צוגעגאַנגען צום אָפיציר:

— פאַר אייך אַ בריוול, — האָט זי אים אַרײַנגעשטעקט אַ צעטעלע און אַוועק.

דער אָפיציר האָט אויפגעוויקלט אַ גרויסן געדרוקטן פּאַפּיר, וווּ ס'איז איבער דעם געווען אָנגעשריבן: „דו וואַרטסט, מיין ליבער פריץ. וואַרט. לייען דערווייל, ביז איך וועל קומען, דעם ווייטערדיקן טעקסט". און גלייך מיטן קליינעם פעטיט־שריפט האָט ער אויסגעלייענט: „אַ טויט די דייטשע אָקופּאַנטן!".

.5

ביי ווילנע קען מען קריגן געוועהר. די אויפגאַבע וואָס דער קאָמאַנדיר האָט איר פאַרגעבן, איז אַרויסצובאַקומען פון דאָרט געווער פאַרן אָטריאַד.

זוכט זי אויף איר שול־קאָלעגע, דעם ליטווישן גאַרניזאָן־אָפיציר קאַפּאָטיס אין שטעטל פאָדבראָדז און זאָגט אים פראָסט און פשוט:

— הער, יולעק, איך ווייס, אַז דו ביסט אַן אָפיציר, איך שטעל זיך אָבער נישט פאָר, דו זאָלסט דינען די דייטשן מיטן גאַנצן האַרצן.

קאַפּאָטיס שטעלט אויס אויף איר אַ פּאָר גרויע, טויטע אויגן.

— דו קוקסט אויף מיר, ווי וואַג איך דאָס צו רעדן אַזוי צו דיר, — זאָגט זי ווייטער — איז הער זיך איין, יולעק. איך קען דיך און דעריבער בין איך צו דיר טאַקע געקומען. איך דאַרף האָבן געוועהר.

קאַפּאָטיס האָט מיטאַמאָל דערשפּירט אַ דרך־ארץ צו דער דרייסטער שול־חברטע זיינער. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז נאָך אין שול האָבן די קלאַסן־דערציער געהאַט פון איר צרות.

— איך וועל דיר געבן געוועהר און דערנאָך וועסטו מיט דעם מיך שיסן. — האָט ער זיך צעלאַכט.

— נו שטעל זיך פאָר, יולעק, אַז ס'זיינען פאַראַן נאָך גרעסערע סוואָלאָטשעס אין וועמען צו שיסן ווי דו.

— נו, אנושקא, דערלויבסט זיך אַ ביסעלע שוין צופיל... ווייסט דאָך,

אַז שפּאַסן זיינען נישט אַלעמאָל... — ער האָט זיך פאַרטראַכט — אָבער אַז אָנדענק פון מיר קריגסטו, צוויי ווינטאָוועקעס און ספּעציעל פאַר דיר מיין פאר... — ער האָט אַרויסגענומען גלייך דעם שפּיגל־ברוינעם קאַבור, פון וואַנען ס'האָט אַרויסגעקוקט דער גלאַנציקער פּאַראַבעלום — נעם און שיס... כ'וועל דיר זאָגן, ווו איך וועל די ווינטאָוועקעס אַוועקלייגן, און ווער גלייך נישט, ווייל אין א שעה אַרום דאַרף אָנקומען אין שטעטל אַן עשאַלאָן דייטשע מיליטער און דאן וועט שוין זיין שווער ארויסצוגיין פון דאַנען.

:: :: ::

אין אַ שעה מיט אַ פערטל אַרום קלינגט מען צו קאַפּאָטיסן, ער זאַל ש ו י ן נעמען זיין מיליטער צו דער באַן־סטאַציע, ווו ס'איז צעדרוזגעט געוואָרן אַן עשאַלאָן מיט מיליטער. קאַפּאָטיס האָט אַוועקגעלייגט די טרייבל און פאַרטראַכטנדיק אַרויסגערעדט צו זיך:

— אָט אַ באַנדיטקע... ווי מען האָט דאָס געדאַרפט פאָרזיכטיק זיין מיט איר. כ'האָב דוכט זיך אַזוי פאַרבייגייענדיק דערמאָנט וועגן עשאַ־לאָן... זי אָבער האָט אים שוין צורעכט געמאַכט.

.6

אין לאפּענקאָ האָט מען זי אונטערגעמסרט. דער דריילינג האָט נאָך קוים באוויזן ארויסצוגיין פון שטעטל, ערשט פון ווייטן האָט שוין אנושקא דערשנאפּט דעם ריח און זשום פון מערדער.

זיי האָבן זיך באוויזן בלויז אריינצוקערעווען אין נידעריקע קוסטעס. די דייטשן האָבן זיי ארומגערינגלט און אנגעהויבן פייערן.

אנושקא איז דער קאָמאנדיר. שווייגט זי. צוויי פּאָר אויגן פון אירע חברים האָבן זיך אנגעהאָנגען אויף איר און געווארט אויף באפעלן.

וואָס טראכט איצט די חברטע קאָמאנדיר?

— זיי וועלן אונדז נישט נעמען די באנדיטן — דער געדאנק איז איר א פארשטענדלעכער. אויך א י צ ט זעט זי פאר זיך די שפּיציקע אונטערגעשטרייכטע אותיות וואָס פליען ווי רייטער פּאָראוים אויף איר יעדער גאנג: „א טויט די דייטשע פארכאפּער!"

— אנושקא, אנושקא... פאָדערן זיי... געדענק די אויסגעשאָכטענע.

און אנושקא טוט א ווונק אויף לינקס, א ווונק אויף רעכטס. ס'הייסט „חברה זייט גרייט!" און א צילעווע מיטן אויטאָמאט, האָט זי א זעץ געטאָן „פייער"!

אנושקא איז פון שטענדיק א געלאסענע, א קאלטבלוטיקע. איצט האָט זי זיך פונאנדערגעקאָכט:

— שלאָגט, ברידערלעך, שלאָגט, טרעפט אין ציל!

און זיי שניידן די דריי, אין די דייטשן, ווי שניטער די זאנגען אין פעלד.

די קייט ווערט צעריסן אויף רינגעלעך, צעבראָכן. אנושקא און בײ אירע זייטן די צוויי חברים זייען חורבן אין די רייען פון שונא און פרייד און גליק אין אייגן הארץ.

:: :: ::

דער גערעטעוועטער פּאָליציי־קאָמענדאנט האָט זיך שפּעטער פאר־ענטפערט אין שטאב:

— מיר זיינען געווען צוויי און דרייסיק מאַן, די אַנושקאַ האָט צו זיך געהאַט... הונדערט פופציק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און שטענדיק ווען איך זע די שטאָלצע פיגור סאָניעס, אָדער ווי אין פּאַרטיזאַנקע האָט זי געהייסן, אַנושקע, איר קאָפּטיכל וואָס גיסט זיך צונויף מיטן הימלבלאָ, דער אויטאָמאַט וואָס ליגט אַזוי צוגעפּאַסט צו איר פּלייצע, דער טעמע ביים זייט — דערמאָנט זיך מיר דאָס ליד: „דאָס מיידל אין די זעלנערישע שטיוול". איך זע פאַר זיך דאַן די העל־דין פון אַ ראָמאַן, צי פון אַ פּאָעמע אויף דער וואָר.

נאראָטשער וועלדער, אָטריאד „פארכאָמענקאָ", 28סטער אפּריל 1944.

# ווייס געווער

די אנפירער פון ווילנער געשטאַפּאָ בראש מיט ווייס, קיטעל, נייגעבוירן, פאָלהאַבער ברעכן זיך דעם קאָפּ:

— ווו געפינט מען די געהיימע דרוקעריי אין שטאָט, וואָס לאָזט אַרויס אַלע ווילע אַנטי=היטלעריסטישע צייטונגען, אויפרופן אין פּויליש, ליטוויש, רוסיש און דייטש?

זיי וואָלטן מיט גאָלד פאַרשאָטן דעם יעניקן, וואָס וואָלט זיי כאָטש אָנגעוויזן די שפּורן וואָס זאָלן פירן צו דער דרוקעריי, אָדער צו די וועלכע פירן אָן מיט דעם. אָבער אַפילו די פאַרשפּרייטער איז אוממעגלעך צו כאַפּן. גייסט אַרויס פאַרטאָג אין גאַס און דו זעסט די מויערן פאַרקלעפּט מיט אויפרופן, מען זאָל נישט פאָרן אויף קאַטאָרגע אין דייטשלאַנד און זיך אויסבאַהאַלטן, מען זאָל זיך נישט לאָזן מאָביליזירן אין דער אַרמיי, אַ רוף צו די דייטשע סאָלדאַטן, אַ רוף צו די אַרבעטער לאַנגזאַמער אַרבעטן און צו סאַבאָטירן. אָפט טרעפט, אַז ווייס דערזעט אַפילו אַזאַ אויפרוף ביי זיך אויפן טיר, אויף דער קאַשטאַן=גאַס, און נישט נאָר אויף די ווענט, אָפטמאָל ברענגען אָפיצירן אין געשטאַפּאָ אַזעלכע אויפרופן און דערציילן, אַז דאָס האָבן זיי געפונען ביי זייערע סאָלדאַטן אין די קעשענעס.

עס העלפט נישט דער טעראָר. ס'העלפן נישט די פּלוצלינגדיקע רעוויזיעס אין די דרוקערייען און דאָס דראָען די דרוקעריי=אַרבעטער מיט תפיסה.

דאָס ווייסע געווער, ווי אַלע רופן אָן די אומלעגאַלע אַנטי=היטלע=



יידישע פאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „פארן זיג״ אין די רודניצקער פושטשעס.

ריסטישע אויסגאַבעס, טוט זיך דאָס איריקע. די היטלעריסטן־אַנפירער ברעכן זיך די קעפ:

— ווי כאַפּט מען זיי, די באַנדע?

:: :: ::

אין דער דרוקעריי „אַאושראַ״ אויף דער דאָמבראָווסקי גאַס נר. 3 (פריער געהערט צו דער באַרימטער ליטאָגראַפן און דרוקעריי־פירמע „מאַץ און זון״) שטייט אין אַ ווינקל פון דער גרויסער ליכטיקער זעצעריי־שטוב אַ יונגער נידעריטשקער בחור און וואַרפט פונאַנדער אותיות.

קוים וואָס מען זעט אים פון אונטער דעם הויכלעכן טיש אַרויס. אַ סך זיינען דאָ אין זאַל פאַראַן אַרבעטער. ער איז אָבער איינער אַליין. איינער איז ער וואָס טראָגט אויף זיינע קליידער די געלע לאַטע — דעם מגן־דוד. ער איז דער איינציקער ייד אין דער דרוקעריי. דאָס איז יצחק קאָוואַלסקי.

ער איז אַ גוטער פאַכמאַן (געווען אַ זעצער אויך ביים טאַטן אין דרו־

קעריי אויף ברייטע גאַס 39, ווּ ס'האָט זיך געדרוקט די טעגלעכע יידישע צייטונג „צייט") און די פוילישע אַרבעטער, דער פּאַרוואַלטער, פאַרלאָזן זיך אויף אים, אַז צו וואָס קאָוואַלסקי וועט זיך נעמען, וועט ער גוט און געווויסנהאַפט אויספירן.

לעצטנס האָט קאָוואַלסקי באַקומען פון פאַרוואַלטער די דערלויבעניש צו אַרבעטן ביים ראָזבאַר — ביים פונאַנדערסאָרטירן דעם אָפּגעדרוקטן זאַץ.

פאַרוואָס עפּעס גראָד ביי אָט דער גאָרנישט אינטערעסאַנטער אַרבעט?

קיינער האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט. יצחק האָט אָבער געוווּסט וואָס ער טוט.

קיינער ווייסט אויך נישט, אַז אנגעקומען אין דער דרוקעריי ארבעטן איז ער לויט אַ באַפעל פון זיין פאַרטיזאַנער אָטריאַד אין געטאָ.

די אויפגאַבע וואָס דער אָטריאַד-קאָמאַנדיר האָט אים געשטעלט איז געווען:

— איינשטעלן צוויי דרוקערייען, איינע אין שטאָט און איינע אין געטאָ. א הארבע, שווערע און געוואַלדיק וויכטיקע אויפגאַבע.

יצחק האָט בלויז אַ שלאָס געטאָן די פּיס אויף אַכטונג.

— צום באַפעל! — הייסט עס און איז אַוועק אַרבעטן.

יעדן טאָג האָט ער אָפּגעלייגט אַ פּעקל אין דער זייט און פאַרן ענדיקן די אַרבעט עס אויפגעבונדן אַרום בויך און עס נאָך דער אַרבעט אַרויס-געטראָגן צו זיין פוילישן חבר יאַנעק (פּשעוואַלסקי), וואָס איז שוין לויט א פריער אָפּגערעדטן אָרט געשטאַנען אין א הויף און געוואַרט אויף אים, איבערצונעמען די סחורה.

יצחק און יאַנעק טרעפן זיך אַלע טאָג. אָפּטמאָל נאָך אַ צווייטן מאָל, מיטאָג צייט. יאַנעק קומט ווי אַ זייגער פּינקטלעך. די אַרבעט גייט אויס-געצייכנט, ווערט דורכגעפירט בליציק. יצחק קען דאָך נישט וואַרטן אַפילו קיין איבעריקע מינוט. יעדע סעקונדע קען דאָך צוגיין צו אים אַ פּאָלי-ציאַנט, אַ דייטש, סתם אַ סוואָלאָטש און אַ זאָג טאָן:

— יודע, וואָס טוסטו דאָ?

מען וואָלט אים דאַן אָפּגעפירט אין פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט, מען וואָלט ביי אים געפונען די שריפט און דאַן...

אַ שווידער צו קלערן וואָס דאַן וואָלט געווען.

איינמאָל האָט יצחק געמאַכט גאָר אַ גרויסן פּאַק. ער האָט זיך אָנ־געגומען מיט שליסלען, סטעגעס, אַ ראַם און שריפט. האָט אַ טייל צעלייגט אין די קעשענעס און דאָס איבעריקע אַרומגעבונדן אויפן בויך אונטער דער קורטקע. ער האָט זיך אַדורכגעשלייכט צווישן די אַרבעטער, אַריינגעשפּרונ־גען אין אַנטקעגנדיקן הויף, ווו יאַנעק האָט געדאַרפט קומען.

אָבער ווי אויף צו להכעיס איז יאַנעק דאָס מאָל נישטאָ.

קאָוואַלסקי דרייט זיך אַרום הין און הער. ס'איז קאָנטיק, אַז ער טראָגט עפּעס באַהאַלטן ביי זיך.

— וואָס טוט מען?

און אין דרוקעריי אַריינגיין צוריק איז נישט מעגלעך. דער דירעקטאָר שטייט אין טיר און קוקט יעדן אין די אויגן אַריין. מעסט אָפּ יעדן אַר־בעטער פון קאָפּ ביז די פיס.

שלעכט.

ס'בלייבט איבער צו גיין אין געטאָ מיט דעם, און זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין.

דערלעבט מיט מזל צו רודניצקער גאַס, אָט באַלד איז שוין ד'ער טויער. ערשט יידן זאָגן אָן:

— מורער שטייט ביים טויער!

ערגער ווי שלעכט.

— וואָס איך האָב דאַן געטראַכט, ווייס איך אַליין נישט. —דער־מאָנט זיך איצט קאָוואַלסקי — אָבער אַ שוויים האָט מיך אַרומגענומען אַרום גאַנצן קערפּער.

— וואָס טוט מען?

קיין וועג אויף צוריק איז נישטאָ.

יידן האָבן מורא איצט גיין אין געטאָ און פאַרלאַנגזאַמערן דעם טעמפּ פון גיין, אָדער קערן זיך צוריק דורך זייטיקע גאַסן. יצחק קען שוין צוריק נישט גיין. ביים טויער שטייט מורער און וואַרט אויף יידן.

מיטאַמאָל זיינען אָנגעגאַנגען עטלעכע פרויען און האָבן יצחקן פאַר־שפּרונגען דעם וועג. דער באַנדיט מורער טוט זיך אַ וואָרף אויף זיי.

יצחק נוצט אויס די סיטואַציע, שלייכט זיך אַריין ווייטער און אָטעמט ברייט אָפּ. ער איז שוין הינטערן טויער אין געטאָ.

— וויפל געזונט עס האָט אָפּגענומען ביי מיר די פּאָר שעה, — זאָגט קאָוואַלסקי — וועט דורך מיין גאַנץ לעבן מיר נישט צוקומען.

אויף מאָרגן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יאַנעק איז נישט געקומען דערפאַר, ווייל ער האָט חושד געווען, אַז מען שפּירט אים נאָך און גע־האַלטן דעריבער פאַר בעסער דאָס מאָל נישט צו קומען.

אַזוי האָבן די טראַנזאַקציעס אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן חודש צייט, טאָג טעגלעך. די אויפגאַבע איז אויסגעפילט געוואָרן. אין שטאָט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע נומערן פון פּוילישן „שטאַנדאַר וואָלנאָשצי" (פריי־הייטס־פאָן), זוויאָנזקאָוויעץ" (פאַרבאַנדלער) און אויפרופן.

געזעצט און אַרויסגעלאָזן האָבן עס יאַנעק און זיין פרוי וואַליע. זיי זיינען אָבער פון פאַך גאָר קיין זעצער נישט געווען. פלעגט יאַנעק אָנטאָן אַ געלע לאַטע, אַריינגיין אין געטאָ מיט אַ פאַרטיע יידן ווי אַ ייד און זיך לערנען ביי יצחק קאָוואַלסקי די מלאכה פון זעצן, דרוקן, און אַרומגיין אַרום פרעס.

אויף אַ ספּעציעלן יום־טוב לכבוד דער דערשיינונג פון די ערשטע נומערן האָט די אָנפירונג פון דער „פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַ־ניזאַציע" אין געטאָ (וויטנבערג, סאָניאַ מאַדייסקער, יוסף גלאַזמאַן, אַבע קאָוונער, כיענע באָראָווסקי, באָרים שערעשניעווסקי) געלויבט און גע־בענטשט דעם מוטיקן און דרייסטן פּאַרטיזאַן קאָוואַלסקי.

דאָס איז נאָך אָבער ביי קאָוואַלסקין בלויז אַן אנהויב.

די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע דאַרף האָבן געלט אויף צו קויפן גע־ווער, יצחק גיט א פאָרשלאַג, וואָס ווערט אנגענומען און דורך אים אויס־געפירט: נאָכצומאַכן שפּייז־קאַרטעס און דאָס פאַרקויפן אין שטאָט. אין קאַסע פון אָטריאַד פליסט אַריין 100 טויזנט רובל. עס קומען צו אין די געווער־לאַגערן א פּולעמיאָט, עטלעכע רעוואָלווערן און קוילן.

אין שטאָט כאַפּט די געשטאַפּאָ און פּאָליציי מענטשן און שיקט זיי אויף אַרבעט אין דייטשלאַנד. יעדער איינוווינער מוז האָבן ביי זיך א

לעגיטימאַציע פון אַרבעטס־אַמט אין פון אַרבעטס־אַמט, אַ נײַ רעגיסטרירטן דײַטשן פּאַס. עס דראָט, אַז די פּאַרטיזאַנער־אַנפירונג און די פּאַרטיי־אַנפירונג פון שטאָט זאָל אַזוי אַרום ליקווידירט ווערן.

יצחק העלפט אַרויס. ראַטעוועט די סיטואַציע. מיר געפינען אים שוין אין דער שטעמפּל־אָפּטיילונג פון דער דרוקערײַ. ער מאַכט שטעמפּלען פאַר אַלע ווילנער און פּראָווינצער רעגירונגס־אינסטיטוציעס. יצחק מאַכט גלייך פון יעדן מין צו צוויי שטעמפּלען. איינעם פאַרן באַשטעלער, דעם צווייטן פאַר זײַן אָרגאַניזאַציע. אַזוי אַרום האָט דער שטאַב פון אָטריאַד די שטעמפּלען פון געשטאַפּאָ, עס־דע, אַרבעטס־אַמט.

אויך די געהעריק געדרוקטע בלאַנקען ברענגט קאָוואַלסקי. איצט האָט שוין יאַנעק נישט וואָס מורא צו האָבן. ער גייט זיך פרײַ איבערן שטאָט — אַלע נויטיקע דאָקומענטן אין פּאַלאַרעס. און, אַז מען דאַרף, פאָרט ער מיט יצחקס הילף אין באַן אין יעדן באַליביקן אָרט. אויך סאָניע מאַדייסקער, וויטקע קעמפּנער גייען אויף די אַרישע דאָקומענטן אין שטאָט, דורכפירן זייערע וויכטיקע קאַמפּס־אויפגאַבעס.

אָנהויב סעפּטעמבער 1943 לייגט אים פאָר דער פּאַרטיזאַנער־שטאַב פון געטאָ אַרויסצוגיין אויף שטענדיק אין שטאָט, כדי זיך צו פאַרנעמען מיט דער דאָרטיקער דרוקערײַ. די געפאַר איז גאָר אַ גרויסע, קאָוואַלסקי אָבער ספקט נישט אפילו אַ מינוט.

מיטוואָך דאַרף ער זיך שוין געזעגענען מיטן געטאָ און מיט אַ טאָג פריער רינגלט די געשטאַפּאָ די געטאָ אַרום.

יצחק קען נישט נאָר קעמפן מיט ווייסע געווער, זיינע הענט האַלטן פעסט דעם 14 קויליקן בעלגישן פּיסטאָלעט. ער טוט קיין שיִער מיטן אויג נישט, ווען געשטאַפּאָ באַווײַזט זיך פאַר די פענצטער אויף סטראַשונא גאַס 12, וווּ זײַן פאַרטיידיקונגס־פּונקט געפינט זיך. ער צילט אין זיי און שיסט.

אין עטלעכע טעג אַרום (דעם 24סטן סעפּטעמבער) טרעט אָפּ דער פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד פון געטאָ אין וואַלד.

ש. קאטשערגינסקי

קאָוואַלסקי שלעפּט אויף זיך זיין ביקס מיט די קוילן...

עס הויבט זיך אָן א נייער קאַפּיטל: אויפשטעלן א דרוקעריי אין וואלד. א חלום פון פארטיזאנישן בריגאדע־קאָמאנדיר יורגיס (זימאן), וואָס יצחק דארף לויטן באפעל פארווירקלעכן.

אין א פּאָר מאָנאטן ארום ווערט די אויפגאבע דורכגעפירט.

דער ווילנער יידישער פּארטיזאן קאָוואלסקי דרוקט די ליטווישע צייטונג „קאָוואָ" (קאמף), די פּוילישע „זא וואָלנאָשטש" (פאר פרייהייט), — אויפרופן אין ליטוויש, פּויליש און דייטש. יצחק גייט זעלטן אוי= אויפגאבעם (אויף איין אויפגאבע איז ער פארוווּנדעט געוואָרן). אָבער זיין געווער, די צייטונגען און אויפרופן, וואָס ער לאָזט פון זיינע הענט ארויס, דערגרייכן אין די סאמע פארוואָרפנסטע ווינקעלעך פון ליטעלאנד, אין די סאמע אויבנס פון די דייטשע סאָלדאטן און אָפיצירן, פּאָליציי און באַאַמטע.

די ווירקונג פון פּארטיזאנישע אויפרופן איז א קאָלאָסאלע. ס'גייט דורך פון האנט צו האנט, פון קעשענע צו קעשענע. דאָרט ווו קיין היים געווער קען נישט דערגרייכן, קען ווייניק וואָס אויפטאָן, טוט אויף דאָס ווייסע געווער, דאָס געווער פון יידישן פּארטיזאן יצחק קאָוואלסקי.

ווילנע, 12טער אָקטאָבער 1944.

# „שמשונען אָפּשערן די האָר“

אין די שמאָלע געטאָ־געסלעך איז שוין נאכט; דער פּאָליציי־סיגנאַל האָט שוין לאנג אנגעזאָגט די איינוווינער, אז מ ע ר טאָר זיך שוין היינט קיינער אויפן גאס נישט באווייזן.

חיים ווייזט דעם פּאָליציאנט, אז ער האָט א רוף־צעטל פון פּאָליציי־קאָמענדאנט — פון דעסלערן.

„צו וואָס דארף ער מיך האָבן, קען זיך נישט דערטראכטן חיים, און אזוי שפּעט ביינאכט?“

אין ווארטצימער האָט דער פּאָליציאנט פארמאָלדן דעסלערן, אז לאַזאר איז געקומען...

— אהא, זאָל ער אריינגיין! —

בלויז אויפן שרייבטיש האָט זיך צעגאָסן דער מאטער שיין פון לאָמפּ; אין צימער איז געווען פינצטער.

— איר ווילט אומברענגען די יידן אין געטאָ...

חיים איז געבליבן געפּלעפט, הערנדיק פון דעסלערן די ווערטער.

— ווער? איך?

— יאָ, איר! — גיט זיך א שטעל אויף דעסלער — איר, איר מיט אייערע חברים.

— וועלכע חברים? — רופט אוים לאזאר, זיך שוין אנשטויסנדיק, וועמען דער פּאָליציי־קאָמענדאנט מיינט דאָ.

— איר ווייסט שוין גאנץ גוט ווער. — און ארומדרייענדיק זיך עטלעכע מאָל ארום צימער, האָט זיין שווערער קערפּער זיך צעקרעכצט

אויפן ברעג טיש — איר זייט דאָך נישט קיין קאָמוניסט, — האָט דעם־לער געפּרוווט רעדן צערטלעכער, — טאָ וואָס האָט איר צו טאָן מיט דער באנדע? זאָגט מיר, אין אייערע אינטערעסן און אין די אינטערעסן פון אלע יידן אין געטאָ, ווער זיינען דאָס די, וועלכע שמוגלען אריין געווער אין געטאָ, ווער זיינען עס די, וואָס גרייטן זיך צו א ווידערשטאנד אין געטאָ? ווער זיינען דאָס די, וועלכע שיקן יידן אין וואלד מיט געווער? ווער זיינען...

— הער קאָמענדאנט, איר האָט א טעות — האקט איבער לאזאר — איך האָב קיין שום אנונג נישט וועגן קיין זאך און...

דעסלער האָט אראָפּגעלאָזן זיין פעסטן, פעטן קולאק לאזארן אין פּנים.

— אָט האָסטו „איך ווייס קיין זאך נישט".

דער קאָמענדאנט האָט זיך אנגעצונדן אין פורפור, די אויגעלעך זיינען געלאָפן אין די שמאלציקע שיידן. ער האָט אים געשלאָגן דורכאויס אין האנט און געשריען: איך וועל דיר א האנט אויסהאקן, דאן וועסטו האָבן צו געדענקען מיך און אלעמען...

לאזאר האָט קיין איין וואָרט נישט געזאָגט, קיין איין קרעכץ נישט ארויסגעלאָזן. דאָס האָט נאָכמער צערייצט דעסלערן:

— איך מוז איינמאָל פאר אלע מאָל שמשונען אָפּשערן די האָר!

— האָט ער גערעוועט, איבערגעבנדיק דעם צעשלאָגענעם לאזארן דער פּאָליציי־וואך.

לאזאר איז אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן אין בעט און כאָטש דער דאָק־טאָר האָט אים נאָך נישט דערלויבט צו באוועגן מיט דער האנט, איז שוין לאזאר געווען אין גאס און אין משך פון א קורצער צייט געבראכט פארן אַטריאד אין געטאָ אכצן רעוואָלווערן און קוילן.

לאזאר האָט זיך אויסגעצייכנט ווי א גרופּן־קאָמאנדיר און אינס־טרוקטאָר. די ניי־ווערבירטע קעמפער פון עלפטן אָפּטייל (צווייטער באַ־טאליאָן) האָבן זיך גיך אויסגעלערנט פון זייער געווער־לערער אויפשטעלן, פאנאנדערנעמען און שיסן פון אלע מינים געווער.

דעסלער רוט אָבער נישט איין. זומער 1943 הייסט ער ארעסטירן א גרופּע פּארטיזאנער און ארייננזעצן זיי אין דער געטאָ־טורמע אויף לידסקע.

ס'ווערט מאָביליזירט דער גאַנצער אָטריאַד, די גאַנצע באַפעלקערונג. די פּאָליציי־מאַכט איז געצווונגען די פּאַרטיזאַנער ארויסצולאָזן. חיים לאַזאַר איז צווישן זיי.

ס'גיט זיך נישט איין דעסלערן דער פּרווו ארויסצושיקן לאַזארן אין אן ארבעטס־לאַגער.

נאָכדעם ווי אין געטאָ איז העלדיש צום טויט אוועק דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר איציק וויטנבערג, האָט דער שטאַב ארויסגעשיקט א גרופּע פון 20 מאַן (אויפן נאָמען פון זייער אומגעקומענעם קאָמאַנדיר) צו די נאַראָטשער וועלדער. ביים לאַווארישקער בריק (צוואַנציק קילאָמעטער פון ווילנע) זיינען זיי ארויפגעפאַלן אויף א פיינטלעכע לויערונג. די גרופּע האָט זיך דאַן געפונען איבער א בריק, און כאָטש ס'האָט זיך אויסגע־דוכט, אז אלע קומען אום פון שונאס קוילן, אָדער דאַרפן זיך אין טייך ארייננווארפן, האָבן די קעמפער אויפגענומען דעם נישט גלייכן קאַמף, צעשטעלט אויפן בריק די 2 פּולעמיאָטן און מיט דעם איבעריקן געווער צעעפנט אויפן שונא אין זיינע באהעלטענישן, אין די קוסטעס — א פייער.

דער שונא האָט זיין הוראגאַן פארשטאַרקט. עס פאַלן טויט: איזע מאַצקעוויטש, די ברידער גאָרדאָן, ראָזע שערעשניעווסקי. אָבער בלויז דורך דעם האַרטנעקיקן אויסדויער פון די קעמפער און חיימס פּולעמיאָט — געלינגט די איבעריקע פון דער פיינטלעכער לויערונג זיך צו באפרייען.

זיי קומען נאָך א צען מאָגיקן פיין־וועג אין די נאַראָטשער וועלדער, פון וואַנען זיי דערגרייכן נאָכדעם, דורכמאַכנדיק א 200 קילאָמעטער וועג, אין די רודניצקער פּושטשעס.

די יידישע פּאַרטיזאַנער ווערן דער קערן פון דער פּאַרטיזאַנער־באוועגונג אין ליטע גופא. ביז דאַן האָט קיינער נישט געוואַגט אזוי נאָענט זיך צו געפינען לעבן די גרעניצן פון פיינט. די גרופּע הויבט אָן דעם קאַמף פאר באפרייען פון שונא דעם וואַלד, די וועגן און שאָסייען, וואָס פירן ארום.

חיים ווערט גרופּנקאָמאַנדיר און קעמפט אומברחמנותדיק, נעמט אנ־טייל אין פארברענען צוויי מיליטעריש־סטראַטעגישע בריקן אויפן שאָסיי

ווילנע-גראָדנע. אין א לויערונג אויף דייטשן, פארניכטעט זיין גרופּע דעם שונאס אָן אָפּטיילונג, וועלכע לאָזט איבער אויפן פעלד 3 סאָלדאטן און 3 אָפיצירן מיט 15 פארוווּנדעטע.

אונטער זיין קאָמאנדע ווערן פארברענט 2 בריקן ביים דאָרף זאַגאָרין! אויסערדעם וואָס אים איז איבערגעגעבן געוואָרן אויך אין וואלד



חיים לאזאר נאכן פארלאָזן דעם שפּיטאָל.

די אויפגאבע צו לערנען פרישע קעמפער ווי זיך צו באגיין מיט געווער, ווערט ער, ווי א געניטער מיליטערישער טעכניקער באשטימט ווי אן אנפירער פון אן אויפרייס-גרופּע, וואָס לאָזט אראָפּ אין א קורצע צייט 3 עשאלאָנען.

ביים אראָפּלאָזן דעם פערטן עשאלאָן געשעט מיט אים אן אומגליקספאַל: צוליב דער לאַנגזאַמער מאַנעווּרירונג פון איינעם פון די קעמפער, רייסט זיך אויף דער ברענער פון טאָל און רייסט אראָפּ זיין רעכטע האַנט.

דער העלדישער אַנפירער פאַרבינדט גיך זיך אליין די בלוטיקע האַנט, און ערשט ווען דער פערטער עשאלאָן ווערט אראָפּגעלאָזן, ווערט לאַזאַר געבראַכט קוים א לעבעדיקער אין שפּיטאָל אויף דער פאַרטיזאַנער-באַזע.

דער פאַררעטער דעסלער האָט חיימען געשלאָגן אין דער לינקער האַנט, אין קאַמף קעגן שונא, דעם דייטש, האָט דער קעמפער פאַרלאָרן די רעכטע.

חיים רוט נישט איין, ער קען נישט ליידן די שטילקייט. שרייבט ער צו זיין חברטע אין א צווייטן אָטריאַד:

„טייערע חיהלע מיינע! ס'איז מיר דאָ אומעטיק, כאָטש יעדער ווייזט ארויס צו מיר די גרעסטע זאָרגן און ליבע. דאָ איז שטיל, און דאָס קען איך נישט פאַרטראָגן. איך מוז צוריקגיין און קעמפן. און אויב דער קאָמאַנדיר וועט מיר נישט דערלויבן, וועל איך פאָדערן ביים קאָמבריג. זעסט מיין שריפט? פּינקטלעך ווי איך פלעג שרייבן צו דיר פריער, אויך דער אויטאָמאַט (היט און רייניק אים!) וועט אין דער לינקער האַנט ארבעטן ווי אין דער רעכטער... געדענקסט וואָס דעסלער האָט געזאָגט? אָבער פון אָפּשערן שמשונען די האָר בין איך אויך *דאָסמאָל* שוואַכער *נישט* געוואָרן. אמת, ס'וועט אפשר זיין שווערער מיר צו קעמפן, אָבער איך פאַרזיכער דיר, מיין טייערע, די לינקע האַנט וועט פון איצט אָן ארבעטן אויך פאַר דער רעכטער...“

ווילנע, יולי 1944.

# ווענן פינף העלדן

די אויפגאבע, וואָס די גרופּע האָט געהאַט דורכצופירן, איז געווען: ארויסרייסן פון שונאס הענט וואָס מער מענטשן, ווערבירן זיי אין די פּארטיזאנער־מחנות, נישט דערלאָזן דעם שונא פארניכטן די באפעלקערונג.

פינף זיינען זיי געווען: דער קאָמאנדיר פון דער גרופּע שאפּקין, דער סעקרעטאר פּולעמיאָטשיק סעגאל, צווייטער נומער פון פּולעמיאָטשיק מיראָשניטשענקאָ און די קעמפער גוטקין און שערמאן. אלע יאטן איינע אין איינע. דאָס שיינדל פון דעם „פּארכאמענקאָ"־אָטריאד.

דער וועג איז נישט געווען קיין לייכטער. דער שונא ליגט אין באַהעלטעניש און וואַרט אויף פּעטן רויב — אויף פּארטיזאנער. דאָס פינפטל גייט דורך אלע שוועריקייטן אויסצופירן די אויפגאבע. יעדער ניי־ווערבירטער פילט זיך אָן מיט פרייד, מיט מוט און צו א נאָך גרעסערער אקטיוויטעט גליען זיי ווייטער אין וועג.

די ערשטע צען זיינען שוין דאָ און אָט גייט שוין דער צווייטער צענדליק.

„וואָס מער ראטעווען", גיט זיי ארויס א באפעל דער קאָמאנדיר. און אָט רייסן זיי ארויס פון שונא יונגע ארבעטער און קאמפּס־פּעאיקע פּויערים, ראטעווען זיי ארויס פון אומקום און ברענגען זיי אין וואלד.

— דער טויט — טענהט איין סעגאל צו די ניי־ווערבירטע — טרעפט אויך אָפט צו די פּארטיזאנער. אמת, פאלסטו אָבער אין קאמף, ווייסן דאן דיינע אייגענע, אז דיין טויט איז געווען נישט קיין אומזיסטער, אז דו ביסט געווען צווישן די, וועלכע האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן פאר דער באַ־

פרייאונג פון זייער פאָטערלאַנד. אָבער — און סעגאַל לאָזט אראָפּ פון טאָן — וואָס פארא ווערט וואָלט געהאַט אייער לעבן, ווען דעם טויט באַקומט איר דאָ, ווען דער שונא שיקט אייך אין קאַמף קעגן אייערע ברידער?

— ריכטיק, אוודאי ריכטיק רעדט ער, — רופן זיך אָפּ די פויערים איינער צום אַנדערן.

איינגעטלער איז שוין די אויפגאַבע, וואָס די אָטריאַד-קאָמאַנדאָ האָט אַרויסגעגעבן דער גרופּע, אויסגעפילט געוואָרן. אָבער שאַפּקין רוט נישט; סעגאַל דערמוטיקט און די איבעריקע שטימען איין — זיי ווילן ברענגען זייער אָטריאַד א מתנה: 50 נייע פּאַרטיזאַנער.

זיי זיינען אַרויף אויף א קרייץ-וועג, פון וואַנען ס'האָט אַרויסגעקוקט דער כוטער פּאָלעסיע. זיינען זיי אַריין אין שטיבל און א פרעג געטאָן דעם פויער דעם וועג:

— אָ, גאָט באַהיט, — צלמט זיך דער פויער — הייסט מיין נאָמען נישט וואַשקינים... איר טאָרט נישט גיין. דייטשן און ליטווינער זיינען אין דער געגנט, פירן דורך א מאָביליזאַציע, נעמען צו אַלט און יונג. מאַכן זאַסאַדעס... ווי גאָט איז אייך ליב — גלעטן זיינע רייד ווידער, — נעכטיקט ביי מיר איבער. וווּ ט'איר גיין? אירט דאָ צוביסן, א שנעפּסל מאַכן — און וואַשקינים האָט זיך כריפּנדיק צעלאַכט — נישט קשה, אויף סאַמאָגאָן איז קיין עין הרע הייאָר א גערעטעניש...

— ס'וועט גאָרנישט זיין, — זאָגט שאַפּקין האַרט — מיר גייען ווייטער. סעגאַל כאַפּט אונטער:

— גאָרנישט ווערט, חברה, מיר גייען!

— א ביסעלע — שמייכלט אַרויס גוטקין — וואָלט דאָ נישט געשאַדט, אפילו פאַרן גיין, חבר קאָמאַנדיר!

וואַשקינים האָט זיך איינגעזוויגן ווי א פּיאַווקע:

— איר'ט מיך און זיך אומגליקלעך מאַכן, געדענקט, זייט דאָ כאָטש ביז פאַרנאַכט, ביז וואַנען די היישעריקן וועלן אַריבערגיין...

שטום האָט זיך איבערגעקוקט שאַפּקין און סעגאַל, פאַרטראַכט גע-

ביסן די ליפּן און געשניטן די שטערנס אויף די ביקסן־לופעס.

זיי זיינען פאַרבליבן.

וואשקינים האָט זיך געפּאָרעט ארום די פּארטיזאנער. געסקריפּעט האָט די טיר, געגרילצט האָט זיין מויל:

— איר'ט מיר אייער גאנצן לעבן דאַרפן דאנקען, וואָס איר טאָגט ביי מיר קינדערלעך, אַט...

מיט דער פּלייצע צו דער טיר, זיינען זיי געזעסן פארטראַכטע און נישט באמערקט דעם שטילן אריינגאַנג פון א פרעמדן מענטש,ערשט ווען יענער איז צוריק ארויס, האָט שאפּקין זיך א כאַפּ געטאָן, צוגעלאָפן צו דער טיר און אויסגעשריען:

— שטיי! — און האָט זיך א כאַפּ געטאָן פארן אויטאָמאַט.

וואשקינים האָט זיך אים געשטעלט אין וועג:

— חבר קאָמאנדיר, דאָס איז דאָך מיינער א ברודער, איוואַן ניקי־טיטש.

— דיין ברודער זאָגסטו, טאָ וואָס איז ער אזוי ארויסגעלאָפן? -- פרעגט שערמאַן.

— ווו געלאָפן? לאַשטשעט זיך וואשקינים ווי א הונט, — איך האָב אים נאָר געגעבן די וואַרעם־פלאַש, דאָס ווייב זיינס גייט צו קינד.

די חברה האָבן זיך צעלאַכט און מיט די הענט אויף די פּלייצעס זיך צעשטעלט ארום פענצטער.

זיידענע שנייעלעך האָבן זיך ווי גילדענער שטויב געצאַפּלט אין פּאַס זוניקע ליכט און זיך צעלייגט אויפן סאמעטענעם שניי. פון נאָענטן האָט געפינקלט אין ברילאַנטן א וואַלדיקער ברעג.

— פּעטערל, וועלף זיינען דאָ אין די קאַנטן? — האָט שערמאַן א פרעג געטאָן.

— פרעגסט נאָך, — זאָגט אין מורא וואשקינים — אָט האָט דאָ נישט לאַנג א וואָלף א קינד צוגענומען פון דאָ נישט ווייט.

מיטאמאָל זיינען די חברה פארציטערט געוואָרן. א מחנה שאָטנדיקע סילוועטן האָבן זיך ארויסגעשלייכט פון וואַלד און זיך אין סאָלראַטן פאַר־ענדערט. נישט געגלויבט צוערשט, וואָס אויגן זעען, זיינען די פּאַרטיזאַנער

אָפּגעשפּרונגען. אין שטוב איז קיינער נישט געווען. שאַפּקין האָט אַ פּראָל אויף געטאָן די טיר מיטן שטיוול, אַ ציל געטאָן און אַרויסגעלאָזן אַן אויטאָמאַטן סעריע אין אַנטרינענדיקן באַלעבאָס, וואָס האָט זיך צעלייגט אויפן שניי ווי אַן אַראָפּגעוואָרפענע שטיק האָלץ.

שאַפּקין האָט אַ ברום געטאָן:

— דורך די פענצטער, חברים!

ס'האָט זיך דערהערט אַ בריאַזג פון גלאָז. דער קאָמאַנדיר האָט גע־געבן אַ באַפעל די פּאַרטיזאַנער אָפּצוטרעטן צום וואַלד, וואָס האָט זיך אין אַ שמאָלן פּאַסעק צעלייגט גאַנץ ווייט. דער פאַרראַט איז אָבער געווען אַ גוט צוגעגרייטער. נאָך די פּאַרטיזאַנער האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ הו־ראַגאַן קוילן.

עס טראָגן זיך די פּאַרטיזאַנער דורכן שונאס קוילנזיפּ און שיסן צוריק. צום וואַלד איז נאָך ווייט און צום אומגליק שניידט נאָך דעם וועג צו אים איבער אַ ריזלדיק טייכל. שטעלן זיך אָפּ די פּאַרטיזאַנער און באַשליסן אויפצונעמען אַ שלאַכט מיטן פילפאַך גרעסערן שונא, וועלכער האָט שוין באַוויזן צו מאַכן אַ רינג אַרום די קעמפער. דער קאָמאַנדיר באַפעלט די פּאַרטיזאַנער אויסשטעלן זיך אין אַ פּאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע און ענטפערן מיט פייער. דער פיינט זשאַלעוועט נישט קיין קוילן און פאַרשיט זיי מיט קאָכיקן בליי. די פינף קעמפער מוזן אָבער מיטן געווער זיין אויסגערעכנט: טרעפן דעם שונא, נישט דערלאָזן אים דערנענטערן זיך, נישט דערלאָזן, דאָס געווער זאָל אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט, נישט דערלאָזן, דער פיינט זאָל זיי אַריינגעמען לעבעדיקע אין געפאַנגענשאַפט און צולעצט, אויב ס'זאָל זיך איינגעבן — אַרויסרייסן זיך פון דער אַרומרינגלונג.

אַרויסרייסן זיך פון דער אַרומרינגלונג... די פּאַרטיזאַנער האָבן גע־ווּוּסט, אַז דאָס איז נישט מעגלעך.

פינף — און דער שונא מיט דרייסיק מערער. איין האַנט־פּולעמיאָט, איין אויטאָמאַט און דריי ביקסן. ביים שונא טעלעבע האַנט־פּולעמיאָטן, אויטאָמאַטן, ביקסן און אַ יאַמיקער זאַפּאַס פון קוילן.

די קעמפער האָבן געוווּסט, אַז דער קאַמף איז נישט קיין גלייכער, איז דער לעצטער, אָבער זיי האָבן דעם קאַמף ווירדיק אויפגענומען.

קאַלטבלוטיק צילט שאַפּקין פון אויטאָמאַט און לייגט אַוועק דעם קאָמאַנדיר פון שונאס רעכטן פליגל. דער קוילן־הוראַגאַן פאַרשטאַרקט זיך. דעם קאָמאַנדיר שרעקט עס נישט אָפּ, פאַרקערט, דער טויט פון סוואָלאָטש פאַרגרעסערט נאָך דעם מוט דעם קאַמף ווייטער צו פירן און אפשר, אפשר וועט זיך דאָך איינגעבן פון דער קייט אַרויסצורייסן. דער קאָמאַנדיר פּרוּווט דערקריכן נענטער, נענטער צום פיינט, „אָט פון יענעם קוסט, טראַכט ער זיך, וועט זיין בעסער דאָס צילן"... ער קריכט אויף אַלע פיר. שיסט אָפּ און ציט זיך ווייטער און האַרט ביים קוסט דערלאַנגט אים דעם שונאס קויל. שאַפּקין באַווייזט בלויז אַ געשריי צו טאָן:

— חברים, דעם אויטאָמאַט!...

נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן, ווער עס זאָל פאַרבייטן איצט דעם קאָמאַנדיר. גוטקין וואַרט נישט. דערקריכט אין גיהנום פון פייער צום טויטן קאָמאַנדיר, נעמט אַריין דעם אויטאָמאַט אין די פעסטע הענט און צווישן די צווייגן צעשיט זיך שערמאַנס געשריי:

— נקמה! נקמה פאַרן אומגעקומענעם קאָמאַנדיר!

גוטקין נעמט נקמה. איין ליטווינער און אָט נאָך איינער פאַלן פון זיין האַנט. ס'הייסט פון שאַפּקינס אויטאָמאַט. שטורעמדיק שיטן זיך די קוילן פון סעגאַלס פּולעמיאָט, מיראָשניטשענקאָ שטייט און וואַכנדיק ביי סעגאַלס זייט, שיסט ער צוזאַמען מיט שערמאַנען פון זייערע ביקסן אין פיינט אַריין און דערלאָזן אים נישט אויף אַ טראָט זיך דערנענטערן.

קוילן ווערן ווייניקער און דער פיינט ווייסט נישט פון קיין רחמים. דער פּולעמיאָט פאַרלאַנגזאַמערט שוין זיין פייער, סעגאַל קוקט זיך אַרום אין די זייטן, ווי זיינע אויגן וואָלטן געפאָדערט ביי וועמען: דערלאַנג נאָך עטלעכע דיסקן און ס'קען זיין, אַז די סיטואַציע וועט געראַטעוועט ווערן. קיינער אָבער טראָגט נישט צו קיין דיסקן, ס'באַגעגענען זיך זיינען בליקן מיט מיראָשניטשענקאָן און באַנעמענדיק די סיטואַציע, פאַרשווינדן זייערע בליקן ערגעץ אין אַנדערע ריכטונגען.

...די קויל האָט נישט געוווּסט ווו זי פליט, ווייל זי איז פאַרפלויגן צו סעגאַלן... אַ פאַרוווּנדעטער שלעפּט ער זיך מיטן פּולעמיאָט צום טייכל, קריכט מיט די לעצטע כוחות און אַריינוואַרפנדיק דעם פּולעמיאָט אין כוואַליקן פלוס, רופט ער אויס:

— נאָר נישט צו די סוואָלאָ... — און פאַרענדיקט נישט. עס ווערט פאַרוואונדעט גוטקין, ער געדענקט אָבער דעם קאָמאַנדירס באַפעל „דעם אויטאָמאַט", דערקריכט ער צוריק צום טייכל, ווארפט אריין דעם דיסק אהין, ווערט געטראָפן מיטאמאָל פון נאָך צוויי קוילן און... עס בלייבן צוויי... שערמאַן און מיראָשניטשענקאָ. דער שונא פילט, אז ער האָט נישט מער ווי צוויי קעגנער קעגן זיך!

— לעבעדיקע זיי נעמען! — קומט פון שונא דער באַפעל.

מיראָשניטשענקאָ און שערמאַן — הערן נישט דעם שונאס פאַרזאָג, פאַרשטייען אָבער זיין מיין און באַשליסן דעריבער עפּעס אנדערש. זיי פאַרקלייבן זיך אין איין־קאַלטן קוועקזילבערדיקן טייכל, שיסן זיך אָפּ פון זייערע ביקסן, לאָזן זיך אראָפּ פון צייט צו צייט ביזן האַלדז אין וואסער, קיין קויל זאָל נישט טרעפן, טויכן ווידער אויף. שערמאַן איז גליקלעך, עס פאַלט פון זיין ביקס נאָך איין סוואָלאָטש...

לאַנג אָבער קעגן דער ארומרינגלונג, וואָס ווערט אַלץ ענגער, קענען זיך די צוויי העלדן נישט האַלטן. פויערים ציען אויף מאָרגן ארויס גוטקינען און שערמאַנען פון טייכל, נישט געווען אויף זיי קיין שום צייכן פון וווּנדן. האָבן אויסגעשאָסן זייערע לעצטע קוילן און זיך געזעגנט מיט דער וועלט...

די פּאָליציי האָט אויסגעטאָן די בגדים פון די געפאַלענע, און די קערפּערס צונויפגעבונדן מיט א שטריק צו פערד, וועלכע האָבן זיי איבער דער ערד געשלעפּט, ביז צום גרוב. די פויערים האָט מען געהייסן דעם גרוב פאַרשיטן און אויסגלייכן מיטן דער ערד, ס'זאָל קיין סימן נישט בלייבן.

אָבער נישט באַמערקט האָבן די באַנדיטן דעם הויכן דעמב, וואָס האָט זיך דערהויבן איבער זייער קבר... — דעם הויכן דעמב, וואָס זייגע צווייגן און בלעטער סודען טאָג איין טאָג אוים די פאַרבייגייער אין שטילן געמורמל:

— אָט דאָ ליגן פינף פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן מיט זייער מוט באַוויזן ווי איבערגעגעבן זיי זיינען געווען דעם קאַמף פאַר דער פרייהייט און ווי פיינט זיי האָבן' געהאַט אירע דייטשע פאַרשקלאַפער...

נאַראָטשער וועלדער, אָטריאַד „פּאַרכאָמענקאָ", 2טער יאַנואַר 1943.

# איציק וויטנבערג

...אָט שפּאַן איך ווידער איבער די געסלעך פון דער ווילנער געטאָ... די הייזער אויף די געסלעך רודניצקער, יאַטקעווער, דיסנער, אַשמענער, שפּיטאָל, שאַוולער און סטראַשונער (דער קוואַרטאַל איז פון שטענדיק געווען פון די לעבעדיקסטע טיילן פון שטאָט), שטייען איצט ווי די חרובע מצבות אויפן ווילנער בית־עולם.

רואיק איז דאָ. שטיל. זעלטן ווען מען זעט דאָ אַ מענטש. חורבן קוקט פון יעדער טיר, פון יעדן פענצטער, פון יעדער אויפגעבראָכענער מעלינע.

פון דעם אָשמענער געסל גיי איך נישט אַוועק. דאָ אויפן הויף, אויף געדרייטע לאַבירינט־טרעפּ, אין אַ פאַרמאַסקירטער וווינונג, איז געווען צו־ערשט דער געהיימער פּאַרטיזאַנער־שטאַב פון געטאָ. אָט טוט זיך אַן עפן אויף די טיר און ס'באַווייזט זיך דאָס קלוגע געזיכט פון לערער יאַנקל קאַפּלאַן.

— אהא — טוט ער אַ ווונק צו מיר, — גיי, לעאָ דאַרף דיך.

לעאָ איז דער נאָמען פון אונדזער קאָמאַנדיר. לעאָ — דאָס איז דער פּסעוודאָנים פון איציק וויטנבערג.

און אָט הער איך איציקס שטילע, איבערצייגנדיקע ווערטער:

— די לאַגע איז מ ע ר ע ר ווי ערנסט... מיר מוזן גרייט זיין יעדע מינוט אויף דער לעצטער שלאַכט... — ער האָט זיך פאַרקלערט, — דורכן ווידערשטאַנד וועלן מיר דאַרפן ציען די יידן נאָך זיך און איבער טויטע פּגרים פון די געשטאַפּאָווצעס מוזן מיר זיך אין וואַלד אַדורכשלאָגן

און פון דאָרטן דעם קאַמף קעגן די מערדער פאַרשטאַרקן... אָבער געווער... געווער פעלט. — און פרעסנדיק די ליפּן, האָט ער אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט אויסגערופן:

— דיין אויפגאַבע איז אין משך פון דער היינטיקער וואָך קריגן אין שטאָט געווער... אפילו ווען דאָס זאָל זיין א געפאַר פאַרן לעבן...

אין עטלעכע טעג ארום ראַפּאָרטיר איך דעם קאָמאַנדיר, אז כ'האָב א פּולעמיאָט. צעפייערן זיך אינעם בלאַסן געזיכט די גיריקע שוואַרצאַפּלען:

— א פּולעמיאָט זאָגסטו?! מאָלאָדיעץ — צעטאַנצט ער זיך אזש.

— כ'האָב שוין אפילו אן אָרט פאַר אים. אויף רודניצקער 11. דורכן אויבערשטן פענצטער וועט דער פּולעמיאָט איבערנעמען די געשטאַפּאָווצעס.

— איציק איז ווי העכער געוואָרן, שטאָלצער, אין צימער איז ליכטיקער געוואָרן, נישט פון דער טאָג-ליכט. פון איציקס אויגן האָבן ארויסגעשטראָמט פאַסן ליכט און באַלויכטן דעם ארום...

די נצחונות פון דער רויטער ארמיי אין אנפאַנג 1943 האָבן אויך פאַרלייכטערט די ארבעט פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין הינטערלאַנד. אין ליטע ווערט דאַן באַזונדערס שטאַרק די פּאַרטיזאַנער באַוועגונג און אין די גרעסערע שטעט שטאַרקט זיך די אונטערערדישע דיווערסיע-ארבעט.

געשטאַפּאָ אָרגאַניזירט שטראָף-עקספּעדיציעס אויף פּאַרטיזאַנער און קומט צוריק מיט טראָפייען — הזירים, הינער, קי, פערד, וואָס זיי האָבן אנגעראַבירט ביי די צעשאָסענע פּויערים (צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער האָט די געשטאַפּאָ מורא צו גיין), די צייטונגען און אפישן אין די גאַסן זאָגן כסדר צו גרויסע געלט-פּרעמיעס פאַר די יעניקע איינוווינער, וועלכע וועלן אנווייזן די שפּורן פון די „באַנדיטן”.

אז די יידן אין געטאָ האָבן אויך א פּאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציע, האָט זיך דער נייער שעף אויפן געטאָ, דער קינאָ-אַקטיאָר קיטעל, אנגעשטויסן ווען געשטאַפּאָ אגענטן האָבן געכאַפּט אייניקע יידן (סווירסקי, טיקטין, עפּעל א"א), וועלכע האָבן געוואָלט אריינטראָגן אין געטאָ געווער. קיטעל האָט אויך באַקומען ידיעות, אז צווישן די פּאַרטיזאַנער אין די ליטווישע

וועלדער זיינען פאראן אומברחמנותדיקע קעמפער — יידן פון די שטעט־לעך סווענציאן, קאזיאן, אַשמענע, וואָראָנאָווע א"א.

האַרבסטיק האָט דעריבער אויסגעזען דער פרילינג פון 1943 פאַר די איבערגעבליבענע יידן פון ווילנע און איר פּראָווינץ. אונטערן אויס־רייד, אז כדי די יידן פון פּראָווינץ זאָלן נישט... באַפאַלן ווערן פון פאַר־טיזאַנער, הייסט קיטעל די יידן פון סווענציאן, סאָל, מיכאַלישאָק, סוויר, ווידז און אָשמענע איינפּאַקן זייערע זאכן און אין ספּעציעלע וואַגאָנען זאָלן זיי אָפּפאָרן אין קאָוונער געטאָ. אויף דער ווילנער באַן־סטאַציע האָבן זיך דעם 5טן אפּריל צוגעאייניקט צו די 4000 פאָרנדיקע יידן אויך א 100 יידן פון ווילנע, וועלכע האָבן געוואָלט פאָרן צו זייערע משפחה־מיטגלידער אין קאָוונע. פאַרטאָג האָט די באַן געריכט און אזייגער 10 אין דער פרי האָבן זיך שוין אריינגעשלייכט עטלעכע פאַרוואונדעטע יידן אין ווילנער געטאָ, וועלכע האָבן דערציילט, אז דער גאַנצער טראַנספּאָרט אויף קאָוונע איז בלויז דערפאָרן 8 קילאָמעטער הינטער ווילנע, אויף דער סטאַציע פּאָנאַר, ווו זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן דורך ספּעציעל צוגעגרייטע פּאָליציי און מיליטער־באַטאַליאָנען.

דעם 26טן אַפּריל ברענגט קיטעל צו דער גרעסטער פאַרוואונדערונג אין די אַרבעטס־לאַגערן פון בעזדאַן, קענע און רעשע, פאַר די יידישע אַרבעטער מאַרמעלאַד און פּוטער. שפּעטער צו ווערן די אַרבעטער אַרומ־גערינגלט און הונגערטער יידן ווערן פאַרוואָרפן מיט גראַנאַטן און אונטער־געצונדן. ס'איז קענטיק, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון ווילנער געטאָ. די פּאַרטיזאַנער גרייטן זיך פיבערדיק. ס'ווערט פאַרגרעסערט דער געווער־זאַפּאַס, ס'ווערן געבויערט לעכער דורך מויערן, כדי דורך זיי בעסער דעם שונא טרעפן, ס'ווערן ווערבירט נייע קעמפער, ס'ווערן געבויט קאַ־נאַלן. אָבער אויך די געשטאַפּאָ גרייט זיך. אין קיטעלס קאַבינעט הענגט דער פּלאַן פון געטאָ. ער האָט פאַר זיך נישט נאָר די געסלעך. ער זעט דאָ יעדעם הויז, יעדן דורכגאַנגס־הויף, יעדן מעגלעכן אָבסערוויר־פּונקט. מען האָט אים אַפילו דערטראָגן, אין וועלכע ערטער ס'קענען זיך געפינען מע־לינעס, ווו יידן קענען זיך אויסבאַהאַלטן אָדער פון דאָרט אַ לענגערן ווי־דערשטאַנד אויסהאַלטן.

געשטאַפּאָ פאַרשטאַרקט דעם אויספּיר און פון אַרעסטן, וועלכע ווערן דורכגעפירט אין שטאָט, שטויסט זיך אָן די געשטאַפּאָ אויף דעם נאָמען וויטנבערג. אין דער נאַכט פון 16=15=טן יולי 1943 זיינען געקומען צוויי געשטאַפּאָווצעס אין געטאָ, געפונען וויטנבערגן, אים אין קייטן גע=שמידט און מיט געלאָדענע רעוואָלווערן צום טויער געפירט. די געשטאַפּאָ האָט אַפּנים געמיינט, אַז אין מיטן נאַכט, ווען אַלע אין געטאָ ליגן צע=מאַטערטע און שלאָפן, ווען קיינער טאָר אויפן גאַס נישט ארויסגיין, ד א ‌וועט דער אַרעסט דורכגיין אומבאַמערקט. די געשטאַפּאָ האָט אָבער אַ טעות געהאַט. אין מיטן דער נאַכט האָט מיטאַמאָל דאָס געטאָ דורכ=געשניטן קלאָג=געשרייען, אָבער נישט אַזוי ווי די געטאָ=איינוווינער זיינען געווען געוווינט צו הערן.

— „ראַטעוועט!" — האָבן זיך צערעוועט די געשטאַפּאָווצעס ווי פאַרוווּנדעטע חיות — „יידן זייגען אונדז באַפאַלן!"

און באמת איז אַזוי געשען. די געשטאַפּאָווצעס זיינען קוים אַ פּאָר טויערן אַריבער, ווי דעם וועג זיינען זיי אַריבער אַ פּאָר סילועטן. די גע=שטאַפּאָווצעס האָבן זיך אַ קער געטאָן אַ קוק געבן אויף הינטער, ערשט אויך פון ד ע ר זייט זיינען זיי ארומגערינגלט געוואָרן. פּלוצלינג האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף זיי אַ האָגל קלעפּ פון אייזערנע פּרענגטן. בלוט. זיי האָבן גליק געהאט, די געשטאַפּאָווצעס, ס'האָט זיך זיי איינ=געגעבן אַרויסצורייסן פון געטאָ. וויטנבערגן אָבער האָבן זיינע חברים באַפרייט.

די נאַכט האָט שוין אין געטאָ קיינער נישט געשלאָפן.

— ליזע רופט! — דער פּאַרטיזאַנישער מאָביליזאַציע=פּאַראָל האָט געריסן אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט ווי בליצן. און די צעקרימטע, אויסגעהויקערטע געסלעך האָבן זיך שטאָלצע, קאַמפּס=גרייטע פּאַרטיזאַנער געלאָזן צו זייערע פּונקטן.

— וואָס איז געשען? וואָס טוט זיך דאָ? — פרעגט איין איינוווי=נער ביים צווייטן. קיינער האָט אָבער קיין קלאָרן ענטפער נישט געקענט געבן. אָבער אַלע האָבן מיט אַמאָל דערשפּירט, אַז די לעצטע שעה האָט אויסגעשלאָגן.

אויף די פונקטן האָבן אונדז די פאַרבינדלער געבראַכט געווער. נישט פאַר אַלע פאַרטיזאַנער אָבער איז דאָס געווער אויסגעקומען. מען האָט זיך געדאַרפט באַגנוגענען מיט אַליין פּראָדוצירטע האַנט־גראַנאַטן און קאַלט געווער.

פאַרטאָג איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט דורך מיליטער און אַז די געשטאַפּאָ פאָדערט אַרויסצוגעבן וויטנבערגן אַ לעבעדיקן ביז 10 אַזייגער אינדערפרי. אין קעגנפאַל — 7 טויזנט יידן...



אבא קאָוונער — קאָמענדאנט פון פ. פ. אָ. אין געטאָ (נאָך וויטנבערגס טויט) און קאָמאנדיר פון פארטיזאנער־אָטריאד „נקמה נעמער“ אין די ליטווישע וועלדער.

דער טויט האָט זיך פּלוצלינג אַוועקגעשטעלט אויף יעדער שוועל. דאָס לעבן אָבער האָט געפאָדערט דאָס זייניקע:

— די רויטע אַרמיי גייט פאָראויס און פאָראויס!

— באַלד ווערט די שטאָט באַפרייט...

— אויך דו קענסט אַריבערלעבן, דאַרפסט בלויז דורכציען געציילטע וואָכן, טעג...

דער קאַמף צווישן לעבן און טויט האָט אויפגערודערט דאָס געטאָ, זיך אַריבערגעטראָגן אין די ענגע געסלעך, דערגאַנגען צו וויטנבערגן.

ווי שטענדיק איז אויך א י צ ט, אין די גרויזאַמע מינוטן, איציק רואיק. ער איז בלויז מער פאַרטראַכט:

— די שטימונג אין גאַס, חברים, — ציילט ער לאַנגזאַם ווערטער צו די שטאַב־מיטגלידער — איז נישט פאַר אונדז. אַ סימן, חברים, אַז מיר האָבן נישט באַוויזן ווי געהעריק די מאַסן צוגרייטן... אַט זעט איר, זיי מיינען, די אומגליקלעכע, אַז אויב איך וועל אַרויסגעגעבן ווערן דער געשטאַפּאָ, וועט שוין זייער לעבן געראַטעוועט ווערן... — איציק האָט אומעטיק אַ שמייכל געטאָן. — קיטשעל אָבער אַרבעט גוט.

אַ וואָלקן האָט פאַרצויגן זיין קלאָר געזיכט. ער האָט זיך דערזען אין די הענט פון די מערדער. ס׳האָבן אָנגעהויבן טאַנצן פאַר די אויגן די פאַרשידענע פייניקונגס־מכשירים, ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און דאַן איז אין געדאַנק אַרויף: „אפשר זיך דערשיסן...” איציק האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן נאַגאַן און אים גלייך אָפּגעלאָזן. „אָבער וויטנבערגן אַ לעבעדיקן” האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן דער גרויליקער באַפעל פון דער געשטאַפּאָ.

חברים גיבן איבער, אַז אייניקע יידן האָבן פאַרגעלייגט זיך אַליין אָפּגעבן די מערדער אַנשטאָט וויטנבערגן. איציקן רירט עס ביז טרערן. אָבער די געשטאַפּאָ פאָדערט נאָר אים. ז יי ן פ ל יי ש, ז יי ן בלוט. דער פאַרטיזאַנער־שטאַב האַלט אָפּ כסדר באַראַטונגען. דער יודנראַט פועלט ביי דער געשטאַפּאָ (וועלכע האָט געוויס נישט גאָר קיין גרויסן חשק געהאַט אַריינגיין אין געטאָ) צו פאַרלענגערן דעם באַפעל אויף נאָך צוויי שעה. דער טויט שטייט אַלץ און וואַרט. אויך מיר מיט געווער אין האַנט שטייען און וואַרטן אויף באַפעלן. מיר וואַכן ביים הויז, וווּ ס׳גע־

פינט זיך אונדזער קאָמאַנדיר. טויזנטער אויגן קוקן אויף אונדז, בעטן, טרויערן. די בליקן דרינגען דורך די ווענט, דערגרייכן צו איציקן, צו דעם 40 יעריקן ווילנער שטעפּער־אַרבעטער, צו דעם לאַנגיאָריקן אויסגעפּרוווטן יידישן קעמפער.

— איך גיי, חברים! טוט זיך איציק אַ פעסטן שטעל אויף. — איך גלויב, אַז מיט מיין אַוועקגיין פון אייך וועט די אַרבעט נישט נאָר נישט אָפּגעשוואַכט ווערן, נאָר אפילו פארשטארקט ווערן. איך גלויב, אז ערשט איצט וועט איר קענען אריבערציען די מאסן אויף אונדזער זייט. די צייט איז קורץ. כ׳זע, אַז דער סוף פון די איבעריקע לעבן פאַרבליבענע יידן איז שוין זייער נאָענט. מיין איבערגעבן זיך וועט די לאַגע נישט ענדערן. אָבער איר קענט אָט די קורצע פּויזע אויסנוצן אויף באַקומען נאָך געווער, אויף ווערבירן נייע קעמפער. געדענקט, חברים, איצט זיינען מיר דעקאָנספּירירט געוואָרן — איר וועט שוין איצט דאָס געווער פון האַנט נישט טאָרן אַרויסלאָזן. נקמה! איצט, אַז ס׳וועט שוין קומען די געשטאַפּאָ נעמען אויף פּאָנאַר, באַגעגנט זיי ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, איבער זייערע פּגרים רייסט זיך דורך אין וואַלד אַריין, ציט מיט נאָך זיך וואָס מער יידן און זאָל אייער נקמה דאַן נאָך מער פאַרשטאַרקט ווערן. — און גייענדיק צום טיר פאַרענדיקט איציק — און דאַן וועל איך רואיק זיין!

הויך דעם קאָפּ, שטאָלץ, מוטיק איז איציק געגאַנגען דורך די שמאָלע געטאָ־געסלעך צום טויט...

אַך, ווען דער טויט וואָלט געקומען גלייך!... איציק האָט אָבער ביז דעם טויט געדאַרפט פריער דורכגיין דעם שוידערלעכסטן גיהנום.

רואיק איז ער געגאַנגען, לאַנגזאַם האָט ער געשפּאַנט איבערן שטיינערנעם ברוק.

לויטערע פּאסן הימל האָבן זיך געצויגן איבער די געטאָ־מויערן. איציק איז געגאַנגען צווישן וואָלקנס טרערן אַ דרייסטער, שטאָלצער, מוטיקער, דעם קאָפּ געהויבן, ווי אַן אָדלער געשניטן דורך דער פינצטערניש. ווי אַ בליץ וואָס וואָלט אין דער פינצטערניש אויסגעקריצט:

— „דער וואָס שטאַרבט היינט — וועט לעבן אייביק!”

ווילנע, יולי 1944.



אויפרוף פון די פּאַרטיזאַנער אין ווילנער געטאָ

# מײן ליבלינג

צו 15 מיט אַ האַלב יאָר איז ער שוין געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנער. ווײל —

ביז דאַן האָט ער שוין דערשפּירט די גרויל̇ן פון געשטאַפּאָ אין וואַרשע, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן צו זיך, אין דער פרײער סווענציאַן.

ערשט איצט קען ער זיך לערנען. ער שרײבט די עלטערן, וועלכע זײנען פאַרבליבן אין וואַרשע:

„קומט צופאָרן, איר וועט דאָ אָפּלעבן.‟

די עלטערן שווײגן. איצקע ווײסט וואָס דאָס נישט ענטפערן באַדײט. ער איז גליקלעך, וואָס ער קען כאָטש שפּײז־פּאַקעטן שיקן צו זײ. אים רירט זײער דאַנקען און די צושריפט „עס איז גוט צונוץ געקומען‟ גיט אים ווידער זײער אַ סך צו טראַכטן.

איצקע לערנט זיך אין דער זעקסטער אָפּטײלונג. ער וויל אומבאַדינגט דורכן זומער זיך דערלערנען און אויפן צווײטן שול־יאָר אַרײַנשפּרינגען אין דער אַכטער אָפּטײלונג. אָבער דער 22־סטער יוני צעשטערט אַלע זײנע פּלענער.

פון דער סווענציאַנער יידן־שחיטה אַנטלויפט ער אין גלובאָק. פון דער גלובאָקער שחיטה אַנטלויפט ער צוריק צו די 300 איבערגעבליבענע יידן אין סווענציאַן. די היטלעריסטן לאָזן נישט רוען.

ער הויבט אָן אַרבעטן אין אַ דײטשן געווער־לאַגער. איצקע קען באַקומען אַ בעסערע אַרבעט, ווו מען קען באַקומען אַ ביסל זופּ, ער קען זיך

אפילו ארויסדרייען פון אַרבעט (ער קען דרייסט זאָגן איך בין נאָך 12 יאָר), אָבער דער געוווער-לאַגער לאָקט אים.

„ווי נאָר כ'האָב דערהערט, אַז אין אונדזערע קאַנטן, — דערמאָנט אָפּט איצקע ווען זיין נאָענטן עבר — זיינען דאָ פּאַרטיזאַנישע גרופּעס און אַז איינער פון די אָנפירער איז דער סווענציאַנער לערער פ. ג. מאַר-קאָוו, האָב איך שוין נישט געקענט איינרוען. טאָג און נאַכט האָב איך גע-חלומט — ווי דערגייט מען אַהין? און נישט קענענדיק קריגן קיין פאַר-בינדונג, האָב איך באַשלאָסן אָרגאַניזירן די סווענציאַנער חבֿרה, איינ-שאַפן זיך געוווער, אַרויסגנבֿענען זיך פון געטאָ און ווייזן די דייטשן וואָס מיר קענען".

איצקע רעדט זיך צוזאמען מיט גערשקע באק און מישקע שוטאַן, אַז מען זאָל צוגנבֿענען געוווער און ברענגען דערווייל אין געטאָ. זיי נוצן אויס א מאָמענט, ווען די דייטשן זיינען נישטאָ און שמוגלען אריין אונטער די הויזן צוויי אָטרעזאַנקעס און אין די שטיוול שיטן זיי אָן פּאַטראָ-נעס. דורך די שטעכל-דראָטן שלייכן זיי זיך מיטן אוצר אַריין אין געטאָ.

דער דרייליגג ציט צו זיך נ אָ ך עטלעכע חבֿרה. דאָס זיינען: שיקע גערטמאַן, דודקע יאָכיי (ביידע ווי העלדן אומגעקומען אין דער פּאַרטיזאַ-נישער „וואָראָשילאָוו"-בריגאַדע) און יאָסקע רודניצקי.

זיי פאַרשאַרן אונטערן שניי אַ קאַראַבינקע און ווען פינצטער ווערט, האַקן זיי אָפּ דעם פּריקלאַד, עס זאָל זיין באַקוועמער דאָס צו באַהאַלטן ביי זיך און טראָגן עס אַריין אין געטאָ.

אין אַ קורצער צייט אַרום, באַשטייט שוין דער געוווער-לאַגער פון דריי ביקסן, פיר אָטרעזאַנקעס, פינף רעוואָלווערן, זעקס גראַנאַטן און אַ גאַנץ גרויסער זאַפּאַס פון קוילן.

די גרופּע וואַקסט. עס זיינען פאַראַן אַ סך קאַנדידאַטן, אָבער מען מוז זיין קאָנספּיראַטיוו און אָפּהאַלטן דעם צופלוס, ביז מען וועט באַ-שטימען דעם טאָג פון אַרויסגיין אין וואַלד.

אויף אַ בוידעם אין געטאָ קומט פאָר די ערשטע פאַרזאַמלונג פון די יידישער פּאַרטיזאַנער פון סווענציאַנער געטאָ. זיי באַשליסן:

1) פאַרגרעסערן דעם געוווער-באַזיס,

2) צוציען צו דער אָרגאַניזאַציע שטאַרק פֿאַרטרויִלעכע חברה,
3) קריגן אַ פֿאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער.

באַק, יאָכיי און רוווקע מיאַדזאָלסקי האָבן איינגיכן געבראַכט דריי רעוואָלווערן און אַוועק אויף אַ בוידעם וואָס גרענעצט זיך מיטן אויסערן געטאָ, עס פֿונאַנדערגענומען, כּדי צו זען, צי אַלע טיילן זייַנען דאָ. מיאַדזאָלסקי האָט אַרויסגעצויגן פֿון באַהעלטעניש זיין רעוואָלווער, אים אַ פּעסטן נעם געטאָן אין האַנט אַריין און אויסגערופֿן:

— אַך, ווי דערלעבט מען שוין דעם מאָמענט צו קענען נעמען נקמה!

ער טוט אַ נעם פֿאַרן צינגל און רופֿט ווידער אויס:

— פֿאַר מיין טאַטן, פֿאַר מיין מאַמען, פֿאַר שוועסטער און ברידער!

פּלוצלינג האָט דער רעוואָלווער אויסגעשאָסן און געטראָפֿן אין דער אונטערשטער ריי ציינער ביי גערשקען. די קויל איז דורך דורכן מויל און אַרויס אין זייט האַלדז.

דער שאָס איז דערהערט געוואָרן אין די אַרומיקע גאַסן פֿון געטאָ און שטאָט.

דודקע האָט באַוויזן נעלם צו ווערן, גערשקע און רוווקע זייַנען אָפּגעפֿירט געוואָרן אין געשטאַפּאָ.

געווען איז דאָס דעם 13=טן מאַי 1942. דריי טעג האָט מען זיי געפּאָרשט, שוידערלעך געפּייניקט, די גרעסטע יסורים אָנגעטאָן, זיי זאָלן זאָגן ווו זיי האָבן גענומען דאָס געווער, ווער זייַנען זייערע מיטהעלפֿער. די פּאַרטיזאַנער האָבן געשוויגן.

דעם 16=טן מאַי פֿאַרטאָג האָט מען זיי אויפֿן יידישן בית=עולם דערשאָסן.

דער יידנראַט פֿון געטאָ האָט די פּאַרטיזאַנער=אָרגאַניזאַציע אָנגעהויבן פֿאַרפֿאָלגן.

— צוליב אייך וועט אומקומען דאָס גאַנצע געטאָ, — האָבן זיי געטענהט.

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך בלויז מער פֿאַרקאָנספּירירט, אָבער דעם ווילן צום קאַמף נישט אויפֿגעגעבן. פֿאַרקערט, בערקע יאָכיי און פּייווקע הייט זייַנען אַוועק צום פֿאָרזיצער פֿון יידנראַט משה גאָרדאָן און געפֿאָ=

דערט פון אים הונדערט טויזנט רובל אויף צו קויפן געווער. דער פּאַר־
זיצער איז אַפּנים איבערצייגט געווען אין דער גערעכטיקייט פון דער פּאָ־
דערונג און אויסגעצאָלט אין געהיים די חברה 70 טויזנט רובל — ד. ה.
4 רעוואָלווערן.

איבערוואַרטנדיק די בלאָקאַדע אויף די פּאַרטיזאַנער, וואָס איז פּאַר־
געקומען אין סוף 1943 אין די קאָזאַנער און היידוציישקער וועלדער, איז
די סווענציאַנער גרופּע אַרויס פון געטאָ (27־סטן מערץ 1943). אָט
זיינען די 22 מאַן:

איצקע רודניצקי, יאָסל רודניצקי, אפרים מיאַדזיאָלסקי, שיקע גערט־
מאַן, משה שוטאַן, איציק פּאַרעש, איצקע טייץ, פּייווקע חיים, בערקע
און דודקע יאָכיי, יאָסל פלעקסער, מאָטע־הערש בושקאָניעץ, שואל מי־
כעלסאָן, דודקע וואָלפסאָן, די ווידזער ברידער אַוורעמל און טעווקע בע־
לאַק, די ברעסלאַווער ראַכמילקע און משה־כאַצקל מילוטין א״א.

אַרויס זיינען זיי פונעם געטאָ ביינאַכט. כאָטש עס זיינען געשטאַנען
אַרום און אַרום פּאָליציי, האָבן זיי זיך דורך די דראָטן אונטערגעגראָבן
און אַוועק. אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען זיי אָנגעקומען אין די לינטופּער
וועלדער, אַרום דאָרף צירקלינסקי.

קאַלט. שניי איבער די קני. יונגע יאָטן (דער עלטסטער 28 יאָר, דער
ייִנגסטער איצקע, נאָך קיין 17 יאָר נישט), נאָך אינגאַנצן רוי צו אַזאַ
לעבן.

איצקע דערציילט וועגן זייער לעבן דאָן אין וואַלד:

— מיר האָבן פונאַנדערגעלייגט אין ווייסטן וואַלד אַ פייער, גע־
טאָגט ביי אים און געשלאָפן. דאָס עסן האָט זיך ביי אונדז אויסגעלאָזן.
דאָס געווער איז אָבער אַ גוטער ברודער און איז אונדז גלייך צונוץ געקו־
מען. קענסט טראָגן אַ שטעקן אויפן פּלייצע, אַ פּויער, אַז ער דערזעט
דאָס, ווערט ער אַ פּאַרציטערטער. מיר האָבן געקראָגן שפּייז. אין עטלעכע
טעג אַרום האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין אין סווענציאַן און ברענגען פון
געטאָ נאָך אַ גרופּע.

זאַלבעפינפט זיינען מיר אָנגעקומען אין שטאָט און געפונען אַלע

יידן פאַרפּאַקט אין וואַגאָנעס צו פאָרן אויף „קאָוונע", ווי די דייטשן האָבן זיי צוגעזאָגט. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זעלבן צוג, מיטן ציל אַראָפּצוכאַפּן זיך אין ווילנער געטאָ, כדי אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די דאָרטיקע פּאַרטיזאַנער און מיטנעמען פון זיי מיט זיך אַ גרופּע אין וואַלד.

די פיר טויזנט יידן, וואָס זיינען געפאָרן אויף קאָוונע, האָט מען בלויז דערפירט ביז פּאָנאַר און זיי דאָרט אויסגעשאָסן. אונדז האָט די יידישע פּאָליציי אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין דער געטאָ-תפיסה אויף דעם לידער געסל. דער קאָמיסאַר נחום רינג (די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אים דערנאָך דערשאָסן) האָט מיך מיט אַ גומענעם שטעקן געשלאָגן, איך זאָל זאָגן, ווו מיין געווער איז און צו וועמען איך בין געקומען? איך האָב געפּאָדערט, זיי זאָלן מיך אַרויסלאָזן, אַז נישט וועט זיין שלעכט. אין צוויי טעג אַרום האָבן זיי אונדז טאַקע באַפרייט.

פאַרנאַכט זיינען מיר אַרויס פון געטאָ. אַראָפּגעוואָרפן די געלע לאַטעס אָנגעטאָן בלויע לענטעס פון אייזנבאַנער און אין דריי שעה אַרום זיינען מיר שוין געווען אין סווענציאַן.

אויף אונדזער באַזע האָבן מיר שוין קיינעם נישט געטראָפן. מיר האָבן געטראָפן די חברים אונדזערע אין אַנדערן ברעג וואַלד. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן שוין געהאַט אַ קליינע אַבלאַווע פון פּאָליציי אָבער די חברה האָבן באַצייטנס באַוויזן אָפּצוטרעטן.

דעם 22סטן מאַי האָבן מיר געטראָפן אין צירקולסקער ראַיאָן די ערשטע פּאַרטיזאַנישע גרופּעס פון טשאַפּאַיעווס אָטריאַד מיט וואַסקע דעם שוואַרצן בראש. בלויז וואַלפּסאָנען האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך. זיי זיינען דאַן געגאַנגען אַראָפּלאָזן אַן עשאַלאָן און זיינען דורכפירנדיק די אויפגאַבע געקומען צוריק און אונדז אַלעמען מיטגענומען אין די קאָזאַנער וועלדער. ס'זיינען אויך מיטגעגאַנגען די 32 יידן, וועלכע שיקע גערטמאַן האָט געבראַכט פון ווילנע.

— דאָ הייבט זיך אייגנטלעך אָן די אמתע געשיכטע.

דעם 18-טן מאַי ווערט רודניצקי צוגענומען אין דער ליטווישער פּאַרטיזאַנער בריגאַדע „זשאַלגירים". דעם זעלבן טאָג ווערט ער אָפּגעשיקט מיט די חברים סטאַוויענאַס און סטאַנקעוויטשיוס אין דער רודניצקער



ס'זיצן פון לינקס: בערל יאָכאַי און אפרים מיאדזאָלסקי.
ס'שטייען פון לינקס: איצקע רודניצקי און הערשל בושקאַניעץ.

פּושטשע (אַ מהלך פון 200 קילאָמעטער) אויף אַ פּאָליטישער אויפגאַבע. זיי דאַרפן ווערבירן נייע פּאַרטיזאַנער, פּאַרשפּרייטן ליטעראַטור צווישן די פּויערים, אָרגאַניזירן יוגנט־קעמערלעך.

דעם 2־טן יולי ווערט רודניצקי געשיקט אין ניי־סווענציאַן אָנצוקניפּן אַ פאַרבינדונג מיטן אינזשיניער קאָזלאָווסקי (שפּעטער אומגעקומען אין ווילנער געשטאַפּאָ). דעם 15־טן יוני קומען די דריי פּאַרטיזאַנער, אויס־פירנדיק די אויפגאַבע, צו זיך אויפן באַזע. איצקע קריגט דאַן אַ מתּנה: אַן אויטאָמאַט.

דעם טאָג ווערט געגרינדעט דער ליטווישער פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „ווילנע״. איצקע איז אין דעם קערן פון די ערשטע 24.

אין אָטריאַד ווייסט מען נישט, ווער ס'איז דאָס איצקע רודניצקי. עס קענען אָבער אַלע טאָלע קוניצקין, דאָס איז אָבער דער זעלבער (דעם פאַמיליע נאָמען אומבייטן, האָט באַדאַרפט יעדער פּאַרטיזאַנער פון דעם אָטריאַד).

ש. קאטשערגינסקי

15־טער יוני 1944.

צום יאָרטאָג פון דער גרינדונג פון „ווילנע"־אָטריאַד האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם געקרויזלטן יונג:

— נו, קוניצקי, זאָג וואָס האָסטו פאַרן יאָר אויפגעטאָן?

— אָ, — מאַכט ער מיט פאַרדרוס, — כ'האָב געקענט אויפטאָן אַ סך מער.

— טאָ זאָג וואָס האָסטו י אָ אויפגעטאָן?

פאַרהויבט ער דעם קאָפּ אַרויף, אַקוראַט ווי ער וואָלט אויפן הימל געפירט זיין רעכענונג און לייענט פון דאָרטן:

אַרונטערגעשמיסן 11 ברייטע עשאַלאָנען, דריי שמאָלע עשאַלאָנען, אָנטיילגענומען אין אויפרייסן די סווענציאַנער עלעקטראָסטאַנציע, אין פאַרניכטן דעם טאָרף־זאַוואָד, אין אַרויסראַטעווען פון סוועציאַנער שפּי־טאָל אונדזער אַרעסטירטן פאַרוווּנדעטן חבר סעמיאָנאָוו, אין אויפרייסן צוויי בריקן, אין פאַרניכטן דריי מאַשינעס, פיר פּאָליציאַנטן גענומען גע־פאַנגען... דאַכט זיך שוין.

— און טעלעגראַפן־סלופּעס און דראָטן געשניטן? וועג־פאַרצוימונ־גען קעגן שונא געמאַכט? — פרעג איך.

— דאָס איז נאַרישקייט, — זאָגט ער — אויב אַזוי דאַרף מען דאָך שרייבן און שרייבן.

דער חשבון איז געוועזן פון איין יאָר פּאַרטיזאַנקע. אין די עטלעכע וואָכן, ביז וואַנען די רויטע אַרמיי איז געקומען, האָט נאָך איצקע וואָס צוצוגעבן.

— ס'איז אים נאָך קיין 18 יאָר נישט איצט, ער איז מיין ליבלינג.

— זאָגט וועגן אים דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר ח' בוגנאַס.

איצקע רודניצקי — אַן אַלאַבאַסטער פּנימל, געקרייזטער קאָפּ האָר, שטיל. און ווען מען זאָל נישט רעדן מיט אים און ווען מען זאָל אים נישט זען, מוז זיך פון הארצן אַרויסרייסן:

— געבענטשט זאָלסטו זיין טייערער יינגל!

ווילנע, 27טער אָקטאָבער 1944.

# אין מיטן העלן טאָג

.1

...דאָן האָט זיך באַוויזן אין סוועגציאָן פרידריך אַלין. איצט האָט מען אים באַמערקט, דעם גראַף.

אַ טונקל געקראַטעוועטער אַנצוג, ווי אַקאָרשט פון אונטערן פּרעס אַרויס, די לאַקערקעס טרעטן ווייך, שטיל און גלאַנצן פון ווייטן.

דער איינציקער וואָס טראָגט אונטערן האַלדז אַ בוגטן זיידענעם באַנדשלייף, וואָס ווינטלט און יאָגט זיך פאָראויס, פאַר אים, אָנזאָגנדיק: פרידריך אַלין גייט!

ערשט איצט האָט מען אים באַמערקט, דעם גראַף, ד אָ ן ווען ס'האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דעם סוועגציאָנער געביטס־קאָמיסאַר גוסטאַוו פאָן בעק, זיין פאַרטרעטער גרול און דער זשאַנדאַרמעריע־שעף קריל זיינען אויפן וועג צו לינטעפ דערשאָסן געוואָרן דורך...

פאַר פרידריכן איז אַלץ איינס, ווער ס'זיינען די אויספירער פון אַטענטאַט. דער באַפעל איז געווען גאַנץ לאַקאָניש:

500 קעפּ.

זיינען פון דער טונקעלער נאַכט אַרויסגעריסן געוואָרן, פון צעוואָרעמטע הייזער, אַרבעטער, לערער, דאָקטוירים, סטודענטן, שילער און אויף זייער אָרט איבערגעלאָזן דעם יאָמער פון פרויען און קינדער...

אויף מאָרגן.

פרידריך אַלין פאָרט אין זיין טאַקסי.

דאָס אויסגערוטע, צוגעפּודערטע פּנים איז פאַרטראַכט. איידל. ווי עלעגאַנט ער ציט דעם הוט פאַר אַ באַקאַנטן. וואָס פאַראַ שיין שמייכעלע ס'נעמט זיך ביי אים פון די ליפּן אַרויס.

דער טאַקסי הוידעט זיך איבערן וועג, צום בית עולם צו. און די זון, די שטיפערקע, יאָגט אים נאָך.

די אַרעסטירטע זיינען שוין געלעגן אויפן קברים־גראָז מיטן פּנים אַראָפּ, ארומגערינגלטע פון באַוואָפנטע געשטאַפּאָווצעס און פּאָליציי, האָט ער פאַרזיכטיק שפּאַצירט (די טופל און די הויזן־מאַנזשעטן זאָלן זיך חלילה אין בלאָטע נישט איינטרעטן) שטיל, פאַרטראַכט. געפּאַכעט אין די מאַניקירטע, לענגלעך צעפינקלטע פינגער די זעמשענע הענטשקעס און זיך געטאַפּט מיטן באַטיסטן־טיכעלע דעם צעשוויסטן שטערן. עס שמעקט. נישט פון די בית־עולם־געוויקסן — אָלין וואַשט זיך יעדן טאָג נישט אַנדערש ווי מיט אָדעקאָלאָן. ער באַוואונדערט די מצבה־שניצונגען, דעם שיינעם גראַניט. אויך אויף ד ע ם קען ער זיך. אין זיין ביבליאָטעק אין מאַגדעבורג האָט ער, דערמאָנט ער זיך איצט, אַ סך אינטערעסאַנטע ביכער איבער קונסט.

די מצבות, זייערע אויפשריפטן, פאַרוואָלקענען דאָס איידעלע געזיכט פון צאַרטן אָלינען. עס דערמאָנט אים, אַז סוף כל סוף... גיין, פאַרכאַפּט ער זיך, קוקנדיק צום שטאָלצן פייגלפּלי איבער זיך, צו אים האָט עס נישט. ער איז דאָך נאָך גאָר יונג. פילט זיך קיין עין הרע פעסט. יאָ, מער נישט צו די פרימאָרגן־איבונגען האָט ער פאַרגעסן הייסן ברענגען באָקס־הענטשקעס. דורכבאָקסירן זיך פאַרהאַרטעווען נאָך מער דעם קערפּער.

ער וויל נישט שטערן די שטילע בית־עולם רו, איז אָבער געצוווּנגען.

— איר, מיין הער, — ווענדט ער די בליקן צום באַרעקטן גראָז — ליגט צופיל אָן אַזוינס.

— און איר, מיין הער, גענטער ביטע.

— ביטע, פרוילן, די הענט האַלטן אויפן פּלייצע, העכער!

איידל איז ער צו די פאַרמשפּטע, גוט צו זיי.

— נו, — ציט ער ענדלעך אויס. די געשטאַפּאָווצעס פאַרשטייען אים שוין אויפן ווונק און זיינען שוין גרייט.

— אַהאַ — דערמאָנט זיך אים אַ װיכטיקע זאַך געװיס, — שיעור נישט פאַרגעסן. — ער טוט ברײט אַ שװים אין לאַנגע שפּאַנען פאַרבײ די קברים און אָט איז ער שױן בײ זײן טאַקסי.

א ליבלעכער בארויִקנדער שמײכל רוט אויף אים. געקענט פאַרזען. ער האַלט אין די צעפינקלטע פינגער דעם שפּיגל נײעם פאָטאָ־אַפּאַראַט.

נו, איצט קען מען שױן באמת אנהויבן. ער זאָגט די װערטער נישט אַרויס, ער טראַכט בלויז. די געװענדטע בליקן צו אים פאַרשטײען שױן אָבער און האַלטן די פינגער בײ די צינגלעך.

פרידריך זוכט אַ העכערן באַקװעמערן אָרט פאַר זיך. און אָט איז ער שױן אַן אַרויפגעקלעטערטער אויף אַ טונקעלן גראַניט, זיצט שױן אויפן דיקן שטײניקן קרײץ. שטעלט אָן דעם אָביעקטיװ — די ליכט איז אַקוראַט. איצט טוט ער אַקערעװע דעם קאָפּ צו די באַװאָפנטע, אַכטונג, הײסט עס, הויבט אויף די רעכטע האַנט װי אויף „הײל היטלער”; אַ סעקונדע און לאָזט זי האַסטיק אַראָפּ צוריק. . . . . . . . . . . .

אין שטאָט און אין די דערפער אַרום זײנען די אײנװױנער דערציטערט געװאָרן פון דער פּלוצלינגער שיסערײ. פרויען זײנען אין חלשות געפאַלן, די האָר זיך געריסן. קינדער האָבן אומהדיק געיאָמערט, מענער האָבן בײלנדיק די פויסטן שטיל מיט טרערן געטריפט.

פאַר פרידריכן איז דאָס זיכער קײן נײעס נישט. ער האָט אַפילו קײן ציטער נישט געטאָן מיט אַ ברעם, װען דער פײער־הוראַגאַן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף די אומשולדיקע. אויך דאַן האָט ער די רואיקײט נישט פאַרלאָרן... אַך פאַרדאָן, נישט אמת, די אויבערשטע העלפט פון זײן קערפּער רוט נישט אײן, קערט זיך אין אַלע זײטן. פרידריך אָלײן לײענט איצט אַ סענסאַציאָנעלן ראָמאַן, װאָס אין זײן רײכער ביבליאָטעק אין מאַגדעבורג האָט ער נישט. ער זעט איצט אַ שפּאַנענדיקן פילם װאָס ער האָט נאָך אויף קײן עקראַן נישט געזען. ער איז פאַרכאַפּט. אָט טוט ער זיך פּלוצלינג אַ שטעל אַװעק אויפן קרײץ — דער אָביעקטיװ האָט באַמערקט אין דער װײטן לויפט אַ געשאָסענער. איבער די ברילן הענגט אויף אים שטיקער בלוטיקע מאַרך. פרידריך פאַרגעסט אַז ער מאכן אן אויפנאמע, אזוי צוגעשמידט איז ער געװאָרן צום פארביקן בילד

דער אַפּאַראַט אַרבעט ווייטער:

אַ פרוי האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ קרייץ, קלאַמערט זיך אָן קאַלטן שטיין און פאַלט צוריק אויפן קבר־בערגל.

אַ מאַן ביילט די פויסטן און מיט אַ צעעפנטן מויל, פון וואַנען עס גיסט זיך רויטער סם, לויפט ער צו פרידריכן. אַלין טוט אַ ציטער, אָבער זיי רואיק, מיין האַרץ — דער מאַן ליגט שוין אַ צעשפּאַלטענער אויף אַ שטיין.

א יונג מיידל טוט אַ ציטער אין דער לופט:

— אַ שאָד, — טראַכט אַלין — וואָלט נאָך געקענט צונוץ קומען.

דער פייערבלייַ ווערט פאַרשטילט. דער גרין אונטער די פיס וואַשט זיך אין זודיקן רויט. פרידריך רוט אַליץ נישט. דער אַפּאַראַט אַרבעט ווייטער. דער אָביעקטיוו זוכט אַליץ נייע בילדער. דערשפּירט אַ צאַפּל־דיקן קערפּער, אַ כאַפּ אַראָפּ, אַ ווונק מיט אַ פינגער און דער צאַפּל פאַרוואַנדלט זיך פון שאָס אין גליווער.

רואיק וויגלען זיך די רעדער איבערן וועג צוריק אין שטעטל אַריין. די זון לויפט פאַראויס און שפּילט זיך אין די בריליאַנטענע פינגער־רינג־גען, וועלכע וויקלען דעם רול אַרום. געדאַנקען. אַזאַ מענטש ווי פרידריך דענקט שטענדיק. עס פאַרדריסט זיך. אָט ווען צום אפאראט וואָל דאָ אויפן בית־עולם נאָך געווען איינגעאָרדנט אַ קלאַנג־אַפּאַראַטור, דאַן וואָלט געווען אינטערעסאַנט, דאַן וואָלט געווען נישט נאָר וואָס צו זען, נאָר אויך צו הערן.

ווי אין לונא־פּאַרק הוידעט און וויגלט זיך די מאַשין איבערן גרו־ביקן וועג.

פון שטיבער־פענצטער צעקוקן זיך צעבלייכטע פּנימער און אין שרעק דערזעען זיי:

אויפן גלאַנציקן בלאָ פון טאַקסי טריפט און זידט אַ שטיק רויטס, זידט און טריפט ווי מיט טרערן רויטע...

2.

שימאָן. געווים קען ער זיך נישט גלייכן צו דעם קולטורעלן קרייז־

קאָמיסאַר, איז נידעריקער, האָט נישט אַזויפיל בילדונג. און דערצו נאָך אַ זון פון אָרעמע עלטערן.

גליקלעך איז ער געווען, ווען ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו לערנען אין אוניווערזיטעט און צוזאַמען מיט אים האָבן זיך געפרייט טאַטע־מאַמע:

— שימאָן לערנט זיך, אַן אינזשיניער וועט ער ווערן — פלעגן זיי מיט דרך־ארץ רעדן וועגן זייער געראָטענעם זון.

און ווי פאַר מיליאָנען, מיליאָנען אַנדערע זיינס גלייכן, האָט זיך אויך פאַר אים די חלומדיקע ווירקלעכקייט איבערגעריסן.

ערגעץ אין טיפן, טיפן העק פון רוסלאַנד איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן, ער האָט אָבער זיין גאַנצן יונגן אייפער אַריינגעוואָרפן אין דער הייליקער מלחמה קעגן דייטשן אָקופּאַנט. קעגן פאַרניכטער פון זיין פאָלק.

שימאָן רייסט זיך צו זיין היימשטאָט, ווו ער האָט איבערגעלאָזן טאַטע־מאַמע און אַזויפיל גוטע חברים און פריינט.

די שווידערלעכע גרוסן פון גיהנום, וואָס די היטלעריסטן האָבן געשאַפן אויף דער ליטווישער ערד, לאָזן אים נישט איינרוען.

— נקמה! — ווערט איצט זיין איינציקער חלומדיקער פאַרלאַנג.

איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעוויטיקטער איבער דער צוזאַמענוויינונג אין טאַשקענט און געפליסטערט, נאָכאַנאַנד צו זיך, צו זיינע חברים:

— כ'וועל נישט רוען, ביז כ'וועל נישט דערגרייכן מיין ציל!

:: :: ::

אין צעגאָלדיקטן וואַלדיקן גרין, אויף דער אָקופּירטער ליטווישער ערד בלענדט אַרויס צווישן פאַרטיזאַנער־יונגען דער קאָפּ פון שיינענדיקן שימאָן.

ווירקלעכער חלום:

שימאָן טרעט אויף זיין היימישער ערד.

נישט זעלטן טרעפט, אַז קומנדיק פון אַן אויפגאַבע צו זיך אויף דער באַזע, אין די פאַרנאַכטיקע זעמליאַנקעס, זיצט ער מיט פאַרטיזאַנער, זיינע אַמאָליקע חברים, אין פאַרכמורעטן שווייגן. עס קאָכן די בלוטן.

זיי האָבן געזען מיט די אייגענע אויגן, דערמאָרדעטע, צעשאָכטענע...

ס'איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואָס די אָקופּאַנטן זיצן אויף דער ליטווישער ערד, ווי אויף אַ פייערדיקן ווולקאַן. עס גייען צוגן באַוואַכטע — און פאַלן דאָך אין טאָל אַרונטער. עס היטן דיגניטאַרן, געפּאַנצערטע וואַכן — און קומען דאָך אום. פאַבריקן ווערן געצונדן, בריקן ווערן אויפגעריסן. פּאַרטיזאַנער נעמען נקמה!

שימאָן איז דענערווירט. אמת, אויף זיין פּנים איז דאָס נישט קעגטיק. אין האַרצן זעט קיינער נישט, וואָס עס טוט זיך ביי אים. דאָס באַמערקט אָבער דער קאָמאַנדיר. ער קוקט זיך צו אומבאַמערקט צום יונגנס נערוועזן שפּאַן, זיין בייסן די נעגל און טראַכטן:

— נו וואָס, שימאָן, — רייסט זיך אַריין צום יונג דעם קאָמאַנדירס ווערטער — ביסטו גרייט?

שימאָן פילט זיך באַליידיקט און ס'צעראָזיקט זיך דאָס פּנים. פאַרוואָס אַזאַ פראַגע, און גראָד אויף זיין אַדרעס. און פון וועמען? צי ווייס נישט דער חבר קאָמאַנדיר, אַז אַזאַ פראַגע איז צו אים, שימאָנען, איבעריק?

דער קאָמאַנדיר ווייס עס. ער פאַרשטייט, פאַרוואָס זיין קעמפער איז געוואָרן אַזוי אומעטיק. נעמט ער אים ליבלעך אַרום:

— ביסטו טאַקע באַליידיקט אויף מיר שימאָן?

דער יונג פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין. ווי האָט ער טאַקע געקענט גאָר טראַכטן אַזוינס? עס וואַרעמט אים דעם קאָמאַנדירס צערטל. זיין האַלדזן אים. אַך, ווען ער זאָל זיך נישט שעמען, וואָלט ער זאָגן איצט זיין קאָמאַנדיר... ניין, ווען ער וואָלט געקענט, וואָלט ער געעפנט זיין האַרץ — דאַן וואָלט דער קאָמאַנדיר דערזען, ווי אַ צעכוואַליעטער וואָלקאַן ברויזט אוים:

— חבר קאָמאַנדיר! פאַר אונדזער פאַרפייניקט פאָלק, פאַר די דערמאָרדעטע — וועל איך אַלע טויטן פון שונא בייקומען. און וואָס שייך, חבר קאָמאַנדיר, אָלינען, פאַרזיכער איך, אַז אייער אויפגאַבע וועל איך אויספירן. ער וועט שוין פון מיינע הענט נישט אַרוים! — — — — — —

ביידע שווייגן די הערצער אָבער שטורעמען.

גייט דער יונג אַן אַרומגענומענער פון פעסט־געבויטן האַרציקן קאָ־מאַנדיר. שפּאַנען זיי ביידע אויף די שמאָלע סטעזשקעס צווישן די זעמ־ליאַנקעס. די ערב־פרילינגדיקע זון צעשטראַלט זיך אויף די טונקעלע קעפּ. טוקט זיך אַריין אין האַרצן אַריין און לאָזט דאָרט איבער אַ צאַפּל. אַ דערמאַנונג פון אַ פרילינג וואָס איז אַוועק און אַ פרילינג וואָס שטייט שוין ביים שוועל.

### 3.

דער וועג איז ווייסער סאַמעט.

וויבערן זיך צוויי שליטנס אין אָדלערדיקע פערדלעך, ווי זיי וואָלטן אין דער לופטן געפלויגן.

פיר יאָטן — פּאַרטיזאַנער, פאָרן אין אַ חלום — כאָטש די וואָר איז האַרב און שרעקלעך.

זיי פילן נישט דעם פּאָר. זיי זעען נישט די גאָלדיקעביימערשפּיצן. זיי פילן נישט די ליבנדיקע פּאַרטאַגיקע זונען־שטראַלן.

די פיר פערדלעך גאַלאָפּירן און אין די שליטנס ווי קיינער וואָלט נישט געווען. טויטער שווייגן.

עס קומט אויס די קעמפער, אַז אין זייערע נערוון זיינען די פערד־לעך געשפּאַנט שטייף און אָנגעצויגן.

— פּאַרטיזאַנער פאָרן?

קיינער וואָלט דאָס גאָרנישט געזאָגט.

אין פּאַרלאַטעטע פּויערישע פּעלצן און שווערע סיערמיאַגעס אויף דעם. די היטלען איבער די אויגן פאַררוקט און אויך אויף די פּנימער זעט זיך גאָרנישט אָן. — פּאַרוואַקסענע אַזעלכע, קודלעוואַטע. כיבע מען זאָל אין די קעשענעס זוכן,די סיערמיאַגעס אָפּשפּילען.

— וואָס וואָלט געווען?

די קעמפער טראַכטן אויך וועגן דעם. נו, קיין זאַך וואָלט נישט גע־ווען. ווי נאָר ס'וואָלט אַ פרעמדע האַנט צו זיי אין קעשענע זיך גערוקט, וואָלט שוין יענער פאַרשפּאָרן צוריקנעמען זי.

דער וועג איז אויסגערעכנט. די אויפגאַבע — אין יעדן פּינטל. און... אַט איז שוין סווענציאַן.

זיי פאַרלאַנגזאַמערן דעם טעמפּ פון פלי. קריכן אַריין אין דער פאָרנ־דיקער ריי פון אַנדערע שלעפּעוודיקע פערדלעך. ביז וואַנען מען בלייבט שטיין פאַר דער לאַנגער געדימין־גאַס, ווו עס געפינט זיך דער קאָמיסאַריאַט.

יעדער מיט זיין צעטל — יעדער מיט זיין פּעקל.

וואָס דער צעטל מיינט, שטויסט זיך יעדער אָן. דאָס מיינט — קאַ־טאָרגע אין דייטשלאַנד. דאָס מיינט — אַוועקגעשיקט צו ווערן אויפן פראָנט. דאָס מיינט פאַר פרויען — ווערן אַ פּראָסטיטוטקע ביי די פראָנט־הייזלעך.

וואָס מיינט דאָס פּעקל?

אַלינס דעוויז איז — שפּעק!

און די פּויערים מוזן דעם האַר זייערן ברענגען, ווען זיי קומען צו אים, מתנות. ס'איז גוט אַ חזיר, פּוטער, אייער, ס'איז רעכט סמעטענע, קעז, אַ הון (זיינע קרובים אין דייטשלאַנד פאַרוואָרפן אים מיט דאַנקען פאַר די „הערלעכע פּאַקעטן" וואָס ער שיקט זיי).

— לעצטנס, — טענהט אַ פּויער — העלפן שוין די מתנות אויך נישט... ער בורטשעט, שרייט...

— דאָס ווייב דערעסט אים די יאָרן געווים — ווילצט זיך שימאָן.

— דאָס ווייב, — שמייכלט צו זיין חבר וויטעק — מיט איר וואָלט ער זיך נאָך אַן עצה געגעבן...

— ערגער איז שוין מיט די דאַטשניקעס (פּאַרטיזאַנער) — פּיפּקעט אַרויס אַן אַלטיטשקער.

— אין סווענציאַן האָט ער נאָך נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר זיי.

— ווייסט איר נישט, קינדערלעך, אַז די שרעק האָט גרויסע אויגן: — חכמהט זיך דער אַלטער.

— ששששששש...... די טיר איז שוין אָפן!

דער עולם האָט אַ שפּאַר געטאָן און זיך צעשאָטנט איבערן פּאַרקעט צו די בענק אין טונקעלן קאָרידאָר.

:: :: ::

ליטאַוער — שטשערעט אַרום דער געביטס־קאָמיסאַר — הערנדיק די נאַציאָנאַליטעט פון זיין אינטערעסאַנט.

ער, פרידריך, האָט זיך אויך אין די ליטווינער אנטוישט. „אויך מיר אַ פאָלק... ליטאַוער... געהערט אַמאָל אַזאַ שפּראַך?"

אַלין קען פראַנצויזיש (געווען אין פּאַריז 1940), קען פּויליש (גע־ווען אין וואַרשע 1941, קען שוין נישקשה רוסיש (באַלד געווען אין מאָסקווע). געמיינט האָט ער, אַז ער וועט נאָך זיין אין לאָנדאָן... ניו־יאָרק און... פאַרבליבן שטעקן אין פּאַרוואָרפענעם סווענציאַן.

וואָלט שוין גוט געווען אויף דער העק, לאָזן אָבער די פּאַרטיזאַנער נישט איינרוען. קען מען די נאָז נישט אַרויסשטעקן. און אויסער דעם די באָלשעוויקעם — גייען פאַראויס און פאַראויס.

— ליטאַוער — חזרט ער איבער פאַר זיין אינטערעסאַנט מיט אַ חוזק־שמייכעלע.

— ליטאַוער! — זאָגט נאָכאַמאָל שימאָן און פילט, אַז אָט־אָט און דער ווולקאַן וואָס שפּאַרט אין אים רייסט אויף. ער באַהערשט זיך אָבער „נישט איצט איז די צייט אויף דעם. כ'וועל אים אין קאָרידאָר ארייננאַרן און דאָרטן מיט ווינטען, מיט איצקען, אוגאָלן, אין די אויגן פאַר אַלע פויערים אויספירן דעם אורטייל איבער אים. אָט ווען אַלין ווייס האָט, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין די קעשענעס... ווען אַלין ווייסט, ווער איך בין. נאָר צום טייוול, — זיין פאַרטרעטער זעט זיך נישט. אויך ער גייט דאָך אַריין אין אונדזער אויפגאַבע".

פרידריך דערשפּירט, אַז זיין אינטערעסאַנט איז גאָר נישט קיין גע־ווענלעכער פויערל. ס'האָט אים אַ ברי געטאָן דער שטאָלצער ענטפער. האָט ער אים אַריינגעקוקט אין פּנים:

— דאַכט זיך די זעלבע מיסט — טראַכט אַלין — ווי אַלע, פאַר־

וואקסן די האר ווי א סטראשידלע, צעקודלט, טא וואס האלט ער זיך אזוי גרויס? וואס ער איז געבוירן אין סוויענציאנים" געלעכטערט זיך אין אים.

— שפעק האסטו? — האט ער זיך אוועקגעשטעלט אין זיין בליש־טשעדיקער אוניפארם פאר שימאנען.

— יא מיין הער, — האט זיך שימאן פארבויגן — א גאנצן זאק געבראכט פאר אייך. נישט געקענט אליין ארייטראגן אהער.

— א גאנצער זאק זאגסטו? — ווערט אלין לעבעדיקער — העריך!

— טוט ער א נעם די שטוביקע טעלעפאן־טרייבל — קום אראפ, דיין הילף איז נויטיק.

אויך שימאנען ווערט פרייעלעכער. דער פלאן הייסט עס גיט זיך איין.

— ער וועט שוין גיין ביי מיר ווי א קאטינקע.

העריך טוט א פראל די טיר:

— נו וואס, פרידריך, איך בין גרייט און אויך מיין מאוזער.

פרידריך צעלאכט זיך:

— דעם מאוזער פארשטעק... דיין האלדז דארף מען!

— מיין האלדז איז שטענדיק גרייט! — צעהירזשעט זיך העריך.

— נו איז גוט... איז גוט. דאן קום, מיין ליבער... דו זעסט דעם הער — דא האט פרידריך עלעגאנט א ווייז געטאן אויף שימאנען, — דער הער האט אונדז געבראכט שוין איינמאל א מתנה.

— אפשר אויך סאמאגאנקא — לייגט העריך ליבלעך די האנט אויף שימאנען ארויף.

— ניין, מיין הער, כ'האב געהאט מורא, אז די פלעשער וועלן זיך צעברעכן אויפן וועג — טוט א ציטער שימאן, דער דייטש זאל אקארשט נישט דערטאפן דעם אויטאמאט.

— נו ס'מאכט נישט, ס'מאכט נישט.

די דייטשן שפאנען לעבעדיק דורך דער קאנצעלאריע אין קארידאר ארויין.

שימאן הינטער זיי.

די פויערים שטעלן זיך אויף. נעמען די היטלען אראפ און פארבויגן זיך טיף.

— ביטע, מיינע הערן... אָט איז דער זאק — ווייזט שימאָן אָן אין א ווינקל.

פרידריך און הענריך גנעמען אָן דעם זאַק פאר ביידע זייטן:

— אָך, ווי שווער, וואָס ליגט דאָרטן? שפּעק זאָגסטו?

— שפּעק מיין הער! א גאַנצער חזיר און נאָך עפּעס. —

פרידריך וויל אָפּבינדן. די קעמפּער שטייען גרייטע, די הענט אין די טיפע קעשענעס פארשטעקט, ווארטן אויפן צייכן פון זייער קאָמאַנדיר, אויף שימאָנען, ער זאָל אָנהויבן. עס קומט זיי אויס, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט. אָט אַזוי ווי זיי זיינען איינגעבויגן איבערן זאַק, זיי אַריינשיסן עטלעכע סעריעס.

שימאָן וויל זיך נאָך אָבער א שפּיל טאָן מיט זיי, זאָלן זיי נאָר א פּאָר מינוט דיכענען. זאָלן די פויערים זען, וואָס פארא מתנות ער מיט זיינע חברים האָבן געבראַכט די דייטשע האַרן.

— צום טייוול — ערגערט זיך פרידריך, — ברענג דאָרטן, הענריך, פון דער מאַשינגעווער די שערעלע.

און איידער נאָך הענריך באַווייזט זיך אומצוקערן, געלינגט שוין פרידריכן דעם קנופּ אויפבינדן. ער גיט אָן עפּן ברייט דעם זאַק:

— שטרוי, גוט פאַרפּאַקט — רימט ער שימאָנען.

די פויערים שטייען אין האַלבן קרייז, זיינען טשעקאַווע צו זען וואָס פאַרא מתנות מען האָט געבראַכט דעם פריץ.

פרידריך שאַרט אַרויס דאָס שטרוי און טאַפּט אָן:

— א ציגל... — קען נישט פאַרשטיין אַלין. ער טוט א טאַפּ טיפער אין זאַק. שלעפּט אַרויס:

— וואָס פאַרא ציגל — טוט ער זיך א...

אָבער איידער דער קער קומט, האַלט שוין שימאָן אין זיינע ביידע הענט די טעטעען.

און איידער דער קער קומט — טוט שימאָן א צי אויס די רעכטע האַנט צו דעם בלוט-רויטן קאַרק און אויסזייענדיק צווישן די ציין:

— אָט האָסטו דיר מתנות! — קנאַק! — ס'טוט א בלאַנק פייער-בליץ צוזאַמען מיט א קנאַל.

פרידריך פאַלט מיט דער פּלייצע אויף שימאָנס לינק־באַוואָפנטער אויסגעשטרעקטער האַנט.

דורך דער אָפענער קאַנצעלאַריע־טיר לויפט העגריך מיט דעם שערל. שימאָנס רעכטע האַנט איז פריי, ציט זי זיך אויס אַהין, אין קאָנטאַר אַריין, צו העגריכן. קנאַק, קנאַק. העגריך גיט זיך אַ וואַקל און פאַלט אויף אַ צעקרעבצעטן שטול.

די פּויערים שפּאַרן אין מורא צום טיר.

— בלייבן! — טוט אַ דונער ווימיע און שטעלט זיך אַוועק ביי דער טיר.

— נישטאָ וואָס צו לויפן, חברים — באַרואיקט איצקע די פּויערים.

— חבר קאָמאַנדיר, ער לעבט נאָך! — רופט אויס אַנטאָן, ווייזנדיק אויף פרידריכן.

— ער לעבט נאָך? — האָט שימאָן אריינגעבליצט אלינען אין פּנים אַריין. — ל י ט אַ ו ע ר געפעלן דיר נישט, סוואָלאָטש? האַ? דאָ האָסטו פון אַ ליטאַוער... אַ ייד בין איך אויך... אַ ייד!...

ס'איז אונטערגעלאָפן איצקע:

— דערלויבט, חבר קאָמאַנדיר, מיר איין סעריע.

— רייב ברודער — דערלויבט שימאָן.

— נאַ דיר, מערזאַוויעץ, פאַר מיינע עלטערן, — ציטערט אויס איצקעס אויטאָמאַט.

— גיט אים שוין פאר אונדז אלעמען — ווערן די פּויערים דרייסטער. מוטשקער.

—נאַ דיר פאַר זיין טאָכטער — רופט אויס אַנטאָן — און שיט אים אַריין אַ קורצע סעריע.

— גיב אים שוין פאַר אונדז אַלעמען — ווערן די פּויערים דרייסטער.

די פאָלקס־נקמה־געמער זשאַלעווען נישט.

שימאָן גיט נאָך אַמאָל אַ קוק אויף די באַנדיטן, „אין אָרדענונג, הייסט עס".

פ אַ ר ט י ז אַ נ ע ר  ג י י ע ן!...

— אַפּ חברים! — טוט ער אַ קאָמאַנדע — אונדזער אויפגאַבע איז אויסגעפילט.

::   ::   ::

דער וועג איז ווייסער סאַמעט.

וויכערן זיך צוויי שליטנס אין אָדלערדיקע פערדלעך צוריק. צוריק אין וואַלד אַריין, אַהיים....

געשטאַפּאָוועס איילן. פּאָליציי לויפט צום אָרט, וווּ ס'האָט זיך דאַכט זיך געהערט אַ שיסעריי.

און די פערדלעך פּליען, טראָגן זיך ווי אין דער לופטן. די קעמפער זיינען צעשויבערט, צערויטלט. פון די אָפּגעשפּילטע סיערמיאַגעס צינדט זיך די זון אין אויטאָמאַטישן שטאָל.

די יאַטן שוועבן. עם פלאַטערן אין ווירבל צעשויבערטע האָר אין ווינט ווי זונענשטראַלן.

זיי קושן און האַלדזן זיך.

דער זון אַנטקעגן שטעלט זיך שימאָן ווי אַן אָנגעצונדענער פאַקל, נעמט אַריין אין זיך די פראָסטיקע לופט און אָטעמט ברייט אויס:

— זאָל לעבן די נקמה!

צעגליען זיך צעזונגענע נשמות ביי זיינע חברים, צינדן אָן די אַ"ו־מיקע וועלדער, דעם בלענד־וויסן שניי און פלאַקערן אויס ווי אין עכאָ:

— זאָל לעבן די נקמה!

זאַזיעריער וואַלד, בריגאַדע „זשאַלגירים", אפריל 1944.

# העלדישע מיידלעך

„לאָמיר נישט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה!....

פון די אַכציק טויזנט יידן אין ירושלים ד'ליטע זיינען געבליבן נאָר צוואַנציק טויזנט... אַלע וועגן פון געשטאַפּאָ פירן אויף פּאָנאַר און פּאָנאַר איז טויט... דער איינציקער ענטפער אונדזער שונא איז — ווידערשטאַנד!

„ברידער און שוועסטער! בעסער פאַלן ווי פרייע קעמפער איידער לעבן פון מערדערס גנאָד. זיך קעגנשטעלן ביזן לעצטן אָטעם!"

ווימקען און זעלדען זיינען פון געדאַנק נישט אַרויס די ווערטער פון ערשטן אויפרוף, וואָס ס'האָט אקאָרשט ארויסגעלאָזן די געגרינדעטע פּאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע" (פּ. פּ. אָ.) אין ווילנער געטאָ.

דער אויפרוף האָט אויפגעשוידערט, געהייסן זיך פאַרטראַכטן און געלאָזן אין האַרץ אַ פונק וואָס האָט זיך אַלץ מער און מער פונאַנדער־געפלאַקערט.

דאָס איז געווען דעם 1־טן יאַנואַר 1942. דער אויפרוף איז געווען די ערשטע פּראָקלאַמאַציע אונטערן יאָך פון דייטשישן אָקופּאַנט!

ווימקע האָט שוין אין יאָר 1939 דערשפּירט, וואָס עס איז אַזוינס דער דייטש. זי האָט שוין געהאַט דעם כבוד צו זיצן אין קאַלישער (איר געבוירנאָרט) געשטאַפּאָ. איצט, אין 1942, האָט ווימקע זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף קעגן זיי.

דער פּאַרטיזאַנער אָטריאַד אין ווילנער געטאָ האָט באַשלאָסן אַרויס־צושיקן שליחים איבער אַלע געטאָס פון די אָקופּירטע געביטן:

— קאָוונע און ביאַליסטאָק! וואַרשע און לעמבערג! זייט וויסן, אַז

דער היטלעריזם ברענגט אייך פאַרניכטונג! אָרגאַניזירט זיך! שאַפט פּאַר־טיזאַנער־אָטריאַדן! פירט דורך דיווערסיע און סאַבאָטאַזש־אַקטן אין די דייטשישע אונטערנעמונגען ווו איר אַרבעט. אָרגאַניזירט צום קאַמף די יידישע מאַסן פון די געטאָס!

וויטקע פאַרבט אָפּ די האָר אויף בלאָנד, נעמט אַראָפּ פון זיך די געלע לאַטע און גייט אַרויס אין שטאָט ווי אַן אַריער, כדי צו אָר־גאַניזירן דאָס אָפּפאָרן פון די ווילנער פּאַרטיזאַנער־שליחים אין די יידישע קבוצים.

ווילנער געטאָ טרינקט זיך אין בלוט. צענדליקער טויזנטער זיינען שוין אויסגעמאָרדעט געוואָרן. די נייע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזירן זיך צו נעמען נקמה. דער שטאַב פון פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד באַשליסט אויפצו־רייסן אַן עשאַלאָן אויף דער ליניע ווילנע — ניי ווילייקע.

די אויפגאַבע דורכצופירן ווערט געגעבן וויטקע קעמפּנער און איזיע מאַצקעוויטש. דריי מעת־לעת וואַלגערט זיך וויטקע אָפּ אין די וועלדער ביי די אייזנבאַן־ליניעס, כדי אויסצושפּירן אַ זיכערן אָרט פאַר דער די־ווערסיע. שניי און בלאָטע, קעלט און ווינט.

אין אַ פינצטערן ווינטערדיקן אָוונט, אַרומגערינגלט מיט נאַכט, לאָזן זיך די צוויי יידן־פּאַרטיזאַנער אַרויס פון געטאָ דורך אַ באַהעלטעניש.

אַדאַנק וויטקעס פריערדיקן אויסשפּירן, בלאָנדזשען זיי שוין נישט אויף די זייטיקע סטעזשקעס, דורך וואַלד, איבער בערג. עס דויערט סע־קונדעס דאָס צופעסטיקן דעם דינאַמיט צו די שטאָלענע רעלסן. עס ־ע־דויערט בלויז מינוטן, זיי דערלויפן קוים צום וואַלד, ווי עס גיט מיטאַ־מאָל אַ קנאַל אויף די לופט מיט כליע און ראָזע פייערן. עס צעזשומען זיך איבערן הימל שטיקער בראָך פון צעדרוזגעטע וואַגאָנעס. עס צעפליען זיך איבער דער פורפור געוואָרענער נאַכט אָפּגעהאַקטע קלאָג־געשרייען.

אויף מאָרגן פליסטערט פון אויער צו אויער די באַפעלקערונג, דער־דייטשישער גאַרניזאָן, די געשטאַפּאָ:

— 200 דייטשישע אָפיצירן און סאָלדאַטן מיט זייער געווער זיינען צעסיעטקעוועט געוואָרן אויף פּיצלעך.

וויטקע ווערט דורכן שטאַב באַשטימט פאַר אַ גרופּן־קאָמאַנדיר, יוּ־

זי ווייזט אַרויס אין איר אָנפירערשאַפט געוואַגטקייט און העלדישקייט.

ס'בלוטיקן טעג און חדשים, קנוילן זיך אין יאָרן. די געטאָ ווערט ליקווידירט. וויטקען ווערט איבערגעגעבן די אויפגאַבע אַרויסצוגיין אין שטאָט, אויסשפּירן די לאַגע, די זיכערע וועגן, כדי די פּאַרטיזאַנער זאָלן קענען אָפּטרעטן אין וואַלד.

זי פירט אָן מיטן אַרויסטראָגן דאָס געווער פון געטאָ און נוצט אויס אַלע מעגלעכקייטן דערביי.

זי טראָגט אַליין אַרויס דורך מעלינעס (באַהעלטענישן) ביקסן, פּו־לעמיאָטן, קוילן. זי באַהאַלט דאָס געווער אין די ארונות ווו עס ליגן מתים, אַרויסגעפירט צו ווערן אויפן בית־עולם, ווו ס'איז אויך דער זאַמל־פּונקט פון די פּאַרטיזאַנער.

דאָ, צווישן די הונדערט־יאָריקע מצבות, ווערט געבוירן א ניי לעבן. מער טראָגן שוין דאָ נישט די יידן קיין געלע לאַטעס, זיי טראָגן אויף זיך געווער.

וויטקע פירט זיי דורך זייטיקע וועגן, שניידנדיק די באַן־ליניעס, צו די נאַראָטשער וועלדער. וויטקע און איר חברטע זעלדע טרעגער גייען פּשוט אין פייער, כדי אויסצושפּירן בעסערע ערטער, ווו די פּאַרטיזאַנער זאָלן קענען דערגיין צו זייער ציל.

ביינאַכט שטייען אויף איינגאַטאָווער געסל ביי אַ הויף פּאָליציאַנטן און נעבן זיי שטייט און שמועסט זיך געמיטלעך דורך וויטקע...

ווער זיינען זיי? דאָס זיינען יידישע פּאַרטיזאַנער איבערגעטאָן אין פּאָליצייאישע קליידער. זיי שטייען דאָ איצט צוזאַמען און וואַרטן דאָ אָפּ זייערע חברים, וועלכע דאַרפן פון דאנען אַרויסגיין דורך די שטאָ־טישע קאַנאַליזאַציע־רערן.

אין דער רודניצקער פּושטשע דאַרף וויטקע דורכפירן אַ וויכטיקע אויפגאַבע: גיין אין שטאָט און פאַרניכטן אין די צענטראַל־גאַסן די עלעקטרישע טראַנספאָרמאַטאָרן און וואַסער־לייטונג.

אָנגעטאָן ווי א גרויס־שטאָטישע פרייליין, געפּודערט און געפאַרבט, מיט אַ שיין, עלעגאַנטע וואַליזקעלע (ווו ס'ליגט דינאַמיט) טרעפן מיר וויטקען שפּאַצירנדיק איבער די ווילנער גאַסן.



פון רעכטס: זעלדע טרעגער, רוזקע קאָרטשאַק און וויטקע קעמפּנער.

אײדער וואָס, גנבעט זי זיך אַריין אין יידישן קאָנצלאַגער ,,קיילים". אָרגאַניזירט דאָרט אַ גרופּע יידן, כדי זיי צו ברענגען אין וואַלד. אין אָוונט שלייכט זי זיך פון דאָרט ארוים אין שטאָט, קומט אויף די קרייצוועגן פון די גאַסן: אָזשעשקאָווע און זיגמונטאָווסקע, לייגט אונטער אַ מינע אונטער די עלעקטרישע טראַנספּאָרמאַטאָרן און ביי די קאַנאַליזאַציע־רערן, וואָס פירט אויף זאַרעטשע־גאַס און... פּלוצלינג טרייסלט זיך אויף די שטאָט פון אויפרייס.

ביז היינטיקן טאָג איז נאָך קאָנטיק אויף זיגמונטאָווסקע גאַס — וויטקעס אַרבעט.

נאָכן אויפֿריים גייט זי אַוועק צום אָפּגערעדטן אָרט, אויפֿן יידישן בית⸗עולם און פֿירט מיט זיך 60 יידן פֿון קאָנצלאַגער אין פּאַרטיזאַנקע.

די גרופּע איז כמעט ווי אָן געווער, ווייניק דערפֿאַרונג, מען דאַרף האָבן געוואלדיקע אָריענטאַציע דורכצוגיין די טויזנטער געפֿאַרן פֿונם זעכציק קילאָמעטערדיקן וועג. וויטקע פֿירט עס דורך און ברענגט די 60 יידן אויף דער פּאַרטיזאַנער⸗באַזע.

איז נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס דער אָ ריאַד „נקמה נעמער" טרויט איר אָן דעם וויכטיקן פּאָסטן פֿון אַ קאָמאַנדיר פֿון דער אויסשפּיר⸗אָפּטיילונג. איר אָפּטייל באַזאָרגט דעם אָטריאַד מיט אינפֿאָרמאַציעס, ווו ס'געפֿינט זיך דער פֿיינט, וועגן זיין צאָל און באַוואָפֿנטקייט. איר אָפּטייל ווייס אויך גוט, ווער ס'זיינען די פֿאָלקס⸗פֿאַררעטער, וועלכע רויבן און קאַטעווען די באַפֿעלקערונג.

די אָטריאַד⸗גרופּעס, וועלכע גייען אויף אויפֿגאַבעס, האָבן זייער אַ סך צו פֿאַרדאַנקען וויטקעס אָפּטייל. די פּאַרטיזאַנער גייען זיכערער אויף די וועגן, וועלכע זיינען נאָר וואָס אויסגעפּאָרשט געוואָרן פֿון דער אויסשפּיר⸗אָפּטיילונג.

מיט דעם באַגנוגנט זיך אָבער נישט וויטקע. זי פֿירט אָן מיט אַ גרופּע, וועלכע לאָזט אַראָפּ אַן עשאַלאָן מיט הונדערטער היטלעריסטן, זי נעמט אנטייל אין פֿאַרברענען צוויי בריקן און צוויי לאָקאָמאָטיוון. צוזאַמען מיט נאָך צוויי פּאַרטיזאַנער גייט זי אין שטעטל אָלקעניק, ווו ס'געפֿינט זיך אַ דייטשישער גאַרניזאָן און רייסט דאָרט אויף די טערפּענטין⸗פֿאַבריק.

און אַז מען דאַרף אַריבערטראָגן פֿון דער וואַלד⸗דרוקעריי אין שטאָט, צום אומלעגאַלן קאָמיטעט, ליטעראַטור, איז צו וויטקען און זעלדען שווער צו געפֿינען אַנדערע.

וויטקע פֿאַלט אַריין אַפֿילו איין מאָל אין די הענט פֿון דער געשטאַפּאָ; מען געפֿינט ביי איר פּאַרטיזאַנישע ליטעראַטור. אונטער אַ וואַך פֿון ביקסן ווערט זי געפֿירט אין תפֿיסה. זי האָט אָבער נישט געטראַכט אַפֿילו צו דערגיין צום טויער: „בעסער פֿאַלן אין גאַס פֿון אַ קויל, איידער אַריינ⸗

פאלן אין תפיסה אין זייערע הענט". — האָט זי כסדר געטראכט. אויס־גוצנדיק דעם מאָמענט, ווען איינער פון די פּאָליציאַנטן האָט זיך אָפּגע־קערט, איז זי ווי א קאַץ פארשוווּנדן געוואָרן אין דער טונקלקייט פון אָוונט און פאַר אייניקע געמט זי מיט דעם סעקרעטאַר פון שטאָט־קאָ־מיטעט אין בריגאַדע־שטאַב.

וויטקע האָט געהאַט צו זיך זעלדען.

איך האָב געזען זעלדען אין געטאָ און זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די ייִנגעטשקע 20־יאָריקע שטילע מיידל, זאָל אַזאַ פאַרעקשנטע און דרייסטע קעמפערין זיין. אויך זעלדע איז געגאַנגען אין שטאָט ווי אַן אַריערין אויספירן פאַרשידענע אויפגאַבעס.

ס'איז שווער ביי איר וואָס אַרויסצובאַקומען. שטילער פון שטיל. באַ־שיידן. זי רויטלט זיך, ווען זי דאַרף רעדן וועגן איר לעבן אין פאַרטיזאַנקע.

„פון געטאָ אין וואַלד בין איך געקומען דעם 23־סטן סעפּטעמבער 1943. די ערשטע צייט, ווען מען פלעגט מיך נישט שיקן אויף קיין אויפ־גאַבעס, פלעג איך שטעלן די פראַגע דעם קאָמאַנדיר, פאַרוואָס מען שיקט מיך נישט אין ערגעץ און צו וואָס בין איך דאָ געקומען.

אין אַ וואָך אַרום האָט מען מיר געשטעלט די אויפגאַבע: איך זאָל גיין אין דאָרף און דערוויסן זיך, וואָס פאַר אַ כוח פון שונא געפינט זיך אין די נאָענטסטע גאַרניזאָנען פון ווייסע־וואקע און דאַטי. ווען איך האָב די אויפגאַבע אויסגעפירט, האָט מען מיר באַפוילן אַדורכרייסן זיך אין שטאָט און ווערן די פאַרבינדערין פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַ־ציע. גלייכצייטיק האָב איך אויסגענוצט מיין זיין אין שטאָט מיטן באַ־קומען געווער און דאָס אַריבערטראָגן צו די פאַרטיזאַנער, פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז נישט געווען באַוואָפנט.

אין אַ ווינטער־נאַכט (28 דעצעמבער) בין איך אַרומגערינגלט גע־וואָרן אין אַ פויערשע שטוב אויפן וועג פון ווילנע, פון ס. ס. מיט רע־וואָלווערן האָבן זיי מיך געשלאָגן און געהייסן באַשטעטיקן, אַז איך בין אַ יידישע. איך האָב נישט געוויינט, נאָר אָנגעהויבן אויף זיי צו שריי־ען, אַז איך בין אַ פּוילישע און געוויזן מיינע דאָקומענטן. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אַפּנים, זיי האָבן שוין געוווּסט און מיר נאָכגעשפּירט.

מען האָט אָנגעהויבן רעווידירן מיין פּעקל מיט די וואַרעמע קליידער, וואָס איך האָב געטראָגן פאַר מיינע חברים אין וואַלד. אין דעם מאָמענט האָב איך זיך געגעבן אַ דריי אין דער פינצטערניש און בין אַנטלאָפן.

אַ צווייטן מאָל בין איך גייענדיק אויף אַן אויפגעאַבע אַרומגערינגלט געוואָרן פון פלעכאַוויטשיוסעס (אַ ליטוויש־פאַשיסטישער גענעראַל) מי־ליטער. זיי זיינען דאַן געגאַנגען אין געיעג אויף פּאַרטיזאַנער. מיין קאַלט־בלוטיקייט האָט אויך איצט מיר אַרויסגעהאָלפן. כ׳בין צוגעגאַנגען צום ערשטן סאָלדאַט און אים אַ פרעג געטאָן: צי איך קען גיין? ער האָט מיך בלויז אַ פרעג געטאָן, צי איך האָב דאָ נישט געזען קיין באַנדיטן? (גע־מיינט פּאַרטיזאַנער) און מיר דערלויבט גיין ווייטער, גוט וואָס מיין האַנט האָט קיין ציטער נישט געטאָן, טראָגנדיק אין קאָשיק דריי רעוואָלווערן און פינף גראַנאַטן.

פירנדיק מעדיקאַמענטן און קאָרעספּאָנדענץ פון דער אָרגאַניזאַציע, בין איך איינמאָל פאַרהאַלטן געוואָרן אין דאָרף פּאַפּישקי דורך ווייסע. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין אַ ספּעקוליאַנטקע און נישט האָבנדיק אויף מיר קיין פאַרדאַכט, בין איך פריי געלאָזן געוואָרן. נישט איינמאָל האָט דער טויט אויף מיר געלויערט, בלויז מיין אַנטשלאָסענע האַנדלונג האָט מיר שטענדיק אַרויסגעהאָלפן.״

אַכצן מאָל איז זעלדע געגאַנגען פון וואַלד אין שטאָט און צוריק. ס׳איז נישט געווען קיין שפּאַציר, די 50 ק״מ גאַנג איז אויך נישט געווען אויף קיין אַספאַלטענע וועגן. זעלדע האָט געקענט גוט די פאַרשיידענע הינ־טערוועגלעך און דורך זומפּן און בלאָטעס פלעגט זי איר ציל דערגרייכן.

הונדערטער פּאַרטיזאַנער דאַנקען איצט די העלדישע מיידלעך וויטקע קעמפּנער, זעלדע טרעגער און זייערע חברטעס דאָבע, דינה ראָזנוואַלד און די העלדישע רוזקע קאָרטשאַק, וועלכע האָבן זיי אַרויסגענומען פון געטאָ און לאַגער, און געבראַכט אין פּאַרטיזאַנקע.

— די אויפגאַבעס, — דערקלערן שטענדיק מיט שטאָלץ די מיידלעך — פון ברענגען יידן אין פּאַרטיזאַנקע און ראַטעווען זיי פון אומקום, געבנדיק זיי די מעגלעכקייט צו קעמפן קעגן היטלעריזם, האַלטן מיר פאַר

אונדזער וויכטיקסטע, וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן. דערמיט זיינען מיר שטאָלץ!

א שאָד בלויז, וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן צו ראַטעווען מ ע ר".

פאַר די איבערגעבליבענע אין געטאָ און אין די קאָנצלאַגערן, וועלכע האָבן נישט געקענט אַרויסגיין אין וואַלד און זיינען דורך די היטלעריסטן דערמאָרדעט געוואָרן, האָבן די מיידלעך גענומען, נעמען און וועלן נעמען נקמה!

ווילנע, 1944.

# ניִשט קיין חלום

## (און אויך נישט קיין אויסגעטראכטע מעשה)

די ערד־שטיבלעך האָבן די פּויערים שוין לאַנג פונאַנדערגענומען און אין וואַלד גייען מיר איצט שפּאַצירן...

אַמאָל...

דער אַמאָל איז געווען ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. דאַן איז אין די וועלדער געווען נישט דורכצוגיין. פּאַרטיזאַנער־פּאָסטנס אויף שריט און טריט. אין די וועלדער האָט מען זיך געגרייט שטעט איינצונעמען. פון די וועלדער זיינען טאָג און נאַכט באַוואָפנטע מחנות געגאַנגען דורכפירן די אויפגאַבעס: גאַרניזאָנען פאַרניכטן, בריקן צעשטערן, עשאַלאָנען אויפרייסן, דייטשישע מאַיאָנטקעס ברענען...

איצט גייען מיר אין זעלבן וואַלד שפּאַצירן. ס'גייט אונגאַל, סעמיאָנאָוו, אַפּיוואַלע, רודניצקי און פּאַפּקע.

— מיר שפּאַנען דורך אונדזער געשיכטע. — רייסט איבער די שטילקייט רודניצקי.

האָבן זיך אַלע פאַרטראַכט אַ ווײַלע, יעדער האָט געזוכט עפּעס אַ באַקאַנטן קוסט, בוים, אַ סטעזשקע...

— אָ, אָט דאָ, אונגאַל, געדענקסט? — האָט סעמיאָנאָוו אַ געשריי געטאָן, דערזעענדיק אַ גרויסן קײַלעכדיקן אָפּגעזעגטן בוים ווי אַ טיש.

— א פראגע צי כ׳גערענק — צעלויכטן זיך די שווארצאפלען ביים שניידער־יונג — דאָ האָבן מיר זיך דעם לעצטן מאָל אָפּגערוט, א שנעפּסל געמאכט און זיך אוועקגעלאָזן אויף דער באַן־ליניע.

— ריכטיק, מאַלאָדיעץ, ריכטיק! און דערנאָך...

מיר האָבן זיך ארומגעזעצט ארום אָפּגעזעגטן בוים. די פּארטיזאנער האָבן אנגעהויבן דרייען די געשיכטע צוריק.

— מיין גרופּע — האָט אנגעהויבן סעמיאָנאָוו — איז ארויס פון אונדזער פּארטיזאנער־באזע דעם 18טן אפּריל מיט דער אויפגאבע ארא־צולאָזן צום ערשטן מאַי א פייגטלעכן עשאלאָן. אין דער נאכט פון 26סטן



ש. קאטשערגינסקי

און 27סטן האָבן מיר אויף דער באן־ליניע איגנאלינע־דוקשט אונדזער אויפגאבע דורכגעפירט. איך האָב אָבער נישט אנדערש געוואָלט ברענגען מיין אָטריאד צום ערשטן מאַי א מתנה נאָך אן עשאלאָן. אין דער נאכט אויפן ערשטן מאַי האָבן מיר אויך די אויפגאבע דורכגעפירט. ס'איז גע־ ווען א פארגעניגן צו זען ווי דער הימל האָט זיך אין דער פינצטערניש צעצונדן ווי א פלאקערדיק רויטע פאָן און ווי אונדז באגריסט צו אונדזער יום־טוב.

פארטאָג זיינען מיר אריין אין א פארוואָפן בעדל ביי א כוטער און געפלאנט דאָרטן דורכצוטאָגן. מיר זיינען אָפּגעווען דאָרט אפשר א שעה, דובאָוויטש גיט א קוק דורכן פענצטערל און שרייט אויס מיטאמאָל:

— חברה, מיר זיינען ארומגערינגלט.

און איידער מיר טוען זיך א כאפּ פאר אונדזער געווער, צעטראסקען זיך שוין אויפן בעדל פולעמיאָטן און ביקסן. שלעכט. פארשטייט זיך, אז קיין אנדער ברירה איז נישט געווען, ווי געבן א באפעל:

— ארויסגיין און אָפּשיסנדיק, זיך פרווון, ווער עס קען, זיך ארויסרייסן פון דער פיינטלעכער ארומרינגלונג.

דער באפעל ווערט אויסגעפירט. ארום אונדז א 30 דייטשן און פאָ־ ליציאנטן. מיר שפארן ארויס מיט א שיסעריי דורך דער טיר אין אלע זייטן. נעבן מיר פאלט גלייך דובאָוויטש, איך בייג זיך אריבער א קוק צו טאָן וואָס מיט אים איז, ערשט איך דערפיל, אז איך בין געטראָפן געוואָרן צוויי מאָל אין דער אויבערשטער טייל פון רעכטן פוס. דערשפירנדיק, אז פאָליציי דערנענטערט זיך, כדי מיך צו כאפּן א לעבעדיקן, האָב איך זיך געלאָזן לויפן אומקערנדיק זיך אלע ווייל און שיסנדיק אין די יאָגנדיקע נאָך מיר דייטשן. איבערלויפנדיק א בערגל, וואָס האָט מיך פארשטעלט פון שונאס קוילן, דעריאָג איך צו א דערבייאיקן כוטער און קריך אריין אין א קעלער, כאָטש איך זע, אז אויפן שוועל שטייט דער באלעבאָס. איך פארהאק הינטער זיך די טיר און קוק דורך די שפארונעס אויפן שונא, וואָס נישט זעענדיק ווי איך בין אריינגעלאָפן, לויפט דאָך גלייך אין שטיב

מיטן געשריי:

— דו האָסט באהאלטן דעם באנדיט!

צו מיין דערשטוינונג הער איך ווי דער באַלעבאָס ענטפערט:

— ניין, מיינע הערן, דער באנדיט איז געלאָפן ווייטער. ביטע זייער, איר קענט זוכן ביי מיר, ווו איר ווילט. איך ענטפער מיט מיין קאָפּ דערפאַר.

איך הער ווי די דייטשן רייסן זיך אריין צו אים אין שטוב. איך הער ווי זייערע שטיוול טאָפּטשען איבער מיין קאָפּ און יעדע סעקונדע בין איך גרייט מיט מיין געצילטן אויטאָמאַט און פּיסטאָלעט צו שיסן אין זיי, ווי נאָר זיי וועלן די טיר פון קעלער פרווון עפענען. איך בינד ארום מיט דעם אויבערהעמד דעם צעבלוטיקטן געשוואָלענעם פוס און כאַפּ זיך ווידער פארן געווער, ווייל דורך די שפּארונעס זע איך ווי זיי גייען ארויס פון שטוב אין דער ריכטונג פון דער אנטקעגנשטייענדיקער בעדל, ווו זיי האָבן אנגעהויבן שרייען פון ווייטן, איך זאָל ארויסגיין און נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, גענומען שיסן און וואַרפן גראַנאַטן אהין. ס'האָט קיין מינוט נישט געדויערט, די הילצערנע כאַטקע האָט זיך גיך ארומגעכאַפּט אין פלאַמען. די דייטשן זיינען אוועק ווייטער. דער פוס האָט אַלץ כסדר גע־בלוטיקט. כ'האָב נאָכאַמאָל זיך גענומען ארומבינדן. פּלוצלינג הער איך ווי עס סקראַבעט זיך וואָר אין טיר.

— הער זיך איין, חבר, שיס נישט, דאָס רעדט דער באַלעבאָס — רופט וואָר.

איך אָבער גלויב נישט. ציל אָן ווידער דאָס געווער און שווייג. ערשט ווען דער רוף חזרט זיך איבער צום דריטן מאָל, עפן איך אויף.

עס קומט אריין דער באַלעבאָס, הייסט מיר זיין ביזן אָוונט, ווייל ביי טאָג קען מען מיך נאָך באַמערקן. אין אָוונט וועט ער מיר ברענגען עסן און נאָכדעם זען, וואָס מיר האָבן צו טאָן.

איך האָב זיך אוועקגעלייגט אויף די אנגעוואָרפענע קעפּלעך קרויט. איינרוען האָב איך שוין נישט געקאָנט. דער פוס איז געוואָרן אזוי גע־שוואָלן, אז בלויז אויפן בויך האָב איך זיך געקענט שאַרן. ווען ס'איז

געוואָרן פינצטערלעך, האָב איך אַרויסגעפּויזעט פון קעלער און צוגעקראָכן צו א טיר פון א צווייטן כוטער (צו דעם ערשטן באַלעבאָס האָב איך נישט געוואָלט אריינגיין, ווייל איך האָב באמערקט ווי ס'איז אריין צו אים א פרעמדער). איך האָב געבעטן דעם נייעם פּויער, ער זאָל מיך צופירן אויף זיין פערד און וואָגן א 10 קילאָמעטער צום דאָרף זאבעליני, וווּ איך האָב באַקאַנטע. דער פּויער האָט מיך אָבער בלויז צוגעפירט צו דער ערשטער שטוב פון דאָרף יורגעלישאָק און מיך געלאָזן ביים טיר (אריינפירן מיך אינעווייניק האָט ער מורא געהאט). אויך דאָרט האָט מיר דער געלבער־דיקער באַלעבאָס געענטפערט, אז קיין פערד האָט ער נישט, נאָר ער קען מיך לאָזן איבערנעכטיקן אויפן אויוון. מער קיין כוחות צו שארן זיך מיט דעם נאַקעטן פוס אויפן שניי האָב איך נישט געהאט. דער פּויער גיט מיר א טערמאָמעטער, איך מעסט זיך אוים די טעמפּעראַטור: 39:9. די שטוביקע טאַשטשען מיך ארויף אויפן אויוון. שלאָפן האָב איך שוין מער נישט געקענט. ס'האָט אזוי ווי געטאָן, אז איך האָב שוין געמיינט, אָט־אָט און איך ענדיק זיך. עסן האָב איך אויך נישט געקענט. א גלאָז מילך האָט זיך קוים דורכגעזייט צווישן די ציינער. כ'האָב קוים ארויס־געצויגן דעם רעוואָלווער מיטן אויטאָמאַט און אוועקגעלייגט לעבן זיך... „אויף יעדן פאל זיין גרייט" — האָב איך געטראַכט.

די גאַנצע נאַכט האָט מיך קען שלאָף נישט גענומען און כ'וואָלט געוועזן גליקלעך, ווען כ'דרעמל איין. ערשט אין שפּעטן פרימאָרגן האָב איך געכאַפּט א דרעמל. אָבער מיטאמאָל האָב איך דערשפּירט א זעץ מיט א געשריי:

— הענט אין דער הויך!

איך כאַפּ זיך אויף און דערזע קעגן זיך 5 אויסגעשטרעקטע לופעס פון רעוואָלווערן. כ'טו זיך א כאַפּ צו מיין געווער — דאָס אָרט איז פּוסט, דאָס געווער נישטאָ.

— פון אָרט זיך נישט רירן, אז נישט איז מיט א קויל אין קאָפּ! — שרייט איינער.

— באַנדיט, ווי ביסטו דאָ געקומען? — שרייט א צווייטער.

מיט די אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן קריכן זיי ארויף צום אויווז, וואַרפן זיך ארויף אויף מיר און א געבונדענעם טראָגן זיי מיך ארויס פון שטוב אויפן פור.

איך בעט די פּאָליציי, זיי זאָלן פארלאנגזאמערן דעם פאָרן, ווייל עס טרייסלט מיר דער פוס.

— וואָס? — שרייען זיי מיט רציחה — פּאַמעלעכער? גיכער פאָרן — גיבן זיי א שמיץ דעם פערד.

— אָדער פאָרט פּאַמעלעכער, אָדער שיסט מיך, איך הינט! — שטשעמע איך ארויס.

— די יוכעס האָבן זיך אין זיי צעקאָכט און זיי האָבן מיר מיט די פויסטן און קאָלבעס אזוי געשלאָגן אין דעם פארווּנדעטן פוס, אז כ'האָב פארלאָרן דעם באוווּסטזיין און אין סוויעטציאַנער תפיסה בין איך ערשט צו זיך געקומען.

דער וועכטער האָט אריינגעקוקט דורכן יודאש און מיט חוזק אויס־גערופן:

— נו, וואָס, חבר קאָמיסאַר, ווי געפעלט דיר  ד י  פּאַרטיזאנישע באזע?

איך האָב קוים כוחות ארויסצוקרעכצן:

— מערדער, דערשיסט מיך, אָדער פירט מיך אוועק צו א דאָקטאָר.

אויפן דריטן מעת־לעת האָבן זיי מיך אוועקגעפירט אין שטאָטישן שפּיטאָל און אוועקגעשטעלט אין קאָרידאָר, לעבן דער טיר פון פּאַלאַטע, ווּ איך בין געלעגן, א וואָך.

ס'האָבן זיך אנגעהויבן ציען פאַר מיר ווייטערדיקע מעת־לעתן. בלויז די גוטע באציאונג פון דאָקטאָר און פון דער קראנקן־שוועסטער האָט מיר די ווייטיקן געלינדערט.

ביסלעכווייז האָט זיך אנגעהויבן די ווּנד צו היילן, כאָטש די צוויי דום־דום קוילן האָבן דאָרט אנגעמאכט די ריכטיקע חתונה. אָבער יעדער

טאָג, וואָס האָט מיין געזונט פארבעסערט, איז מיר געוואָרן ערגער. אלע האָבן געוווּסט, אז ווי נאָר מיר וועט ווערן א ביסל בעסער, שיקט מען מיך אָפּ אין דער ווילייקער געשטאַפּאָ. איך האָב וועגן דעם אויך געוווּסט. אלע האָבן געקוקט אויף מיר מיט מיטגעפיל, און איך האָב שוין באַצייטנס געפילט דעם טעם פון שפּיזן אין לייב, פון נאָדלען אין די פינגער און פון נאָך ענויים.

ס'האָט מיך געטרייסט מיין שכן, דער ליטווישער וואכמייסטער יאַנושקא פון לינטעפּ. ריידנדיק מיט אים, פלעג איך אָפט פארגעסן אָן מיינע ווייטיקן, אָן דעם וואָס ס'שטייט מיר פאָר.

יאנושקא איז געווען א ליטווישער נאַציאָנאַליסט און האָט געהאָפט, אז דייטשלאנד וועט געבן ליטע אירע אלטע, אלטע גרענעצן, און פולע אומאָפּהענגיקייט. גיך האָט ער זיך אנטוישט.

פון די דייטשן האָב איך זיך אנטוישט.

— כ'האָב געמיינט, — זאָגט יאַנושקא, — אז זיי זאָגן צו, פילן זיי עם פינקטלעך אויס. ווייזט זיך אַרויס, אז צוזאָגן געבן זיי זייער א סך, אָבער די דייטשע פינקטלעכקייט איז שוין נישטאָ.

זיין דייטשער קאָמענדאַנט האָט אים ענדלעך אינגאנצן איבערצייגט. ער האָט געפּאָדערט ביי יאנושקאן זיין 14 קויליקן בעלגישן פּיסטאָלעט — יאנושקא האָט עס געהאלטן פון ליטווישן מיליטער נאָך ווי אן אנדענק און וועגן דעם געזאָגט דעם דייטש. דער לעצטער האָט זיך אָבער נישט געוואָלט פארשטיין אויף אזעלכע ווייבערישע דריידלעך און האָט יאנושקאן אריינגעשאָסן א קויל אין קני. איצט איז געלעגן דער ליטווישער וואַכמייסטער אָן א פוס ביז די קני און מען האָט אים געשניטן אלץ העכער.

יאנושקא האָט מיר געהאָלפן מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט. שפּייז, מעדיקאָמענטן, וועש און האָט מיך, ווי געזאָגט, געטרייסט, אז איך וועל געזונט ווערן.

נישט געטרייסט האָט מיך דער דאָקטאָר. ער האָט דאָך אויסגעצייכנט געוווּסט, אז מיין בעסער ווערן ווערט פאר מיר ערגער.

ציען זיך אזוי וואָכן און איך בענק נאָך דער פריי, אז איך ווער משוגע. איך זע מיינע חברה אויף די אויפגאבעס. איך בין מקנא לאַווירינאָ־וויטשעס און יאָכאים גרופּעס, וואָס רייסן כסדר אויף עשאַלאָנען און איך טראַכט, אז פאר מיר איז שוין אלץ פארפאַלן. די ווייטיקן זיינען פארביי איך קען שוין שלאָפן, אָבער עס שלאָפט זיך נישט. בייזע, וויסטע קאָש־מאַרן אָן אויפהער. גייט אַוועק א חודש. דער דאָקטאָר רופט אוים: —

— מאָלאָדיעץ — און פארכאַפּט זיך.

— כ'בין גרייט, ה' דאָקטאָר, צו אלץ, — זאָג איך פעסט און דאָס האַרץ מיינס באַשליסט, אז ווי נאָר איך קען שטעלן דעם ערשטן טריט, באַפאַל איך דעם פּאָליציאַנט, אַנטוואָפן אים און אַנטלויף. אָבער נאָך עפּעס ברוינט אין מיין האַרץ. דאָס איז די נאָגעניש, די עקבערניש וואָס יאַנושקאַ האָט אין מיר פארזייט:

— דיינע חברים ווייסן דאָך, אז דו ליגסט אין שפּיטאָל, פאַרוואָס באַקומסטו פון זיי די גאַנצע צייט קיין שום גרוסן נישט? האָבן זיי שוין אין דיר פארגעסן?

ליבלעך שמייכלען אוים די בלאָע אויגן פון אַטריאַד־קאָמאַנדיר ח' אַפּיוואָלע.

— איך האָב זיך דערוווּסט שוין דעם ערשטן טאָג, אַז דו ליגסט אַ שווער פארוווּנדערטער. און אַז דו ליגסט אין סווענציאַנער שפּיטאָל, האָבן מיר זיך גלייך דערוווּסט דורך אונדזער ראַזוויעדקע — האַקט איבער אוגאָל — דער קאָמאַנדיר האָט דאָן באַשלאָסן, וואָס עס זאָל נישט זיין, סעמיאָנאָוו מוז געראַטעוועט ווערן. דאָס וואָס דו דאַרפסט ליגן אין שפּיטאָל לענגער, איז געווען פאר אונדז זייער גוט, ווייל דורך דער צייט האָבן מיר גענוי אויסגעשפּירט די לאַגע, ווי אזוי און ווען ס'איז אַמבעסטן דיך אַרויסגנבענען פון דאָרטן. מיר האָבן באַקומען אָפטע ביולעטיגען פון אונדזערע פארבינדלער וועגן דיין געזונט־צושטאַנד. און ווען אלץ איז שוין געווען קלאָר, איז באַשלאָסן געוואָרן מער נישט צו וואַרטן, ווייל

מען קען זיך נאָך אוועקשיקן אין ווילנע אפילו נישט אינגאַנצן קיין אויסגעהיילטן. און ס'איז אונדז ארויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, זיך ארויסכאַפּן פון שפּיטאָל.

— מיר איז באַשטימט געוואָרן אויסצופירן די אויפגאַבע — הויבט אָן פּאַפּקע — כ'האָב אויסגעקליבן זעקס פון די בעסטע קעמפער — סמירנאָוו, רודניצקי, קוזניעצאָוו, אוגאָל, גריבאָווסקי און סוועטשענקאָ. יוען ס'איז געוואָרן שאַרלעך, זיינען מיר ארויס פון דער פּאַרטיזאַנער־באַזע אין וועג. צו סוויענציאַן האָבן מיר געהאַט 15 קילאָמעטער. מיר זיינען דורך הינטישע וועגן דערגאַנגען צוויי קילאָמעטער פון שטאָט איינס אַזייגער ביינאַכט. לויטן פּלאַן האָבן מיר געזאָלט ערשט אין דער קומענדיקער נאַכט די אויפגאַבע דורכפירן. אָבער ס'האָט שוין אין מיר געברענט די אומגעדולד און צו וואָס זיך וואַלגערן און איבעריקן מעת־לעת, און רודניצקי, אַליין אַ סווענציאַנער, זאָגט אויך: „לאָמיר דאָס איצט אָפּטאָפּעטערן און אַ סוף". הכלל מיר זיינען אַוועק. אין שטאָט זיינען מיר אריין אַזייגער צוויי, מיר זיינען פאַרביי דעם יידישן בית־עולם, די לינטעפּער גאַס, דורך טויערן און פּלויטן דורכגעמאַרשירט נאָך צוויי גאַסן. איינע הינטער די אַנדערע גייען מיר אָפּגערוקט אויף פינף מעטער. קיינעם זעט זיך נישט. אָט דערנענטערן מיר זיך צום שפּיטאָל. דאָ דאַרף מען זיין גאָר פאַרזיכטיק, נישט ווייט איז די זשאַנדאַרמעריע, די תפיסה און אַנדערע כאַלעריעס. אַ פּאַרקאַן, אַ טויער, מיר זיינען שוין ביי דעם פראָנט־אריינגאַנג פון שפּיטאָל, אָבער די טיר איז צוגעמאַכט. רודניצקי שושקעט אויס:

— חברה, קומט דורך דעם שוואַרצן־אריינגאַנג.

אָבער אויך דאָרטן איז פאַרמאַכט. בלויז אויפברעכן די טיר איז געבליבן. צו דעם נעמט זיך גריבאָווסקי. ער טוט אַ נעם די קליאַמקעס אין זיינע פעסטע לאַפּעס, אַ צי, אַ צי. דאָס האָלץ קרעכצט און מאַכט אַ טומל אין דער נאַכט, אָבער פאַרפאַלן. אָנגעהויבן — מוז מען ענדיקן. איך נעם די טיר אין מיינע הענט, אַ שפּאַר מיט די פּלייצעס און מיר זיינען שוין אינעווייניק. קיינער פון אונדז וויל נישט בלייבן אונטן אויף וואַך, אַלע ווילן זיין דערביי ווי סעמיאָנאָוו וועט אונדז דערזען. מיר טאַנצן

ארויף אויף דעם אויבערשטן גאָרן. אין פינצטערלעכן קאָרידאָר דרעמלט דער פּאַליציאַנט אויפן ביקס.

— הענט אין דער הויך! — שריי איך אויס.

דער פּאָליציאַנט טוט א ציטער אויף, די ביקס פאלט אויף דער ערד אראָפּ, ער הויבט אויף די הענט און בעט זיך:

— שיסט מיך נישט! שיסט מיך נישט!

— ווו איז דער פארטיזאַן? — שרייט אויס רודניצקי.

דער פּאָליציאַנט ווייזט אָן אויף דער פּאַלאַטע. כ'גיב אַן עפן די טיר, גיב א לויכט מיט דער באטארייקע אויף די שלאָפנדיקע און שריי אויס:

— מישקע, ווו ביסטו? סעמיאָנאָוו! — קיינער ענטפערט נישט.

כ'לויף פון איין בעט צום צווייטן, וועק אלעמען און דערזע צום סוף מישקען און פאל אויף אים ארויף זיך קושן. אָבער ער, פון שלאָף, אַן אויפגערעגטער רופט אויס:

— ס'איז נישט קיין חלום?

— נישט קיין חלום, נישט קיין חלום — זאָג איך. און אנגעהאָנגען אויף מיינע און רודניצקיס פּלייצעס נעמען מיר אים מיט, מיטנעמענדיק אויך דעם פּאָליציאַנט.

מיר זיינען שוין דורך די בערגלדיקע הויפן נישט געגאנגען, נאָר גלייך דורך די גלאטע גאסן, ווייל ס'האָט נאָך סעמיאָנאָוון ווי געטאָן דער פוס.

זייענדיק שוין הינטערן שטאָט, האָבן מיר דערהערט א שיסעריי. אָבער איצט האָבן מיר שוין נישט קיין מורא. מיר זיינען שוין געווען אין וואלד. דער פּאָליציאַנט האָט זיך נאָכאנאנד געבעטן, מיר זאָלן אים אָפּלאָזן, אָדער מען זאָל אים לאָזן גיין מיט אונדז אין פארטיזאנקע. אזוי ווי סעמיאָנאָוו האָט געזאָגט, אז דער פּאָליציאַנט האָט אים קיין שלעכטס נישט געטאָן, האָבן מיר אים אָפּגעלאָזן צוריק. פארטאָג האָבן מיר מישקען געבראכט אין א זיכערן אָרט, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאר אים פון פריער.

— בראוואָ! — פּלאַץ איך ארוים — אַט העלדן! און צי האָט איר געכאַפּט דעם פויער, וואָס האָט סעמיאָנאָוון ארויסגעגעבן?

— מיר זיינען דערנאָך געגאַנגען נקמה נעמען פאר אונדזער חבר — ענטפערט אוגאַל — מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז דאָס האָט געמסרט דער פויער כארלאַן, ווו מישקע האָט געגעכטיקט. אָבער ווען מיר זיינען גע־קומען אין יורגעלישאָק צו אים, איז ער שוין נישט געווען. די פויערים האָבן אונדז איבערגעגעבן, אז ווען כארלאַן האָט זיך דערוווּסט, אז סע־מיאָנאָוו איז ארויסגעגנבעט געוואָרן פון שפּיטאָל, איז ער פון מורא, אז מען וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען, משוגע געוואָרן. לויפט נאָך מסתמא איצט ארום, ווי דאַן, טאָג און נאכט ווי א באוואקסענע חיה איבער פעלדער און דורך וועלדער און וואָיעט:

— געוואלד, איך האָב מיין וועלט פארשפּילט!

— געוואלד, איך האָב מיין וועלט פארשפּילט!

:: :: ::

די זון האָט דעם קאָפּ הינטער דעם וואלד־ראַנד אראָפּגעלאָזן. דער לויטערער ראָזלעכער הימל, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די צעלויכטענע פּארטיזאנער־העלדן, וועלכע זיינען געלעגן אויפן גראָז און געשוויגן...

— און מיר האָבן אונדזער וועלט געוווּנען — האָט, ווי פאַרגעזעצט ווייטער, איבערגעריסן די שטילקייט אוגאַל.

ווילנע, אויגוסט 1944.

# אינהאלט:


| | |
|---|---|
| | זייט |
| *** | 3 |
| פארטיזאנער גייען | 5 |
| א יידישער פארטיזאן | 9 |
| דער 15טער עשאלאָן | 16 |
| אַ גליקלעכער מענטש | 24 |
| מאַמע און זון | 31 |
| צוויי באַגעגענישן | 39 |
| אַ מאַמע | 43 |
| „יאסנאָיע מאָריע" | 52 |
| מיין שעף איז געווען אַלפרעד ראָזנבערג | 65 |
| אַ מענטש | 75 |
| דריי חברים | 88 |
| דאָס מיידל אין די זעלנערישע שטיוול | 99 |
| ווייס געווער | 110 |
| „שמשונען אָפּשערן די האָר" | 117 |
| וועגן פינף העלדן | 122 |
| איציק וויטנבערג | 128 |
| מיין ליבלינג | 136 |
| אין מיטן העלן טאָג | 143 |
| העלדישע מיידלעך | 156 |
| ניט קיין חלום | 164 |